STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03014

ERTS-ISROEL GEOGRAFYE

Avraham Tkatsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבֿרהם טקאַטש

ארץ-ישׂראל געאָגראַפֿיע

פֿאַר שול און היים

פֿאַרלאַג: אַלט-ניי

בוענאָס איירעס, התשי״ט — 1958

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

COPYRIGHT BY
A B R A H A M T K A C H

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Este libro se terminó de imprimir el 14 de noviembre de 1958
en los Talleres de A. J. Weiss, Nicaragua 4462, Buenos Aires

הקדמה

אַ געאָגראַפיע פון ארץ ישראל אויף ייִדיש — דאָס איז דאָך אַזאַ נאַטיר־לעכע זאַך!

אַ געאָגראַפיע וואָס זאָל אויף ייִדיש באַשרייבן דאָס אַמאָליקע ארץ ישראל און די איצטיקע מדינת ישראל; וואָס זאָל דערציילן וועגן דעם צושטאַנד פון איִרע שטעט, דערפער און קבוצים; וועגן זייער אַנטשטייאונג; דעם שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ און וועגן זייער אויפבלי — די נויטיקייט פון אַזאַ געאָגראַפיע איז דאָך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך!

עס איז דאָך קלאָר אַז אַ ייִד וואָס טרוימט אַ לעבן־לאַנג וועגן ארץ ישראל, אַרבעט פאַר דערמעגלעכן, אַז דער טרוים זאָל ווערן אַ רעאַליטעט, שטיצט מיט וואָס נאָר ער קאָן אַלץ וואָס שאַפט זיך אין אונדזער אַלט־ניילאַנד — איז קלאָר אַז אַזאַ ייִד דאַרף האָבן די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן ווו ס׳געפינען זיך און ווי אַזוי זעען אויס די בערג און די טאָלן, די טייכן און די ימים, די אַלערליי ישובים וועמענס נעמען ער הערט און לייענט טאָג־טעגלעך, און אָפטמאָל קומט אים אויס אין זיין פראָפּאַגאַנדע־אַרבעט צו דערציילן וועגן זייער שיינקייט און פּראָגרעס... דאָך, ביז היינט, האָט ניט דער ייִד וואָס זיין נאָענטסטע שפּראַך איז ייִדיש, נישט דאָס קינד פון דער ייִדישער שול, געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אַלע זאַכן דורך דער ייִדישער שפּראַך!

קיין ארץ ישראל געאָגראַפיע איז ניט געווען!

האָב איך גענומען אויף זיך די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע און צוזאַמענגעשטעלט די ארץ־ישראל געאָגראַפיע.

איך פּרעטענדיר כלל ניט אַז די אַרבעט איז אַ פּערפעקטע אָדער אַז זי האָט ניט קיין פעלערן, עס זענען זיכער פאַראַן געניג פון דעם לעצטן מין... און איך וועל זיין זייער דאַנקבאַר די אַלע וואָס וועלן מיר רופן די אויפמערקזאַמקייט אויף די פעלערן וואָס זיי וועלן אָנטרעפן. אָבער איך בין באמת צופרידן וואָס די

גרויסע אויפגאַבע איז שוין פֿאַרענדיקט; און יעדער ייִד, וועמען מדינת ישראל איז טייער, וועט האָבן די געלעגנהייט צו באַקומען אַן אַלזייטיקן באַגריף וועגן ארץ ישראל סיי פֿון היסטאָרישן ווי פֿון אַקטועלן צושטאַנד.

אויך בין איך זיכער, אַז פֿאַר דער ייִדישער שול וועט די געאָגראַפֿיע זיין פֿון גאָר גרויס נוצן ביים העלפֿן איינפֿלאַנצן די בענקעניש פֿון ארץ ישראל און די ליבע צו מדינת ישראל אין די הערצער פֿון די תּלמידים.

* * *

ווען דער טעקסט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן איז געבוירן געוואָרן דער פֿאַר־לאַנג אים צו ווייזן עמעצן, וועלכער איז אַן אויטאָריטעט אין דער מאַטעריע און ער זאָל זאָגן זיין מיינונג וועגן דעם בוך. אַלע מיט וועמען איך האָב מיך באַראַטן האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם פּראָפֿעסאָר משה שדמי, וועלכער דיקטירט ידיעת הארץ אין דער מדרשה און איז דער דירעקטאָר פֿון דעם מכון לתרבות ישראל, אַלס דעם ריכטיקן בר־סמכא אין דער מקצוע און אַלס אַ זייער אויפֿריכטיקן מענטש.

איך מוז אָנערקענען אַז אַ פּאָסיקערע פּערזאָן איז זייער שווער צו קריגן.

פֿאַר דעם פּראָפֿעסאָר מ. שדמי איז געווען אַ איבעראַשונג, אַז עס איז לחלוטין נישטאָ קיין געאָגראַפֿיע פֿון מדינת־ישראל אויף ייִדיש. ער האָט זיך באַלד פֿאַראינטערעסירט מיטן ענין. האָט זיך גענומען די מי איבערצולייענען אויפֿמערקזאַם דעם אָריגינאַל פֿון דעם טעקסט; ער האָט געהאַט די פֿריינדלעכקייט אָנצוווייזן די אומפּינקטלעכקייטן וואָס זענען געווען, און די אויסבעסערונגען וואָס מען דאַרף מאַכן — ווייל מדינת־ישראל בייט זיך דאָך אָן אַן אויפֿהער; דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט און אויף אַ ריכטיקן חברשן שטייגער.

פֿאַר זיין נאָבעלער האַנדלונג גיב איך אים מיין עפֿנטלעכן דאַנק!

נאָך מער דאַנק איך אים פֿאַר זיינע דערמוטיקונגס־ווערטער וועגן דעם פּאָזיטיוון ווערט פֿון דעם בוך אַן־און־פֿאַר־זיך, און פֿאַר זיין באַשטעטיקן און אונטערשטרייכן די נוצלעכקייט און נויטיקייט פֿון אַ געאָגראַפֿיע פֿון ארץ־ישראל אויף ייִדיש.

זיינע פֿריינטלעכע ווערטער האָבן מיר געגעבן דעם קוראַזש אָנצוגיין מיט דער געוואַגטער אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן די געאָגראַפֿיע.

ארץ ישראל

ארץ ישראל האָט אַ סך נעמען. גאָר אַמאָל, מיט 3.500 יאָר צוריק, איז עס געווען באַקאַנט מיטן נאָמען: דאָס לאַנד פון אמורי; די תורה רופט עס — כנען, און אויך: דאָס לאַנד פון די עברים. פון דער צייט פון שמואל הנביא, דאָס הייסט, פון 1030 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, באַקומט דאָס לאַנד דעם נאָמען ארץ ישראל.

ווען די רוימער האָבן פאַרנומען אונדזער לאַנד, האָבן זיי געוואָלט אָפּווישן יעדן צייכן פון דער יידישער עקזיסטענץ, האָבן זיי עס אָנגעהויבן רופן פאַ־לעסטינע, אויפן נאָמען פון די פלשתים וועלכע האָבן אַמאָל באַוווינט דעם מערב־דרומדיקן ברעג פון ארץ ישראל.

פון יאָר ה׳תש״ח, ווערט דער טיטל פון ארץ ישראל, ווו ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מלוכה, אָנגערופן מדינת ישראל, אָדער ישראל.

די גרענעצן

די גרענעצן פון ארץ ישראל ווערן איינגעטיילט אין: נאַטירלעכע און היס־טאָרישע.

די נאַטירלעכע זענען:

אין מזרח — דער אַראַביש־סירישער מדבר.

אין מערב — דער מיטללענדישער ים.

אין דרום — דער נחל מצרים ביז קדש ברנע און פון דאַנען דורכן נגב, ביז דעם גאָלף אילת. אין צפון דער טייך ליטאַני אָדער וואָס הייסט אין זיין דרומדיקן טייל קאסימיא און די בערג אָפּצווייגונגען וואָס ציִען זיך פון דעם לבנון און חרמון.

די היסטאָרישע גרענעצן, דאָס הייסט, די גרענעצן וואָס ישראל האָט געהאַט אין דער צייט פון אונדזערע גרויסע מלכים ווי שלמה, פּאַסן זיך צו צו די נאַ־טירלעכע גרענעצן.



ארץ־ישראל, אייפן אַלטן וועג פון בבל קיין מצרים, וועלכן אברהם אבינו האָט דורכגעמאַכט.

אין חומש ווערן דערמאָנט אַנדערע גרענעצן, פיל ברייטערע אַלס צוזאָג פון צוקונפטיקע, גוטע צייטן: אין בראשית, קאַפּ. ט"ו זאָגט זיך: אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אברמען אַזוי צו זאָגן: צו דיינע קינדער האָב איך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פרת.

די איצטיקע פּאָליטישע גרענעצן פון מדינת ישראל פאַסטן זיך ניט אַרייַן אין די היסטאָרישע און ניט אין די נאַטירלעכע גרענעצן.

די הויפּט־פּונקטן פון די איצטיקע גרענעצן זענען: אין צפון — ראש הנקרה, קדש נפתלי און פון דאָרטן, קיין צפון זייט, ביז מטולה.

אין דרום־מערב — די ליניע: רפיח — גאָלף פון אילת.

אין מערב — דער ים.

אין מזרח — די אָפּצווייגונגען וואָס ציִען זיך פון גולן; דער טייך ירדן, דער ים־המלח, מיט פון עמק הערבה, אילת־גאָלף. אין דער זייט ירדן, האָבן די אַראַבער פון עבר־הירדן פאַרכאַפּט אַ שטיק לאַנד פון מדינת ישראל, וווּ ס'געפינט זיך אַלט־ירושלים, בית לחם, חברון, שכם און נאָך שטעט וואָס זענען זינט טויזנטער יאָרן פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק. אַלט־ירושלים, די היסטאָרישע יידישע הויפּטשטאָט, געפינט זיך אויך ביי די טראַנסיאָרדאַנער אין די הענט.

דער שטח פון מדינת ישראל און איר סיטואַציע

די נאַטירלעכע גרענעצן פון ארץ ישראל נעמען אַרום 59.300 קוו. קל.; די גאַציאָנאַלע היים וואָס ענגלאַנד האָט אָנערקענט פאַר די יידן, האָט אַרומגענומען 27.000 קוו. קל.; די פאַראייניקטע פעלקער האָבן אין 1947 באַשטימט ניט מער ווי 16.000 קוו. קל.; נאָך דעם אָנפאַל פון די זיבן אַראַבישע מלוכות און דעם יידישן זיג איבער זיי, פאַרנעמט מדינת ישראל 20.700 קוו. קל.

קליין איז מדינת ישראל, אָבער איר פּאָזיציע וואָס פאַרבינדט אַזיע מיט אַפריקע, צווישן מיטללענדישן און רויטן ים איז זייער וויכטיק.

באַרימט איז ארץ ישראל דורך די יידישע אבות, נביאים, תנאים און העלדן וואָס האָבן געלערנט דער וועלט יושר און גערעכטיקייט.

כאָטש דער שטח פון מדינת ישראל איז ניט קיין גרויסער קאָן ער דאָך אַריינגעמען אַ גרויסע באַפעלקערונג, נאָך דעם ווי דער באָדן וועט זיין גוט צוגעגרייט און די אינדוסטריע גוט אַנטוויקלט.

אַלס ביישפּיל קאָנען דינען פאָלגנדיקע לענדער:

האָלאַנד נעמט אַרום 35.000 קוו. קל., און האָט 9 מיליאָן איינוווינער. בעלגיע נעמט אַרום 30.000 קוו. קל., און האָט 8 מיליאָן איינוווינער.

דער אויסזען פון דעם לאַנד

באַטראַכטנדיק ארץ ישראל פון מערב קיין מזרח ווערט זי איינגעטיילט אין פינף פאַסן און ראַיאָנען:

I) דער ברעג;

II) די שפלה — דער פליין, אָדער: עמק החוף;

III) די בערג פון מערב־זייט ירדן;

IV) דער ירדן־איינבראָך;

V) דער עבר־הירדן, אָדער — די הויך־פלאַך וואָס פון מזרח־זייט ירדן.

דער ברעג

דער ברעג־פאַס גענומען פון צפון קיין דרום — ציט זיך אין אַ גלייכער ליניע פון דעם צפונדיקסטן פונקט: ראש הנקרה, ביז דעם עכו גאָלף.

פון דער צווייטער זייט פון עכו גאָלף געפינט זיך דער כרמל באַרג. פון דעם כרמל באַרג ביז נחל מצרים באַקומט דער ברעג דעם אויסזען פון אַן אַנגעצויגענעם בויגן.

קיין אינדזלען זענען ביים ברעג נישטאָ. אויסער סקאַלעס און פעלדזן, ווי די וואָס אַנטקעגן נחל התנינים און יפו, וועלכע האָבן פאַרצייטנס געשיצט די אַמאָליקע שיפן און געדינט אַלס באַזע, אין אַלטערטום, פאַר די איצטיקע פאָרטן.

דער ברעג, דאָס הייסט די טיילן יבשה וואָס די ים־כוואַליעס פאַרגיסן זיי בעת זייער צופלוס, איז אַנדערש אין צפון ווי אין דרום; אין צפון, ביי דער גרענעץ מיט לבנון, איז כמעט נישטאָ קיין ברעג. די כוואַליעס שלאָגן זיך אָן אין די כמעט ווערטיקאַלע, אָפּגעהאַקטע בערגלעך.

מער קיין דרום, איז דער ברעג משופּעדיק; און אין טייל ערטער אַפילו פלאַך. אַזאַ ברעג איז פאַרזייט מיט זאַמד און פאַלירטע שטיינדלעך וואָס ווערן געשאַפן פון צוויי כוחות:

א) די ים־כוואַליעס, אָנשלאָגנדיק זיך אין דעם שטיינערנעם באָדן פון דעם ברעג, צעמאָלן דעם שטיין און מאַכן פון אים זאַמד און פלאַטשיקע שטיינדלעך.

ב) די שטייגער וואָס די טייכלעך שלעפּן מיט בעת זייער אַריינפאַלן אין ים אַריין, ווערן צעריבן אויף זאַמד און קיילעכדיקע שטיינער.

די זאַמיקע זאַמדן, טריקענען זיך אויס ווען דער ים איז אין אָפּפלוס, און די ווינטן וואָס בלאָזן פון ים אויף דער יבשה, פאַרטראָגן אַהין די זאַמדן, וואָס פאַרשיטן דעם באָדן, און בילדן זאַמד־בערגלעך — דונעס — וועלכע ווערן אַ געפאַר פאַר די פעלדער און גערטנער, ווייל זיי פאַרפלייצן דעם פרוכטבאַרן באָדן.

די צווייטע געפאַר מצד די זאַמיקע זאַמדן באַשטייט אין דעם וואָס זיי פאַר־

צאַמען דעם אויסגוס פון די טייכלעך אין ים אַריין, און בילדן דאָרטן גרעסערע אָדער קלענערע בלאָטעס.

די דאָזיקע בלאָטעס פאַרפּעסטן דעם באָדן און ברענגען דעם מאַלאַריע־פיבער, וועלכער האָט אַוועקגענומען אַזוי פיל קרבנות פון אונדזערע חלוצים, ווען זיי זענען געקומען געזונט מאַכן דעם באָדן.



ארץ־ישראל, איינגעטיילט לויט די שבטים

די שפלה — דער פליין, אָדער — עמק החוף

נאָך דעם זאַמד־פּאַס קומט דער פליין.

אָבער דאָס פלאַכלאַנד פון ארץ ישראל איז נישט אַזוי גלייך ווי די אַרגענ־טינער פּאַמפּאַ, למשל, נאָר זי איז אינגאַנצן געבערגלט, צווישן די בערגלעך זענען פאַראַן שיינע טאָלן וואָס זענען פול מיט גרינס.

וואָס מער קיין צפון פאַרמערן זיך די פאַרשידענע געוויקסן. אויף די בערג־לעך, און באַזונדערס אויף זייערע זייטן וואָס קוקן צום ים, געפינען זיך אַ סך דערפער, וועלכע זענען געבויט אויף די פאַרשאָטענע חורבות פון די אַמאָליקע באַפעסטיקטע שטעט פון די פלשתים.

די יידישע ישובים דערקענט מען באַלד אין דער פלאַנמעסיקייט פון די וויינגערטנער און פרדסים פון וועלכע ס'זעען זיך אַרויס די רויטע דעכער פון די הייזער.

דער פליין איז ברייט. אין דרום פון עזה דערגרייכט ער ביז 25 קילאָמעטער, און פאַרשמעלערט זיך צו צפון. אין חיפה, איז צווישן דעם כרמל און דעם ים, ניטאָ מער ווי אייניקע הונדערט מעטער, ווו ס'גייען דורך די באַן־ליניע און דער שאָסיי (איבער די ווייסע בערגלעך). ווייטער, קיין צפון, ווערט דער פליין ברייטער ביז נאָענט צו ראש הנקרה.

דער ארץ ישראל פליין ווערט איינגעטיילט פון דרום קיין צפון, אַזוי:

א) דער נגב־פליין פון נחל מצרים ביז נחל עזה.

ב) דער יהודה פליין אָדער, גלאַט: שפלה, פון נחל עזה ביז דעם ירקון. דער געגנט איז דאָך לאַנד פלשתים פון תנך.

ג) דער שרון פון יפו ביז נחל התנינים.

ד) דער כרמל ברעג.

ה) דער עכו פליין און זיין פאַרזעצונג — דער עמק זבולון — פון חיפה ביז ראש הנקרה.

א) דער נגב פליין

דאָס איז דער ברייטסטער פליין אין לאַנד. אין דער גרעסטער טייל איז ער באַדעקט מיט זאַמד. לענג אויס דעם ברעג ציט זיך אַ שורה פון זאַמד־בערגלעך. פון מזרח זייט פון די בערגלעך איז פאַראַן אַ שמאָלער, לאַנגער און פלאַכער פּאַס ערד, וועלכער האָט נאָך פון די גאָר אַלטע צייטן, געדינט אַלס וועג פאַר די קאַ־ראַוואַנען וואָס זענען געגאַנגען פון צפון קיין מצרים.

איצט גייט דאָרט דורך די אייזנבאַן־ליניע, און אַ שאָסיי, וועלכן מ'דאַרף האַלטן אין איין רייניקן פון די זאַמדן וואָס פאַרשיטן זיי. צו מזרח זייט פון די בערגלעך געפינט זיך אַ ברייטער פּאַס ערד. די ערד פון דער געגנט טויג פאַר אַגריקולטור, נאָר זי נויטיקט זיך אין די וואַסערן וואָס געפינען זיך דאָרט טיף אין דער ערד. דאָס וואַסער וואַרט אויף דער יידישער אַרבעט און יידי־שער פליס

וואָס ברענגט דאָס אַרויס און העלפּט באַפרוכפּערן די פעלדער, אַזוי ווי עס האָבן געטון אונדזערע אבות: אברהם און יצחק.

ביז ניט לאַנג איז דער נגב־פליין געווען אַ פולשטענדיקער מדבר.

לעבן באר שבע ווערט דער פליין ברייטער. ער שניידט זיך אַריין צווישן די בערג ווי אַ גרויסער טאָל, וועלכן מען רופט: דער באר־שבע טאָל. פון דרום זייט פון דעם טאָל געפינען זיך די נגב בערג, אָדער: רמת הנגב; פון צפון זייט — די יהודה בערג. וואָס ווייטער צו מזרח ווערט דער טאָל ברייטער.

באר שבע, וועלכע איז די איינציקע שטאָט אין יענער געגנט וואָס עקזיס־טירט נאָך פון די גאָר אַלטע צייטן, איז איצט די הויפּטשטאָט פון נגב וועלכע וואַקסט אויף פון איר טויזנט־יאָריקן שלאָף און ווערט אַ צענטראַלער פונקט פול מיט לעבן און באַוועגונג.

פון נחל מצרים (אויף אַראַביש: וואַדי על אַריש), ביז נחל עזה, איז דער נגב; ווייטער — דער יהודה פליין.ביידע טייכלעך ווערן איבערפולט אין דער צייט פון די שטאַרקע רעגנס. אָבער אין זומער פאַרמאָגן זיי וואַסער נאָר עטלעכע קילאָמעטער פאַרן אַריינפאַלן אין ים אַריין.

ב) דער יהודה פליין — די שפלה

דער יהודה פליין אָדער דער פלישתישער פליין, ווייל די פינף גרויסע פלש־תישע שטעט זענען דאָרט געשטאַנען, ציט זיך פון דעם נחל עזה ביז דעם ירקון. אין דער ברייט האַלט ער פון 17 ביז 25 קילאָמעטער.

פאָרנדיק פון נחל עזה צום ירקון, זעט מען ווי די זאַמדן וואָס געפינען איצט נאָר פון דער זייט פון ים, ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער; פון מזרח זייט דערשיינען גרינע פעלדער, וועלדלעך און דערפער, דאָס איז דערפאַר, ווייל וואָס מער קיין צפון רעגנט אָפטער. זענען דעריבער פאַראַן מער טייכלעך און אונטערערדישע וואַסערן.

אַ סך טייכלעך נידערן דאָ אַראָפּ פון די בערג, אָבער נאָר געציילטע דערגרייכן דעם ים, דאָס זענען: נחל שקמה, (נחל חסי), נחל לכיש, (נחל סוכריר) און נחל רובין — אין תנך: נחל שורק.

די דאָזיקע טייכלעך גראָבן אויס טיפע בעטן פאַר זייערע וואַסערן וואָס פליסן צווישן אָפּגעהאַקטע ווענט.

די רויטלעכע ערד פון דער געגנט — אַראַבער רופן זי חמרה — איז פרוכט־באַר. די קליינע פליינען וואָס די טייכלעך האָבן געשאַפן דאָרט ווו זיי באַגעגענען זיך, זענען באַאַרבעט געוואָרן פון די פלשתים, וועלכע האָבן לעבן זיי אויפגעשטעלט זייערע פינף גרויסע שטעט.

לעבן נחל שורק געפינען זיך איצט די קאָלאָניעס: עקרון, גדרה, רחובות, גבעת ברנר, חלדה, א. א.

ידישער פלייס האָט דאָ, פאַרצאַמט פאַר די זאַמדן דעם וועג, באַפרוכפּערט



די שפלה — דער ים־ברעג פון יהודה

דעם באָדן און געשאַפן אַזעלכע וווּנדער ווי די שטאָט תל־אביב, אויף וועמענס אָרט מען האָט, מיט 50 יאָר צוריק, נאָר געזען בערגלעך זאַמד און געהערט וואָיען די שאַקאַלן.

ג) דער שרון

דער שרון ציט זיך פון דעם טייך ירקון ביזן נחל התנינים (אַזעלכע 60 קי־לאָמעטער די לענג, און פון 12 ביז 20 קילאָמעטער די ברייט).

מיטן בערגל אויף וועלכן די שטאָט יפו איז געבויט, ענדיקט זיך די שפלה, און דער טייך ירקון דינט אַלס נאַטירלעכער גרענעץ צווישן דעם שרון און דער שפלה.

אויך דער פליין פונעם שרון איז אַ געבערגלטער, ווי די שפלה; נאָר בשעת די בערגלעך פון דער שפלה ווערן דירעקט פאַרגעזעצט מיט די בערג פון מזרח־זייט, איז אין דעם שרון פאַראַן אַ לאַנגער, טיפער און פלאַכער פאַס לאַנד וועל־כער טיילט אָפּ די פליין־בערגלעך פון די בערג פון מזרח־זייט.

די ערד פון דעם פאַס איז שוואַרץ און שווער דאָס הייסט זי פאַרמאָגט ווייניק זאַמד, דערפאַר זייען זיך דורך די רעגן־וואַסערן זייער שווער דורך איר. דעריבער טויג זי ניט פאַר פּרדסים; און ס׳זענען דאָרט אַנטשטאַנען אַ סך זומפּן, וועלכע די יידישע חלוצים האָבן געזונט געמאַכט דורך אַן אַ שיעור קרבנות.

פון דעם ים ביז די בערג, דאָס הייסט, פון מערב צו מזרח, ווערט דער שרון צעטיילט אין דער לענג, אין דריי פאַסן, רעכענענדיק פון מזרח קיין מערב:

1) דער טיפער, פלאַכער פאַס. דאָ וואַקסן תבואות, אייל־בירט־בוימער און אַלע אַנדערע פלאַנצן וועלכע נויטיקן זיך ניט אַז די מענטשלעכע האַנט זאָל זיי באַוואַסערן.

2) דער געביט פון פלאַנצן וואָס מוזן באַוואַסערט ווערן, דאָ איז דאָס אָרט פון די פּרדסים, דער געגנט האָט אַ געדיכטע יידישע באַפעלקערונג.

3) די ליניע פון די זאַמדן, ביזן ים.

די בערגלעך פון דעם שרון זענען נאָענט איינס נעבן אַנדערן. צווישן זיי זענען ניטאָ קיין גרויסע פלאַכע פעלדער ווי אין דער שפלה.

די זומפּן פון שרון זענען געשאַפן געוואָרן פון זינט די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער היים, ווייל אין די אַלטע צייטן זענען די בערג, וואָס געפינען זיך הינטער דעם שרון, געווען באַאַרבעט און האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע שטיי־נערנע ווענטלעך וואָס האָבן ניט דערלאָזט אַז די שטאַרקע רעגנס זאָלן אַראָפּ־שווענקען דעם דינעם שיכט ערד וואָס האָט צוגעדעקט דעם שטיין, און די בוימער, וואָס זענען אין יענער צייט דאָרט געוואַקסן, האָבן איינגעזאַפּט דאָס וואַסער דורך זייערע וואָרצלען.

די פרעמדע פעלקער, ווען זיי האָבן דעראָבערט ארץ־ישראל, האָבן צע־



דער שרון — דער ים־ברעג פון שומרון געביט

שטערט די וועגטלעך און אויסגעהאַקט די ביימער. האָבן די וואַסערן פון גרויסע רעגנס אַראָפּגעגנידערט מיט אימפּעט ,מיטשלעפּנדיק יעדער ביסל גוווע ערד, און שאַפנדיק זומפּן אין דער נידער, וואָס זענען געווען אַ נעסט פון מאַלאַריע און טויט.

דער ירקון נידערט אַראָפּ פון די בערג מיט אַ שטאַרקן שטראָם. אָבער ניט אין אַ גלייכער ליניע. פונעם אָרט ווו ער ווערט געבוירן ביז זיין אַריינגיסן זיך אין ים איז די דיסטאַנץ 17 קילאָמעטער. די לענג פון דעם ירקון איז 30 קילאָ־מעטער. דאָס אילוסטרירט ווי געדרייט ס׳איז דער וועג פון דעם ירקון. ער ברענגט 220 מיליאָן קובישע מעטער וואַסער אַ שעה. זיינע וואַסערן ווערן באַנוצט אויף צו באַגיסן די פּרדסים און גערטנער און צו באַוועגן איינפּאַכע וואַסער־מילן. דורך גרויסע רערן האָט מען לעצטנס געצויגן זיינע וואַסערן ביז צום נגב ווו זיי וועלן העלפן צו באַלעבן דעם מדבר.

די ייִדן האָבן באַצאָלט מיט אַ סך יונגע לעבנס פאַר אויסטריקענען זומפּן און געזונט מאַכן גאַנצע געגנטן. מער פון אַלע האָבן באַצאָלט די איינוווינער פון חדרה.

די גרויסע צאָל רעגנס אין דעם שרון, און אין די אפרים־בערג וואָס הינטער זיי, שאַפן אַ סך שטראָמען, וואַסער און טייכלעך. דער וויכטיקסטער פון זיי אַלע איז דער טייך ירקון. ער איז דער גרעסטער צווישן די מערב טייכן פון ארץ ישראל. דער ירקון ווערט געבוירן אין די אפרים־בערג אָבער נאָר פון דעם אָרט ראש־העין האָט ער וואַסער אַ גאַנץ יאָר.

די איבעריקע טייכלעך פון דעם שרון זענען: נחל פליק, אָדער נחל פולג, נחל אלכסנדר, וואָס פליסט דורכן עמק חפר; נחל חדרה, וואָס שטראָמט דורך חדרה, און נחל התנינים.

ד) דער כרמל ברעג

פון צפון־זייט פון נחל התנינים, אין דער ריכטונג קיין חיפה, ווערט די שפלה אַלץ שמעלער. ביים כרמל־באַרג דערגרייכט איר גאַנצע ברייט ביז 200 אָדער 300 מעטער.

דער דאָזיקער שמאָלער פּאַס שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּרעכטיק בילד: פון מזרח־זייט הייבט זיך צום הימל דער כרמל־באַרג מיט זיינע גרינע וועלדלעך; פון מערב זייט דער בלויער ים, מיט די אומצאָליקע שיפלעך מיט זייערע ווייסע זעגלען. צווישן דעם כרמל און ים — די באַן־ליניע און דער שאָסיי.

אין דער געגנט פאַלן אַריין צוויי טייכלעך אין ים: נחל דפלה, אָדער נחל דליה, אין צפון; און נחל התנינים אין דרום. די ייִדישע קאָלאָניסטן האָט געקאָסט אַ סך קרבנות, ביז זיי האָבן אויסגעטריקנט די זומפּן וואָס די צוויי טייכלעך האָבן געשאַפן פאַר זייער אַריינפאַלן אין ים אַריין.

ביים כרמל־ברעג זענען דאָ רעשטן פון צוויי גאָר אַלטע, פּרימיטיווע פּאָרטן: דאר און עתלית. ווייטער קיין צפון קומט דער גרעסטער ייִדישער פּאָרט: חיפה, אין דעם חיפה גאָלף.

ה) דער עכו פליין

פון צפון־זייט פון חיפה ווערט דער פליין ווידער ברייט — פינף קילאָמעטער — און רופט זיך: דער דרומדיקער עכו־פליין, אָדער דער זבולון טאָל.

אויך די צוויי טייכלעך פון דעם געגנט: נחל קשון און נעמן, האָבן געשאַפן זומפן, וועלכע די ייִדן טריקענען אויס. דער קשון איז דאָס גרעסטע טייכל אין צפון. ביי זיין איינגוס אין חיפה־גאָלף האָט מען געמאַכט אַ נייעם פּאָרט.

פון ים צו די בערג, דאָס הייסט, פון מערב קיין מזרח זענען פאַראַן: די זאָנע פון די זאַמדן, די זאָנע פון די זומפן און די זאָנע פון די בערגלעך.

ייִדישער פּליים האָט אויפגעשטעלט אויף די זאַמדן פאַבריקן און וואַרשטאַטן, געפלאַסטערט שאָסייען און געשאַפן אַזעלכע שטעט ווי קרית חיים, קרית מוצקין, קרית ביאַליק אאַז״וו. אין דער אינדוסטריעלער געגנט געפינען זיך די ריזיקע פאַבריקן ווו מען לייטערט דעם פּעטראָל. ביז אַהין דערגרייכן די גרויסע רערן וואָס האָבן געפירט פון איראַק דעם רויען מאַטעריאַל אַרויסצונעמען פון אים דעם נאַפט און אַנדערע כעמישע פּראָדוקטן. ווי באַוווּסט האָבן די אַראַבער אָפּגעשטעלט דאָס שיקן פּעטראָל, און נאַפט ווערט געבראַכט אין לאַנד אַריין מיט ישראלשע שיפן.

אין צפון זייט פון עכו באַקומט דער פליין גאָר אַן אַנדער אויסזען ווי אין עמק זבולון: דאָ זענען נישטאָ נישט קיין זאַמדן און נישט קיין זומפן.

עס האָבן זיך דאָ אַנטוויקלט גרויסע ייִדישע ישובים אַרומגערינגלט מיט פּרעכטיקע גערטנער, פּרדסים און תבואה־פעלדער וואָס דערגרייכן כמעט ביזן ים־ברעג.

די טייכלעך פון דער געגנט זענען: אין דרום פון עכו — נחל נעמן; נחל געתון און נחל קרן, אָדער אכזיב, זייערע וואַסערן פאַלן אַריין דירעקט אין ים אַריין.

דער צפונדיקער עכו־פליין ווערט איבערגעהאַקט דורך אַ בערג־קייט וואָס דערגרייכט ביזן ים. דער ברעג פון דעם געגנט איז כמעט אַ ווערטיקאַלער און באַקומט דעם נאָמען: סלם צור. דאָ געפינט זיך די גרענעץ צווישן מדינת ישראל און לבנון.

דער גאַנצער פליין־שפלה איז איצטער דער אַקטיווסטער געגנט פון מדינת ישראל, צוליב דער גרויסער צאָל אַגריקולטור־ישובים וואָס זי פאַרמאָגט, און אויך צוליב דער וויכטיקייט פון דער אינדוסטריע און קאָמערץ וואָס אַנטוויקלען זיך אין די דאָזיקע זאָנעס.

דער פליין פאַרנעמט אָבער גאָר אַ קליינעם שטח פון דעם באָדן פון דער מדינה. אין איר גרעסטער טייל איז ארץ ישראל אַ לאַנד פון בערג און טאָלן. גאָר אַמאָל, איז די בערגיקע געגנט געווען וויכטיקער פון דער שפלה.

די בערג פון מערב זייט ירדן

דער דריטער געביט פון מדינת ישראל — איז דער באַרגיקער געביט, ער געפינט זיך צווישן דער שפלה און דעם ירדן־טאָל.

דער באַרגיקער געביט ציט זיך פון די בערג פּאָרן אָדער נגב־בערג אין דרום, ביז דעם טייך קאסימיע אין צפון, אין דער לענג פון 320 קילאָמעטער. די ברייט פון דעם געביט ווערט קלענער פון דרום קיין צפון: אין דעם נגב האַלט ער 90 קילאָמעטער די ברייט, אין יהודה און שומרון 50—60 און אין דעם אויבערשטן גליל נאָר 35 קילאָמעטער.

די צענטראַלע בערג־קייטן

אין דער לענג בילדן די דאָזיקע בערג דריי טיילן, ווייל דער באַרג געביט ווערט צוויי מאָל איבערגעהאַקט אין דער גאַנצער ברייט:

1) אין דרום זייט דורך דעם באר שבע פליין, וועלכע טיילט אָפּ די נגב־בערג פון דער יהודה בערג־קייט.

2) אין צפון־זייט — דורכן טאָל יזרעאל — אָדער, גלאַט: דער עמק, און דעם טאָל בית שאָן, וועלכע טיילן אָפּ די אפרים (שומרון) בערג פון דעם גליל.

א. די נגב בערג

שפּרייטן זיך אויס פון דרום־מערב קיין צפון־מזרח. אין מערב זייט בילדן זיי ווי דריי טעראַסן איינע איבער דער אַנדערער. צווישן איין טעראַסע און דער צווייטער זענען פאַראַן טייכלעך וואָס פאַרמאָגן וואַסער נאָר אין דער קורצער רעגנדיקער צייט. אין די טאָלן געפינען זיך אייניקע קוואַלן און אַ ביסל גוטע ערד. דער באַרימטסטער פון די קוואַלן איז: עין־קדש (מעגלעך קדש ברנע). די גרעסטע טייכן זענען נחל ציון, ער פאַלט אַריין אין ים המלח, און נחל פּאָרן וואָס פאַלט אַריין אין אילת־גאָלף. דער העכסטער פּונקט איז אין די רמון־בערג (1035 מ׳). דער אויפגאַנג פון מזרח־זייט איז דער עמק הערבה.

ב. די יהודה־בערג

די דאָזיקע בערג בילדן דריי פּאַסן:

1) דער מערבדיקער וואַסער־אַראָפּפאַל, אָדער דער „באַרג אַרויף“.

2) דער הויכער טייל פון דעם באַרג, אָדער די באַרג־פּלאַטאָפאָרמע.

3) דער מזרחדיקער וואַסער־אַראָפּפאַל, אָדער דער „באַרג אַראָפּ“.



די בערג פון ארץ־ישראל

1) דער מערבדיקער וואַסער־אַראָפּפֿאַל

פֿון די יהודה־בערג פֿאָרמירן אַ סאָרט טרעפּ וואָס פֿירן פּאַמעלעך באַרג־אַרויף, אָן איבעריקע שוועריקייטן. ווינטער פֿאַלן אויס אין דער טייל אַ סך רעגנס; און אַ דאַנק דעם איז דאָ די פֿלאָרע אַ גאַנץ רייכע. די טאָלן און בערגלעך זענען זייער פֿרוכטבאַר. עס וואַקסן אַלערליי תבואות, מען פֿלאַנצט ווייַנגערטנער, פֿייגן־ביימער, איילבירט־ביימער אאַז״וו.

אַמאָל, איידער די רוימער האָבן פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון זייער לאַנד, איז דער באַרג אַראָפּ געווען באַדעקט מיט אויסגעאַרבעטע „אַגריקולטור־טרעפּ״, שטייַנערנע ווענטלעך אַרום די טרעפּ האָבן ניט דערלאָזט אַז די ערד פֿון די דאָזיקע טרעפּ זאָל בעת די שטאַרקע רעגנס, אַראָפּגעשווענקט ווערן באַרג־אַראָפּ. די פֿרוכפּערקייט פֿון דער געגנט האָט דערנערט אַ געדיכטע באַפֿעלקערונג.

דער באָדן פֿון די דאָזיקע בערגלעך איז פֿרוכטבאַרער פֿונעם באָדן פֿון די בערגלעך פֿון דער שפֿלה. וואָס העכער מען שטייגט באַרג־אַרויף, אַלץ מער שטייַנער טרעפֿט מען אָן. גאַנצע שטרעקעס זענען אַ צט אַנטבלויזט פֿון יעדער שטיקל פֿרוכטבאַר ערד; און די נאַקעטע פֿעלדזן און שטייַנער, דערציילן פֿון אויסגעוואָרצלטע וועלדער און צעשטערטע באַרג־צוימען דורך דעם שינאס הענט, וועלכע דערווייזן אַז אָן דער ייִדישער איבערגעגעבנקייט בלייבט יהודה וויסט און פֿרוכטלאָז.

2) די באַרג־פּלאַטאָפֿאָרמע

שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שטרעקע פֿון הײגלען, כמעט אַלע פֿון דער זעלבער הייך; און צווישן איין היגל און דעם צווייטן — אַ טיפֿער טאָל וועלכער איז געשאַפֿן געוואָרן, מיט דער צייט, דורך די שלאַקס־רעגנס. אויף דער מזרחדיקער באַרג־קייט, אויף דער טייל וואָס פֿון באר־שבע ביז חלחול געפֿינט זיך די הויפּט „וואַסער־צעטיילונג״.

די ליניע וואָס ווייזט אָן וועלכע טייכלעך שטראָמען קיין מערב זייט צום ים, און וועלכע פֿון מזרח־זייט צום ירדן; די וואַסער־צעטיילונג גייט דורך אין יהודה אויף אַ לאַנגער פּלאַטאַפֿאָרמע, ווו עס גייט אויך דורך דער היסטאָרישער הויפּט־וועג פֿון דרום קיין צפֿון. די פּלאַטאַפֿאָרמע האָט דריי טיילן: די חברון־בערג, די ירושלים־בערג, און די בית־אל־בערג.

פֿון דער פּלאַטאַפֿאָרמע טיילן זיך אויס באַרג־ליניעס קיין מזרח און קיין מערב ווי די ריפּן פֿון דעם קערפּער פֿון דער חוט־השדרה. דער גרעסטער טייל ישובים געפֿינט זיך אויף די דאָזיקע ערטער.

די וועגן פֿון דעם פּלאַץ צו דער באַרג פּלאַטאַפֿאָרמע גייען דורך די טאָלן וואָס די טייכלעך האָבן אויסגעגראָבן און אויסגעברייטערט שטראָמענדיק צום ים; דער באַרימטסטער פֿון אַלע, איז דער נחל שורק. דורך דעם טאָל שטייגט דער

וועג פון דער אייזנבאַן קיין ירושלים, דורך אַ זיגזאַג־ליניע, ווייל דער באַרג־אַרויף איז זייער אַ שווערער.

פון דעם באר־שבע טאָל ביזן הויך־פּונקט חלחול פון צפון זייט פון חברון, איז די באַרג פּלאַטאָפאָרמע צעטיילט אין צוויי פּאַראַלעלע בערג־קייטן, דורך אַ לאַנגער פאַרטיפונג וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון צפון קיין דרום. אין דער פאַרטיפונג פליסט דער נחל חברון.

אויף דער מערבדיקער בערג־קייט גייט דורך דער שליאַך קיין באר שבע.

חלחול מיט זיינע 1020 מעטער איז דער העכסטער פּונקט פון די בערג פון יהודה און אפרים, פון דאַנען קיין צפון איז די פּלאַטאָפאָרמע איינע און אויף איר גייט דורך די הויפּט „וואַסער־צעטיילונג״.

פּאַראַלעל צו דער פּלאַטאָפאָרמע געפינען זיך אייניקע טאָלן. איינער פון די פּרוכפּערטיקסטע טאָלן איז דער עמק ברכה, ווו עס געפינט זיך דער קוואַל ערוב, פון וואַנען מען האָט געצויגן די וואַסערן קיין ירושלים.

פון מערב זייט פון עמק ברכה געפינט זיך דער טראַגיש־באַרימטער כפר־עציון.

פון חלחול ווערט די באַרג־קייט נידעריקער און ביי ירושלים האָט זי ניט מער ווי 800 מעטער. ווייטער קיין צפון הייבט זי זיך אויף, און אין בעל חצור דערגרייכט זי די 1016 מעטער.

3) דער מזרחדיקער וואַסער־אַראָפּפאַל

דער מזרחדיקער וואַסער־אַראָפּפאַל איז געווענדעט צום עמק־הירדן און צום ים המלח.

דער באַרג לאָזט זיך אַראָפּ אין דער דאָזיקער זייט דורך, כמעט ווערטיקאַלע, טרעפּ און ווענט; דערפאַר פאַרמאַטערט אַזוי שטאַרק דאָס אַראָפּנידערן פון דעם באַרג אין טאָל אַריין.

אַזוי ווי עס רעגנט דאָ זייער ווייניק, זענען די געוויקסן זייער אָרעם. עס וואַקסן דאָ ווייניק ביימער און ווייניק תבואה. אין דעם קורצן רעגן־סעזאָן קומען דאָ אויף ווילדע גראָזן וועלכע ווערן גיך פאַרטריקנט. אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן, אַז דער מזרחדיקער באַרג־אַראָפּ פון די יהודה־בערג איז אַן אָרט ווו אין געוויסע צייטן פון יאָר האָט מען נאָר געקאָנט פּאַשען שאָף, דערפאַר האָט מען גערופן דער געגנט: מדבר יהודה.

דער הויפּט־עלעמענט פון די דאָזיקע בערג איז דער קאַלכשטיין וועלכער בלאַנקט מיט זיין ווייסער נאַקעטקייט אַנטקעגן דער זון.

די טייכלעך וואָס פאַלן אַראָפּ פון דער הויכקייט מיט אַ גרויסער קראַפט, גראָבן אויס, אין דעם ווייכן באָדן, זייער טיפע טאָלן מיט ווערטיקאַלע ווענט.

די באַדייטנסטע טייכלעך פון מדבר יהודה זענען: נחל קדרון פון דרום מזרח זייט פון ירושלים (אין אים פליסט אַריין דער גיא בן הינום); נחל פרת פון צפון מזרח זייט פון ירושלים, נחל ערוגות און נחל בוקק.

דער מדבר יהודה פֿאַרמאָגט זייער אַ סך היילן. די רעגנס וואָס דרינגען אַריין אין די טיפֿענישן צעשמעלצן לייכט דעם קאַלכשטיין פֿון די בערג און טראָגן אים אַוועק מיט זייער שטראָם. בלייבט אויפֿן אָרט פֿון דעם צעלאָזטן שטיין — אַ ליידיק פּלאַץ, דאָס איז אַ הייל.

עס זיינען פֿאַראַן זייער פֿאַרפֿלאָנטערטע היילן, וואָס דער וואָס גייט אַריין אין זיי געפֿינט שווער דעם אַרויסגאַנג.

אין מלחמה־צייט האָבן די היילן געדינט אַלס באַהעלטענישן פֿאַר דעם שונא. ספּעציעל אין די צייטן פֿון די חשמונאים.

ביים סוף פֿון דער צייט פֿון בית שני האָבן די איסיים זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט און געוווינט אין די דאָזיקע היילן. לעצטנס זענען געפֿונען געוואָרן אין זיי וויכטיקע היסטאָרישע שריפֿטן־מגילות.

ג. די אפֿרים־בערג

די אפֿרים־בערג, אָדער די שומרון־בערג, ציִען זיך פֿון דעם באַרג בעל חצור (1016 מעטער) אין דרום, ביים 32סטן פּאַראַלעל, ביזן עמק יזרעאל, אין צפֿון.

די דאָזיקע בערג־קייטן זענען ניט אַזוי נאַקעט ווי די יהודה־בערג. זיי פֿאַרמאָגן אַ סך קוואַלן און זענען באַדעקט מיט תבואה־פֿעלדער, גערטנער און וויינגערטנער.

די באַרג־פּלאַטאָפֿאָרמע איז דאָ מער צעשניטן דורך די וואַסער־שטראָמען. דערפֿאַר קאָנען די פֿייכטע ים־ווינטן זיי דורכקרייצן און ברענגען רעגנס אויך אויף דער מזרח־זייט פֿון די אפֿרים־בערג. דער הויפּט־וועג שלענגלט זיך, דערנעבן, דורך די טאָלן.

די באַרימטסטע פֿוז די אפֿרים־בערג זענען: הר גריזים (881 מעטער) און הר עיבל (940 מעטער) לעבן דער שטאָט שכם.

די אָפּצווייגונגען פֿון די אפֿרים־בערג זענען:

א) דער הר־הכרמל (550 מעטער) וועלכע ציט זיך ביזן ים. ער איז באַדעקט מיט גרינע וועלדער וואָס זענען, מערסטנס געפֿלאַנצט געוואָרן דורך ייִדן פֿון די לעצטע עליות. חיפה געפֿינט זיך צופֿוסנס דעם כרמל, און די נייע שטאָט רוקט זיך, אַלץ מער, באַרג־אַרויף.

ב) דער באַרג גלבוע (417 מעטער). די כרמל־קייט לאָזט ניט צו צו אים די רעגנס וואָס קומען פֿון דעם ים, שטייט ער נאַקעט און וויסט, אַזוי ווי דוד האָט אים פֿאַרשאָלטן.

די טייכלעך פֿון מערב־זייט זענען די זעלבע וואָס שניידן דורך דעם שרון. אין מזרח איז דאָס וויכטיקסטע טייכל דער נחל פֿרעה. ער פֿליסט אַרויס פֿון בקעת שכם און פֿאַלט אַריין אינעם ירדן אַנטקעגן דעם נחל יבוק.

די באַרימטסטע טאָלן פֿון די אפֿרים־בערג זענען: עמק שכם און עמק דותן.

דער עמק יזרעאל

אָדער גלאַט: דער עמק, האָט אַ פאָרמע פון אַ דרייעק. די באַזע פון דעם דרייעק בילדעט דער צופוסנס פון כרמל־באַרג, און דער שפּיץ — דער באַרג תבור (588 מעטער). אין מערב־זייט פאַראייניקט זיך דער עמק מיט זבולון־טאָל, און דער מזרח־זייט — מיטן בית שאָן טאָל.

אין דעם מערבדיקן טייל פון דעם עמק יזרעאל פליסט דער נחל קישון וואָס פאַלט אַריין אין מיטללענדישן ים.

אין דער מזרחדיקער טייל פון עמק יזרעאל (מען רופט אים אויך עמק שאָן) פליסט דער נחל חרד וואָס פאַלט אַריין אין ירדן.

די וואַסער־צעטיילונג צווישן די צוויי טייכלעך קומט פאָר ביי מרחביה, לעבן עפולה.

דער מערבדיקער טייל איז ברייטער, אין אָנהייב איז ער העכער מיט 60—70 מעטער פון אויבערפלאַך פון דעם ים, האָט אַ מעסיקן קלימאַט און גענוג רעגן.

דער מזרחדיקער טייל אָדער, עמק בית־שאָן, איז שמעלער, מיט 40־50 מע־טער נידעריקער פון דעם אויבערפלאַך פון דעם ים, האָט אַ הייסן קלימאַט און ווייניקער רעגן.

דורכן עמק גייען דורך די היסטאָרישע וועגן פון בבל קיין מצרים; קיין שכם און ירושלים; אין צענטער פון דעם עמק גייט די באַן־ליניע און דער שאָסיי ביז דמשק.

פון דעם כרמל און פון די נצרת־בערג שניידן זיך אַריין אין דעם עמק נידעריקע בערגלעך. זיי פלעגן פאַרהאַלטן די וואַסערן פון די גרויסע רעגנס און אַזוי אַרום שאַפן גרייסע זומפּן. אין די דאָזיקע זומפּן האָבן זיך געפּרוכפּערט מיליאָנען מאָסקיטן וואָס האָבן פאַרשפּרייט מאַלאַריע און טויט אין דער גאַנצער געגנט.

איצט איז דער גרעסטער טייל זומפּן שוין אויסגעטריקנט געוואָרן. דער עיקר, דורכן קרן־קימת, וואָס האָט אויסגעלייזט דעם גרעסטן טייל באָדן און פאַר־וואַנדלט דעם עמק אין אַ פּרעכטיקן גאָרטן פול מיט יידישע ישובים, ווי: עפולה, מרחביה, נהלל, עין־חרוד, בית־אלפא אאַז״וו.

דער גליל

דער צפונדיקער טייל פון ארץ ישראל הייסט: דער גליל. די דאָזיקע זאָנע ציט זיך פון דעם צפונדיקן ברעג פון עמק יזרעאל ביז די בערג לבנון און חרמון.

דער גרעסטער טייל פון דעם גליל איז בערגיק, כאָטש עס געהערן אויך צו אים: דער עכו־פליין אין מערב, און חולה־טאָל — אין מזרח.

די גרענעצן פון דעם גליל זענען:

אין מערב — דער ים און דער עמק־זבולון — דער עכו פליין.

אין מזרח — דער ירדן טאָל און די גולן בערג.

אין דרום — דער עמק יזרעאל (אַ טייל שליסן איין דעם עמק אין גליל, דאַן איז אין דרום די גרענעץ: הרי אפרים).

אין צפון — דער טײַך קאסימיע אָדער ליטאני. דאָס איז די נאַטירלעכע גרענעץ. פּאָליטיש איז די גרענעץ אַן אַנדערע: זי הייבט זיך אָן, ביים ברעג, ביי ראש הניקרה, ציט זיך ביז קדש נפתלי און פון דאָרט — ביז מטולה.

דאָס איז די ווירקלעכע גרענעץ פון ארץ־ישראל אַזוי ווי זי איז באַשטימט געוואָרן צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דורך דער באַשטימונג האָבן די ייִדן פאַרלוירן אַ דריטל גליל.

דער אויסזען פון דער געגנט איז דער בערגיקסטער פון דעם לאַנד; דאָ איז נישטאָ קיין הויכע פּלאַטאָפּאָרמע איבער וועלכע ס׳זאָל גיין דער צענטראַ־לער וועג פון דער זאַנע, ווייל די הויפּט־פּלאַטאָפּאָרמע איז צעשניטן און צעשפּאַלטן אויף קליינע בערג וואָס שטאַרצן אַרויס פון די אַרומיקע טאָלן.

גייט דער שליאַך דאָ תמיד דורך די טאָלן און פאַרקערעוועט זיך צו דער שפלה (עמק החוף), אָדער צום עמק הירדן.

דער גליל ווערט איינגעטיילט אין צוויי טיילן: 1) דער אונטערשטער גליל און 2) דער אויבערשטער גליל.

דער אונטערשטער גליל (גליל התחתון)

דער אונטערשטער גליל געפינט זיך צווישן דעם עמק יזרעאל און דער ליניע וואָס ציט זיך פון עכו ביזן אָרט ווו דער ירדן פאַלט אַריין אין ים כנרת, דורכ־שניידנדיק דעם טאָל: בית הכרם.

די בערג פון דער זאָנע שטעלן מיט זיך פאָר דריי, כמעט פּאַראַלעלע קייטן.

א) די ערשטע ריי בערג בילדן, פון מערב קיין מזרח: די נצרת־בערג, דער באַרג תבור און דער גבעת המורה (515).

ב) די צווייטע ריי, אַ קורצע, באַשטייט פון די בערג תרען (548) און אויף זיין מזרח־זייט דער פאַרלאָשענער וואולקאַן קרני חטין (326).

ג) די דריטע ריי נעמט אַרום די בערג ידפת און זייער העכסטער פונקט איז הר עצמון (548).

ד) די פערטע ריי: הרי חצור מיט די צוויי שפּיצן: הר כמון (598 מ׳) און הר חזון (584 מ׳).

די ערשטע ליניע בערג איז אָפּגעטיילט פון דער צווייטער דורכן טאָל „רמון״, וואָס שליסט אין מזרח־זייט איין דעם טאָל יבנאל.

דער טאָל בית נטופה צעשיידט די אַנדערע צוויי בערג־קייטן, די דריטע טיילט אָפּ דער טאָל סכנין. די פערטע — בקעת בית הכרם.

די וויכטיקסטע בערג פון דעם אונטערשטן גליל זענען: דער באַרג תבור (588 מ.), וואָס צייכנט זיך מיט זיין הויכער איינזאַמקייט איבער דעם אַרומיקן פּליין. די נצרת־בערג (575 מ׳), ווו עס שלענגלט זיך דער וועג קיין נצרת;

דער שפּיציקער פעלדז פון הר רמון, פון דער חצור־קייט איז דער העכסטער פון גליל־התחתון.

די באַרימטסטע טאָלן זענען: בית רמון און בית נטופה. פון צפון־זייט פון דעם טאָל איז געשטאַנען די פעסטונג יודפת וועלכע האָט פאַרצוימט פאַר די רוי־מישע חיילות דעם וועג קיין ירושלים, — און עס געפינט זיך דער בית־הכרם טאָל, וואָס שניידט דורך כמעט די גאַנצע ברייט פון דעם גליל און ווו עס גייט דער שליאַך פון עכו קיין צפת.

די מזרח־זייט פון די בערג איז כלל ניט ענלעך אויף די יהודה־בערג. דער באָדן איז דאָ צוזאַמענגעשטעלט פון באַזאַלט שיכטן, און איז דערפאַר אַ פּרוכט־באַרער; די ים־ווינטן וואָס בלאָזן דורך די ברייטע טאָלן, ברענגען אַהער אָפטע רעגנס.

די טייכלעך זענען, אין מערב: נחל נעמן; אין מזרח: נחל יבנאל און נחל תבור.

דער אויבערשטער גליל — גליל העליון

פאָרנדיק פון עכו קיין צפת, דורכן בית־הכרם־טאָל, דערזעט מען באַלד דעם חילוק צווישן ביידע טיילן פון גליל.

פון דרום־זייט — אין אונטערשטן גליל, זענען די בערג נידעריקע און צע־שניטן דורך קליינע טאָלן; פון צפון זייט, הייבן זיך די בערג ווי ריזיקע, ווער־טיקאַלע ווענט.

דער אונטערשייד צווישן דער הויך פון ביידע טיילן פון די גליל־בערג איז פון 690 מעטער; דער העכסטער באַרג פון גליל התחתון — דער באַרג כמון — האָלט 598 מעטער, און דער זשערמאַק — דער העכסטער באַרג פון גליל העליון, דערגרייכט ביז 1207 מעטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער אונטערשייד אין הויכקייט ווירקט אויפן צוזאַ־מענשטעל פון דעם באָדן, אויפן קלימאַט און אויף די פלאַנצן — פלאָרע.

אין גליל העליון זענען די בערג־קייטן נאָענט איינע לעבן דער אַנדערער, און זענען אָפּגעטיילט צווישן זיך דורך קליינע און טיפע טאָלן, אָדער שפּאַלטן. קיין הויפּט־פּלאַטאָפאָרמע, דורך וועלכער ס'זאָל דורכגיין דער שליאַך, איז ניט פאַראַן. דרייט זיך דער וועג אָן אַ שיר, ביז ער דערגרייכט דעם שפּיץ־באַרג, צו וועלכן מען קומט אָן אַ פאַרמאַטערטער; סיי פון מזרח־זייט און סיי פון מערב־זייט נידערן די בערג ווי אָפּגעהאַקטע ווענט, און די פאַרבינדונג דורך זיי, איז זייער שווער.

די בערג פון גליל העליון זענען באַדעקט מיט אַ פּרוכטבאַרן שיכט ערד, וואָס די שטרויכן און בוימער פון דעם געגנט, האָבן ניט געלאָזט אַראָפּשווענקען; אויך די רעגנס זענען דאָ גענוגנדיקע — ביז 1000 סענטימ., און וואַסער־קוואַלן מיט ריטשקעלעך זענען אויך דאָ אַ סך — דערפאַר איז דאָ די פלאָרע אַ רייכע, דער קלימאַט אַ געזונטער, און דער באָדן — אַ פּרוכטבאַרער.

דער העכסטער באַרג אין גליל העליון — ווי אין גאַנץ ארץ־ישראל — איז דער זשערמאַק, אָדער הר מירון — 1208 מעטער די הויך; נאָך אים קומט דער באַרג חידר אָדער הר הארי, מיט 1017 מעטער די הויך. עס זענען באַרימט די בערג: כנען (932 מעטער); הר הלל (1071 מעטער); צפת (834 מעטער) און גמלא (800 מעטער). די קייט פון די נפתלי־בערג (750 מעטער). אין מערב־זייט קומען צו די בערג פון גליל־העליון צום ים התיכון אין צוויי ערטער:

א) ראש הנקרה — דאָ געפינט זיך די גרענעץ־סטאַנציע צווישן ארץ־ישראל און לבנון.

ב) אין לבלבן (לבנון). דעם וועג פון ראש הנקרה קיין לבלבן רופט מען: סלם־צור (דער צור־לייטער), ווייל ער שניידט זיך דורכן באַרג ביים ים אין דער פאָרעם פון טרעפּ. דער וועג באַהעפט דעם עכו־פליין מיטן פליין פון צור (אין לבנון), וועלכער ציט זיך ביזן טייך קאסימיע, ווו עס געפינט זיך די נאַטירלעכע גרענעץ פון ארץ ישראל.

אין די קליינע טייכלעך פון גליל העליון פליסט דאָס וואַסער אַ גאַנץ יאָר. עס זענען באַקאַנט די טייכלעך: נחל קרן אָדער נחל כזיב, — פאַלט אַריין אין מיטללענדישן ים, און נח עמוד, וואָס גיסט זיך אַריין אין ים כנרת און נחל דישון אין ים החולה.

דער קלימאַט פון גליל העליון איז זייער אָנגענעם און גוט פאַרן געזונט. דער הייסער כאַמסין־ווינט וואָס בלאָזט פון דער מדבר אין אַנדערע געגנטן פון דעם לאַנד, פאַרלירט דאָ די קראַפט. פאַרקערט, די קילע ווינטן וואָס קומען פון די בערג פרישן אָפּ די לופט און דערקוויקן אַלץ וואָס לעבט.

די נאַטור איז אויסערגעוויינלעך שיין; און די פאַרשנייטע קעפּ פון חרמון אין לבנון פון דער ווייטנס, גיבן צו דער געגנט אַ ספּעציעלן חן.

דער ירדן־איינבראָך

לענגויס גאַנץ ארץ ישראל איז פאַראַן אַ טיפער איינבראָך, אָדער שפּאַלט, וועלכער צעטיילט דאָס לאַנד אין צוויי טיילן: א) אין מזרח־זייט — דער עבר־הירדן המזרחי; ב) אין מערב־זייט — ארץ ישראל, אָדער דער עבר־הירדן המערבי — דאָס אַמאָליקע לאַנד כנען.

אין זיין גרעסטער טייל איז דער איינבראָך נידעריקער פון דער אויבערפלאַך פון דעם מיטללענדישן ים. דער אונטערשייד דערגרייכט ביז 392 מעטער אונטער דעם ים־אויבערפלאַך. דאָס צייכנט אויס אונדזער לאַנד פון אַלע ערטער פון דער גאַנצער וועלט — אין ערגעץ איז ניט פאַראַן אַזאַ נידעריק אָרט, אַזוי טיף אונטער דער אויבערפלאַך פון ים.

דער איינבראָך איז אַ טייל פון אַ לאַנגן שפּאַלט אין דעם ערד־קוגל, וואָס הייבט זיך אָן אין צפון — ביי דער סירישער און אַנאַטאָלישער גרענעץ, און ענ־דיקט זיך אין דרום — אין די אַפריקאַנישע ימים.



די טייכן פון ארץ־ישראל

אין דעם דאָזיקן איינבריך פליסט דער ירדן. די פאָרזעצונג פון דעם ירדן איז: דער ערבה־טאָל, דער אילת־גאָלף און דער ים־סוף.

דער ירדן איז דער גרעסטער טייך פון ארץ ישראל, קאַרגע 300 קילאָמעטער די לענג. ער ווערט געבוירן ביים באַרג חרמון (2814 מעטער די הויך), וואָס זיין קאָפּ איז באַדעקט מיט שניי דער גרעסטער טייל פון יאָר. פיר טייכלעך, וואָס האָבן זייערע קוואַלן צופוסנס דעם באַרג חרמון, פאַראייניקן זיך און שאַפן דעם ירדן. די טייכלעך זענען:

א) חצבאני אָדער נחל שנור, ער ווערט געבוירן ביים דאָרף חצביה.

ב) דן. ווערט געבוירן לעבן די חורבות פון דער אַלטער שטאָט דן אָדער ליש.

ג) באַניאַס, אָדער נחל חרמון, וואָס גייט אַרויס פון דער הייל פּאַמייאַס.

ד) עיון, גייט אַרויס פון טאָל עיון אין לבנון, לעבן מטולה, בילדנדיק דעם וואַסערפאַל פון 18 מעטער די הויך, באַקאַנט מיטן נאָמען דער איוון — „התנור".

די דריי טייכלעך פאַראייניקן זיך לעבן דעם ייִדישן דאָרף שדה נחמיה און שאַפן דעם ירדן, וועלכער פליסט אריין אין דעם טאָל חולה (דער עיון גיסט זיך אַריין נאָך דער פאַראייניקונג פון די ערשטע דריי).

דער חולה טאָל

דער חולה טאָל איז אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט בערג: אין צפון — דער באַרג חרמון; אין מערב — די נפתלי־בערג; אין מזרח — די גולן־בערג; אין דרום געפינט זיך דער חולה־ים אָדער ים־סומכי, וואָס איז זיין פאָרזעצונג.

אין דעם חולה־טאָל לויפט דער ירדן אייניקע קילאָמעטער. דערנאָך צעפאַלט ער זיך אין אַ סך טייכלעך און ריטשקעלעך וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין זומפּן און לוזשעס; דער דאָזיקער זומפּיקער געגנט איז באַקאַנט מיטן נאָמען די חולתה.

די בלאָטעס פון דער חולתה זענען געווען אַ נעסט פון אַלערליי קראַנקייטן, ספּעציעל — מאַלאַריע, וואָס האָבן אָוועקגענומען יערלעך טויזנטער לעבנס. איצט ווערט דער ירדן־דעק פאַרטיפט און קאַנאַליזירט, די זומפּן ווערן אויסגעטריקנט, און די חולתה ווערט פאַרוואַנדלט אין איינע פון די פּרוכטבאַרסטע געגנטן פון מדינת ישראל, וווּ ס'וועלן באַזעצט ווערן נייע טויזנטער קאָלאָניסטן.

דער ים חולה

דער ים חולה האָט אַמאָל געהייסן מי מרום (מירון), איז אַן אָזיערע פון אַזעלכע 5 קילאָמעטער די לענג אויף 4 קילאָמעטער די ברייט, וואָס געפינט זיך 68 מעטער איבער דער אויבערפלאַך פון דעם ים. אין דער צייט פון די גרויסע רעגנס פלעגן זיך צעגיסן די וואַסערן פון דער אָזיערע און פאַרפלייצן דעם אַרומיקן פליין, העלפנדיק שאַפן די זומפּן.

דער ים חולה איז באַרימט מיט דער רייכקייט און פאַרשידנאַרטיקייט פון זיינע פיש. די קבוצה חולתה וואָס געפינט זיך אויף זיין ברעג ניצט אויס דעם פיש־פאַנג אין אַ גרויסן מאַסשטאַב.

ווי געזאָגט האַלטן ביים פאַרשווינדן די בלאָטעס פון דער חולתה, און אויך דעם ים חולה האַלט ביים קלענער ווערן צוליב דער קאַנאַליזאַציע פון דעם ירדן־דעק.

דער ים כנרת

פון דעם ים חולה פליסט אַרויס דער ירדן, אויף זיין וועג קיין דרום און איז בכלל ניט טיף.

באַלד אָבער, ביי משמר הירדן, ווו עס געפינט זיך די בריק „בנות יעקב", גייט ער אַריין אין אַ שמאָלן טאָל, מיט הויכע ווערטיקאַלע ווענט און פליסט דאָרט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט ביז ער פאַלט אַריין אין ים כנרת. די סיבה פון זיין שנעלן לויף איז פאָלגנדע: דער ים חולה איז 68 מעטער העכער פון דער אויבערפלאַך פון ים התיכון; דער ים כנרת איז מיט 212 מעטער נידעריקער פון דער דאָזיקער אויבערפלאַך. קומט אויס, אַז אין די זעכצן קילאָמעטער וואָס זענען דאָ פון ים חולה ביז דעם ים כנרת, לאָזט זיך דער ירדן אַראָפּ 290 מעטער.

פאַרן אַריינפאַלן אין כנרת שאַפט דער ירדן אייניקע פלאַכע ערטער און בלאָטעס אין וועלכע ער לאָזט איבער דעם שטויב און ליים וואָס ער שלעפּט מיט אין זיין שנעלן געלויף, אין כנרת גיסט דער ירדן אַריין לויטערע און ריינע וואַסערן.

דער ים כנרת איז איינגעשלאָסן צווישן הויכע בערג פון אַזעלכע 500 מעטער די הויך, וואָס לאָזן כמעט ניט איבער קיין ברעג צווישן זייערע ווענט און דעם וואַסער.

די לענג פון כנרת איז 21 קילאָמעטער. זיין ברייט 12 און זיין טיף 48 מעטער. בכלל פאַרנעמט ער אַ שטח פון 170 קוו. ק"מ זיינע וואַסערן זענען קלאָר און לויטער, און פאַרמאָגן אַ סך פיש.

צוויי קליינע טאָלן פאַרמאָגט, ביי זיינע ברעגן, דער כנרת. איינע אין צפון־מזרח, וואָס הייסט אל־בטיחה, און די אַנדערע אין צפון־מערב און איז באַקאַנט מיטן נאָמען: דער גינוסר־טאָל.

ביידע טאָלן זענען באַרימט מיט זייער פרוכטבאַרקייט און מיט זייער הייסן קלימאַט. די גרינצייג און פרוכטן ווערן דאָרט צייטיק פריִער ווי אין וועלכן ס'ניט איז אָרט אין ארץ ישראל. אויפן מערב ברעג פון כנרת געפינט זיך די אַלטע און באַרימטע שטאָט טבריה.

דער ירדן טאָל

אין דרום, ביי דעם קבוץ דגניה, פליסט דער ירדן אַרויס פון דעם ים כנרת, אויף זיין וועג צום ים המלח. כאָטש דער מהלך פון כנרת ביזן טויטן ים איז ניט

מער ווי 105 קילאָמעטער, איז די לענג פון דעם ירדן פון כנרת ביז זיין אַריינ־גיסן זיך אין ים המלח — 200 קילאָמעטער. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער ירדן דרייט זיך צווישן דעם אָפּזעץ־מאַטעריאַל (ליים, קאַלך, גיפּס און קליינע שטיינדלעך), וואָס זענען פאַרבליבן נאָך פון יענע צייטן ווען דער כנרת און דער ים המלח האָבן געבילדעט איין גרויסן ים.

בעת די גרויסע רעגנס צעוואַקסט זיך דער ירדן און גייט אַרויס פון זיינע ברעגן. דער שטח וואָס דער ירדן פאַרגיסט בעת זיינע פאַרפלייצונגען איז פאַר־וואַקסן מיט פאַרשידענעביימער און רופט זיך: גאון הירדן.

דער ירדן־טאָל געפינט זיך 200 מעטער אונטער דער אויבערפלאַך פון דעם ים. דער ירדן אַליין דינט, אין דער געגנט, אַלס גרענעץ צווישן מדינת ישראל און טראַנסיאָרדאַניע אויסער אין דער קליינער טייל — צווישן דעם כנרת און דעם פלאַץ ווו דער יאַרמוק גיסט זיך אַריין אין דעם ירדן.

דער יאַרמוק איז דער גרעסטער טייך פון דעם עבר הירדן.

נישט ווייט פון דעם אָרט ווו ער גיסט זיך אַריין אין דעם ירדן, האָט מען אויפגעשטעלט — לויטן פּלאַן פון אינזשיניער פּנחס רוטענבערג — אַן עלעק־טרישע סטאַנציע.

די וואַסערן פון דעם יאַרמוק ווערן אָנגעזאַמלט אין דעם שמאָלן טאָל אין וועלכן ער גייט דורך אין זיין לעצטער טייל. די דאָזיקע וואַסערן שאַפן אַ טיפע און גרויסע אָזיערע.

אַ טייל פון דעם ירדנס וואַסערן האָט מען אויך אַריינגעפירט אין אָט דער אָזיערע, דורך ברייטע קאַנאַלן.

פון דער אָזיערע שטראָמען אַריין די וואַסערן, דורך אַ ברייטן קאַנאַל, אין ברייטע משופּעדיקע רערן, וואָס מאַכן אַז די וואַסערן זאָלן אַראָפּפאַלן פון 28 מעטער די הויך אויף די רעדער וואָס באַוועגן די ריזיקע טורבינעס, וועלכע האָבן פריער געשאַפן דעם עלעקטרישן כח פאַר כמעט דעם גאַנצן לאַנד. היינט איז דאָס גאַנצע ווערק אין די הענט פון עבר־הירדן און עס פונקציאָנירט נישט מער.

נאָכן אַראָפּפאַלן ווערן די וואַסערן ווידער אַריינגעפירט — דורך אַן אַנדער קאַנאַל — צוריק אינעם ירדן אַריין.

דאָס אָרט ווו עס געפינט זיך די עלעקטרישע סטאַנציע הייסט נהרים, ד. ה. דער צונויפגוס פון ביידע טייכן.

נישט ווייט פון דאָרטן האָבן די אַרבעטער פון דער סטאַנציע געגרינדעט דאָס שטעטעלע תל־אור.

פון תל אור לויפט ווייטער דער ירדן, אויף זיין געדרייטן וועג, קיין דרום; אין דעם טאָל בית שאן באַקומט ער פון מערב־זייט, די וואַסערן פון דעם היס־טאָרישן טייכל נחל חרוד.

ווייטער אויף זיין וועג צום ים המלח, פליסט דער ירדן אין אַ שמאָלן יאַר מיט הויכע ווענט, וואָס זיין אייגענער שטראָם האָט אויסגעגראָבן און דעם גרוי־מען טאָל, פון מזרח־זייט באַקומט דאָ דער ירדן, דאָס טייכל יבוק, וואָס שניידט

דורך די פּראָווינץ גלעד, דאָס אָרט ווו דער יבוק גיסט זיך אַריין אין דעם ירדן, איז 358 מעטער אונטער דעם ים־שפּיגל.

דער ירדן דרייט זיך אין זיין בעט: אָט רעכטס, אָט לינקס; גראָבט טיף און שאַפט הויכע, אָפּגעהאַקטע ברעגן; דער ירדן־טאָל ווערט וואָס אַמאָל ברייטער. לעבן דער אַלטער שטאָט יריחו דערגרייכט ער זיין מאַקסימאַלע ברייט.

דער טייל פונעם ירדן־טאָל וואָס געפינט זיך פון מזרח־זייט פון די וואַסערן פון ירדן הייסט: ערבות מואב; און דער טייל וואָס געפינט זיך פון מערב־זייט רופט מען: ערבות יריחו.

אין ירדן־טאָל הערשט אַ היץ און אַ טריקעניש אין דער גרעסטער טייל פון יאָר. ווינטער איז דאָ די לופט ריין און ס'איז וואַרעם; האָבן די אַראַבישע גבירים אויסגעבויט זייערע פּרעכטיקע דאַטשעס לעבן יריחו און געניסן פון אַ טרוקענעם וואַרעמען קלימאַט אין די קאַלטע און רעגנדיקע ווינטער־חדשים פון ארץ ישראל.

די באַרימטסטע בריקן איבערן ירדן זענען: די בריק פון משמר־הירדן אָדער: די בנות יעקב בריק; דער דגניה בריק, דער נחלים בריק לעבן תל אור; דער דמיה בריק לעבן דעם אָרט ווו דער יבוק גיסט זיך אַריין, און אַלענבי־בריק לעבן יריחו.

דער ים המלח

איז דער טיפסטער איינברוך אויף דעם גאַנצן ערד־קוגל. זיין וואַסער־שפּיגל געפינט זיך צווישן 392 און 395 מעטער נידעריקער פון דעם וואַסער־שפּיגל פון דעם מיטללענדישן ים.

די לענג פון דעם ים המלח איז 76 קילאָמעטער, זיין ברייט — 17 קילאָמעטער און ער פאַרנעמט אַ שטח פון 1015 קילאָמעטער.

באַלד נאָך יריחו פאַרשווינדט פון דעם ירדן־טאָל יעדער בוים אָדער קולטיווירטע פלאַנץ, אויף דעם באָדן, וואָס נעענטער צום ים המלח אַלץ געזאַלצענער ווערט ער, און עס וואַקסן נאָר ווילדע מדבר־געוויקסן.

אין פיל פלעצער איז דער באָדן באַדעקט מיט שיכטן זאַלץ און גיפּס, און אויך, ווען ניט ווען, מיט קופּקעלעך שוועבל, וואָס זענען רעשטן פון די אַמאָליקע וואַרעמע מינעראַלע קוואַלן וואָס האָבן דאָ אַרויסגעשלאָגן פון די ווולקאַנישע טיפענישן פון דעם אָרט.

די ברעגן פון דעם ים זענען אין אַלגעמיין זייער הויכע און אָפּגעהאַקטע, נאָר אינעם מערבדיקן ברעג זענען נאָך פאַראַן ערטער ווו מ'קאָן גיין לענגאויס דעם ים ניט מוזנדיק אַרויפקלעטערן אויף די בערג; בשעת דער מזרח־ברעג איז אָפּגעהאַקט, גלייך ווי אַ וואַנט, און שטאַרק הויך (עטלעכע הונדערט מעטער איבערן וואַסער) און ס'איז ממש נישטאָ קיין אָרט ווו אַוועקצושטעלן אַ פוס.

אין מיטן פון דעם מערבדיקן ברעג, ביים וואַסער־אַראָפּפאַל פון די יהודה־בערג, געפינט זיך דער אָאַזיס עין־גדי, וואָס פאַרמאָגט גוטע קוואַלן און פאַרשידענע בוימער, און איז נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן געווען באַרימט מיט זיינע וויינגערטנער און פרוכטביימער.

זעכצן קילאָמעטער קיין דרום פון עין־גדי, געפינט זיך דער באַרג מצדה (520 מעטער די הויך) וווּ עס שטייען נאָך די רעשטן פון דער פעסטונג, אין וועל־כער די לעצטע קנאים האָבן אין משך פון דריי יאָר געשטעלט דעם לעצטן ווי־דערשטאַנד, קעגן די מעכטיקע רוימישע חילות.

ביים דרום־מערבדיקן ברעג שטייט דער באַרג סדום (240 מעטער די הויך) וועלכער באַשטייט כמעט אין גאַנצן פון ריינער קריסטאַליזירטער זאַלץ.

אין דעם מזרחדיקן ברעג אַנטקעגן עין־גדי, גיסט זיך אַריין אין ים המלח דער נחל ארנון ,דורך אַ טיפן טאָל מיט שטאַרק הויכע, ווערטיקאַלע, רויטע ווענט.

צוואַנציק קילאָמעטער פון דרום־זייט פונעם ארנון דרינגט אַריין אין דעם ים אַ האַלבער אינדזל וואָס איז צוליב זיין פאָרעם, באַקאַנט מיטן נאָמען: די צונג (הלשון).

פון צפון־זייט פון דער „צונג" (הלשון), דערגרייכט די טיפקייט פון די וואַ־סערן ביז פיר הונדערט מעטער; אין דרום־זייט — איז די טיף ניט מער פון אייניקע מעטער.

די וואַסערן פון דעם ים־המלח פאַרמאָגן זייער אַ גרויסע פּראָפּאָרץ פון פאַר־שידענע מינעראַלן, ווי: כלאָר, בראָם, מאַגנעזיע און פּאָטאַש. צוליב די זאַלצן זענען די וואַסערן פון ים־המלח שווערער ווי די פון ים התיכון; אַ מענטשנס קער־פּער ווערט נישט אַראָפּזינקען אין דעם ים־המלח; עס לעבט ניט אין זיינע וואַסערן קיין שום באַשעפעניש, דערפאַר רופט מען אים אויך: „דער טויטער ים".

אין יאָר 1930 איז אויפגעשטעלט געוואָרן, אויפן צפונדיקן ברעג פון דעם ים, אַ גרויסער ווערקשטאַט אויף אַרויסצובאַקומען פּאָטאַש פון די ים־וואַסערן. אין 1933 איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן ענלעכער אינסטיטוט אויפן דרומדיקן ברעג פון ים־המלח, לעבן דעם באַרג סדום.

דער עמק הערבה

פון דעם דרומדיקן ברעג פון ים המלח ביזן ים־סוף, אין דער לענג פון 175 קילאָמעטער, ציט זיך דער ערבה־טאָל.

באַלד נאָכן ים־המלח איז דער טאָל נידעריק און פאַרמאָגט געזאַלצענע אָזע־רעס און זומפּן. ניט ווייט פון די זעלבע, פליסן טייכן און שלאָגן אַרויס קוואַלן אין וווּנדערלעך פּרוכטבאַרן באָדן. נאָר די מאָסקיטן און די מאַלאַריע דערלאָזן ניט קיין סטאַבילן ישוב.

דערפאַר איז דער ערבה־טאָל וויסט און אָרעם, נאָר וווּ ניט ווען, קרייצן אים דורך וואַנדערנדיקע בעדויִנישע שבטים. אַמאָל איז די געגנט געווען באַ־וווינט, ווי צוער, די שטאָט פון טייטל־ביימער. צופוסנס פון דעם באַרג שעיר זענען געווען ישובים מיט שמעלץ־אויוונס פון קופּער און אייזן, ווי אויך ביי די ברעגן פון די נגב־בערג — ווי אין תמנע, זיי זענען געווען באַרימט אַלס די קופּער־גרובן פון דעם מלך שלמה.

דעם גרעסטן פון די אויוונס האָט ניט לאַנג אַנטדעקט אַ יידישער פאָרשער, אין מזרח־זייט פון אילת.

אויך פלעגן דורכשניידן, אין די אַלטע צייטן, דעם ערבה־טאָל וויכטיקע קאָ־מערציעלע וועגן, וועלכע האָבן געפירט דורך די צאָלרייכע שטעט פון דעם נגב צום מיטללענדישן ים, צו די פּאָרטן עציון גבר און אילת און צו דער הויפּטשטאָט פון אדום: סלע, אָדער פּעטרא. פון יאָר ה׳תש״ט פלאַטערט ווידער די יידישע פאָן אויפן ברעג פון ים־סוף און אילת.

דער עבר הירדן

די הויך־פּלאַך וואָס פון מזרח־זייט ירדן

דער עבר הירדן ציט זיך פון דעם באַרג חרמון אין צפון, ביז דעם עקבה־גאָלף אין דרום, אין דער לענג פון 400 קילאָמעטער; און פון דער מזרח־זייט פון דעם ירדן־איינברוך ביזן סיריש־אַראַבישן מדבר.

דער גרעסטער טייל פון דער געגנט שטעלט מיט זיך פאָר אַ הויך־פּליין; אין דער מערבדיקער זייט, דאָס הייסט ביים ירדן, זענען די ברעגן פון דעם פּליין הויכע און אָפּגעהאַקטע. אין דער מזרחדיקער זייט, נידערן זיי אומבאַמערקטער־הייט צו די פלאַכקייטן פון דעם מדבר.

צוליב די אויבערשטע ים־ווינטן וועלכע דערגרייכן אַהער, רעגנט אַ סך אין דעם עבר הירדן; אויך, אַ דאַנק דעם צוזאַמענשטעל פון דעם באָדן, האַלט זיך דאָ די פייכטקייט מער אויף, און ס'זענען דאָ פאַראַן שטראָמענדיקע טייכלעך און אַ סך קוואַלן.

דער עבר־הירדן ווערט נאַטירלעך איינגעטיילט אַזוי: בשן, גלעד, מואב און אדום אָדער דער באַרג שעיר.

א) דער בשן: דער בשן ציט זיך פון די גרענעצן פון צפון, ביזן טייך יאַר־מוק אין דרום. ער איז דער גרעסטער און וויכטיקסטער טייל פון דעם עבר הירדן, דער בשן איז באַרימט מיט זיין פרוכטבאַרקייט, ווייל זיין באָדן באַשטייט, כמעט אינגאַנצן, פון צעשטויבטן באַזאַלט.

דערפאַר זענען געווען באַרימט, נאָך אין די ביבלישע צייטן: די תבואות, וועלדער און קי פון בשן.

אין בשן זענען דאָ אַ סך אויסגעלאָשענע ווולקאַנען, די באַרימטסטע זענען: ברכת א־רם (1024 מעטער), אין זיין קראַטער איז דאָ אַ שיינע אָזיערע; און תל אבו־נידא (1204 מעט.). אין זיין גרויסן קראַטער האָבן די טשערקעסן אַ סך גרינס־גערטנער.

דער „בשן" אַליין ווערט איינגעטיילט אין דריי טיילן: 1) די געגנט וואָס ציט זיך פון דעם ירדן אין מערב, ביזן טייכל רוקד, אין מזרח — ווערט אָנגערופן

גולן, וועלכער פאַרמאָגט נאָך איצט פרוכטבאַרע פעלדער און רעשטן פון געדיכטע וועלדער, און איז טיילוויז באַוווינט פון טשערקעסן, וואָס די טערקישע רעגירונג האָט געבראַכט פון קאַווקאַז; 2) פון מזרח־זייט פונעם בשן הייבן זיך די בערג חורן אָדער דער דרוזן־באַרג. די געגנט באַקומט דעם נאָמען פון די דרוזן וואָס האָבן זיך דאָ איַמפּאָנירט פון דעם יאָר 1860. דער דרוזן־שבט, אַ העלדישער און אַ קריגערישער איז אַן אויסמיש פון פּערסיש־אַראַבישן אָפּשטאַם. זייער רעליגיע איז אויך אַ אויסמיש פון דער איסלאַמישער, קריסטלעכער און אַלט־פּערסישער רעליגיע, מיט אַ צוגאָב פון פילאָזאָפישע פּרינציפּן. די דרוזן האָבן ניט קיין געבעט־הייזער און צו זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, — וואָס טראָגן אַ מיסטעריעזן כאַראַקטער — לאָזן זיי ניט צו קיין פרעמדע.

דער העכסטער פּונקט פון די חורן־בערג איז דער תל אל ג׳ינה, פון 1840 מעטער, וואָס איז אויך דאָס העכסטע אָרט פון גאַנץ ארץ־ישראל.

3) דער צפון־מערבדיקער טייל פון דעם בשן הייך־פליין רופט מען טרכונה, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ ים פון פעלדזן און פאַרגליווערטע לאַווע אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג; פול מיט טיפע שפּאַלטן א.ן היילן, ווו עס באַהאַלטן זיך אויס באַנדיטן און פאַרשידענע אויפשטענדלער.

דער גלעד

דער גלעד, אין וועלכן עס גייט אַריין דאָס לאַנד פון די בני־עמון, ציט זיך פון דעם ירמוק אין צפון, ביזן באַרג נבו —ביים צפון־מזרחדיקן ברעג פון ים המלח, אין דרום.

פון די גאָר אַלטע צייטן איז דער גלעד באַרימט מיט זיין פּרוכטבאַרקייט, ווייל זיין באָדן באַשטייט פון אַ גרויסן טייל צעשטויבטן באַזאַלט און די רעגנס פאַלן בשפע, אויך זענען דאָרט פאַראַן אַ סך קוואַלן און טייכלעך. דער וויכטיקסטער טייך פון גלעד איז דער היסטאָרישער יבוק וואָס פאַלט אַריין אין דעם ירדן; זיינע העכסטע בערג זענען: אנם־ע־דאראג, 1.300 מט. אין צפון, און נביא הושע — 1000 מעטער אין דרום.

די שטאָט אַמאַן האָט אין די ביבלישע צייטן געהייסן: רבת עמון, איז איצט די הויפּטשטאָט פון עבר־הירדן און דורך איר גייט די אייזנבאַן־ליניע וואָס פירט קיין מעקאַ און מעדינאַ, — די צוויי הייליקסטע מוסולמענישע שטעט פון דעם אַראַבישן האַלב־אינדזל.

דאָס לאַנד מואָב

דאָס לאַנד מואב איז די געגנט וואָס געפינט זיך פון מזרח־זייט פון דעם ים המלח, פון דעם באַרג נבו, אין צפון, ביזן טייכל זרד, אין דרום.

דאָס איז אינגאַנצן אַ לאַנד פון הויכפליין. די בערג זענען דאָ מערקבאַר נאָר

אין דער מערבדיקער טייל, ביי די ברעגן פון דעם ים המלח. טייכלעך וואָס פליסן אין זייער טיפע טאָלן מיט ווערטיקאַלע ווענט, צעשניידן דעם הויכפּליין אויף פאַרשידענע טיילן, וועלכע קאָנען זיך כמעט נישט קאָמוניקירן צווישן זיך. דער הויפּט־וועג געפינט זיך דערפאַר ביי דער מזרחדיקער זייט פון מואב.

דער וויכטיקסטער טייך פון דער געגנט איז דער ארנון, וואָס גיסט זיך אַריין אין דעם ים המלח. דער העכסטער פּונקט פון מואב איז דער באַרג מג׳רה (1270 מעט.). באַקאַנט איז דער סיחון (1058 מעטער). און באַרימט איז דער באַרג נבו (795 מעטער) פון וואַנען משה רבנו האָט באַקוקט ארץ־ישראל פאַר זיין טויט.

דער באַרג שעיר (אדום)

פון דעם טייכל זרד ביזן אילת־גאָלף ציט זיך דער באַרג שעיר. ס׳איז אַ בערגיקע געגנט מיט שפּועים סיי קיין מערב און סיי קיין מזרח זייט. זיין באָדן איז אַ רויטלעכער, — דערפון קומט דער נאָמען אדום.



אַ פּאַלאַץ אויסגעהאַקט אין פעלדז
אין דער שטאָט סלע (פּעטראַ)

דער העכסטער פּונקט פון דער געגנט איז דער באַרג אל־פּרדה (1730 מ׳). דער סלע אדום (פּעטראָ) איז געווען די הויפּטשטאָט פון די נאַבאַטייער. אירע וווינונגען זענען געווען אויסגעהאַקט אין די שטיינערנע ברעגן פון נחל מוסה (משה) איר אויסזען באַווירקט נאָך איצט זייער שטאַרק די טוריסטן.

היסטאָריש איז דער הר ההר, ג׳בל האַרון (1336 מ׳) ווו אהרן איז געשטאָרבן. כאָטש דער ריכטיקער הר ההר געפינט זיך אין נחל דין, אין צפונדיקן נגב.

דער צפונדיקער טייל פון אדום פאַרמאָגט אַ סך קוואַלן און ס׳פאַלן דאָ אויס אַ סך רעגנס. ער פאַרמאָגט תבואה און פּאַשע־פעלדער; דער דרומדיקער טייל איז כמעט אַ פולשטענדיקער מדבר.

ביים טייכל פונון (האַלב וועג צווישן דעם טייכל זרד און דעם הר ההר) געפינען זיך די פאַרלאָזטע קופּער־מינעס און שמעלצאויוונס, נאָך פון שלמהס צייטן, וואָס ווערן איצט ניט אויפגעלעבט, ווייל זיי געפינען זיך אין עבר הירדן, אין אַראַבישע הענט.

ייִדישע מי באַנייט איצט די פּראָדוקציע פון די מינעס וואָס איז נחל תמנע.

די באַן־ליניע וואָס קומט אָן פון דמשק און רבת־עמון לויפט אויף דער באַרג־פּלאַטאָפאָרמע פון עבר־הירדן, ווו עס גייט דורך דער אוראַלטער וועג פון צפון קיין דרום, ביז ניט ווייט פון מעון אדום, אָדער מעאן, פון דאָרט פאַרקערעוועט זי צום אַראַבישן האַלב־אינדזל.

דער קלימאַט פון ארץ־ישראל

דעם קלימאַט פון אַ לאַנד באַשטימען געוויינטלעך פאָלגנדע הויפּט־פאַקטאָרן: דער סכום ליכט און וואַרעמקייט וואָס דאָס אָרט באַקומט פון דער זון; דער לופט־דרוק; דער כוח פון די ווינטן, זייער אָפּטקייט און זייער ריכטונג; און די לופט־פייכטקייט.

די אַלע פאַקטאָרן זענען אָפּהענגיק פון דער געאָגראַפישער ברייט (ווייטקייט פון עקוואַטאָר און פּאָלוסן); די הויכקייטן פון דעם אָרט איבער דעם ים־פלאַך; זיין ווייטקייט פון דעם ים און פון דעם מדבר; די ריכטונג פון די ווינטן בנוגע די בערג־שפּועים אאַז"וו.

פון מערב־זייט דער ים, און פון מזרח און דרום — דער מדבר, באַשטימען דעם הויפּט־כאַראַקטער פון דעם קלימאַט פון ארץ־ישראל: פון דעם ים בלאָזן די ווינטן וואָס קילן אָפּ די לופט אין זומער, און ברענגען די רעגנס אין ווינטער; פון דעם מדבר בלאָזן קאַלטע און טרוקענע ווינטן אין ווינטער און זייער הייסע אין אָנהייב און סוף זומער.

צווייערליי טיפּן קלימאַטן טרעפן זיך אָן אין אונדזער לאַנד.

א) דער מיטללענדישער קלימאַט — ענלעך צו דעם קלימאַט וואָס הערשט ביי די ברעגן פון גריכנלאַנד, איטאַליע און שפּאַניע, לויט וועלכן דאָס יאָר ווערט איינגעטיילט אין 1) זומער, אָדער די צייט ווען די זון שיינט אָן וואָלקנס; און 2) ווינטער — די צייט פון די רעגנס.

ב) דער מדבר־קלימאַט — ווען דער חילוק צווישן דער טעמפּעראַטור פון טאָג און נאַכט איז גרויס; דאָס זעלבע צווישן ווינטער און זומער; די לופט־פייכטקייט איז אַ נידעריקע און עס רעגנט זייער ווייניק.

וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון מערב קיין מזרח און פון צפון קיין דרום, אַלץ מער פילט זיך די ווירקונג פון דעם מדבר אויפן קלימאַט פון אונדזער לאַנד.

אין אַלגעמיין ווערט דאָס יאָר ביי אונדז איינגעטיילט אין צוויי טיילן:

1) זומער, אָדער די צייט ווען די זון שיינט מיט איר פולער פּראַכט, פון ניסן ביז תשרי — (פון אַפּריל ביז אָקטאָבער), דאָס איז דער סעזאָן פון דער היץ, פון טריקעניש, און די צייט ווען מען שניידט די תבואות; 2) ווינטער, אָדער די רעגן־

צייט (פון חשון ביז אדר — פון נאָוועמבער ביז מערץ). ס'איז דער סעזאָן פון קעלט און פון פאַרזייען די פעלדער.

די ווינטן בלאָזן זומער פון דעם ים און קילן די לופט; ווינטער ברענגען די ים־ווינטן די רעגנס.

די ווינטן וואָס בלאָזן פון דעם מדבר זענען אין ווינטער טרוקן און קאַלט; אָנהייב און סוף זומער בלאָזן פון דעם מדבר זייער הייסע ווינטן.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם ארץ־ישראלדיקן קלימאַט איז דער לאַנגער סעזאָן פון טריקעניש.

ליכט: אונדזער לאַנד איז באַרימט מיט דער פרעכטיקער שיין פון איר זון און שטערן. דאָס איז אַ דאַנק דער טרוקענער לופט וואָס מיר פאַרמאָגן אין דעם גרעסטן טייל פון יאָר; ווייל די דאָזיקע טרוקנקייט מאַכט די לופט זייער דורכזיכטיק.

די טעמפּעראַטור ענדערט זיך לויט דער הויך פון דעם אָרט און לויט דער ווייטקייט פון דעם ים. דערפאַר אונטערשיידט זיך זייער ווייניק די טעמפּעראַטור צווישן טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, אין דער שפלה; און דער אונטערשייד איז פיל גרעסער אין ירושלים און נאָך גרעסער אין רבת־עמון.

די דורכשניטלעכע יערלעכע טעמפּעראַטור איז אין געוויסע פּונקטן אַזוי:

חיפה — 21,4	יריחו — 23,3
צפת — 18,2	עזה — 19,8
טבריה — 23	באר שבע — 20,4
תל־אביב — 20,2	חברון — 16,5
ירושלים — 17,7	דרום פון ים־המלח — 25,5.

אַ פראָסט טרעפט זייער זעלטן אין אונדזער לאַנד. נאָר אין די בערג דערגרייכט אַמאָל די קעלט ביז 7 גראַד אונטער נול. עס טרעפט אַמאָל אַז אין ירושלים זאָל אויספאַלן אַ שניי וואָס ליגט איינציקע טעג. געוויינטלעך האַלט אָן דער פראָסט נאָר באַנאַכט און אינדערפרי. ווען די זון גייט אויף, הייבט זיך די טעמפּעראַטור איבער נול.

אין יריחו דערגרייכט אַמאָל די היץ ביז אַריבער 48°, און אין דרום פון ים המלח — נאָך מער.

דער ווינטער איז זייער אָנגענעם אין יריחו און ביי די ברעגן פון ים המלח; דער זומער איז אנגענעם אין די בערג פון גליל־העליון און אין ירושלים.

דער לופט־דרוק, וואָס ווערט געמאָסטן מיטן באַראָמעטער, איז פריער פון אַלץ אָפּהענגיק אין דער הויך פון אָרט. פאָרנדיק פון תל־אביב קיין ירושלים, זעט מען, אַז וואָס מער מען שטייגט באַרג־אַרויף אַלץ נידעריקער איז דער לופט־דרוק; און פאָרנדיק פון ירושלים קיין יריחו, זעט מען אַז וואָס נידעריקער מען לאָזט זיך אַראָפּ צו די ירדן־ברעגן אַלץ מער שטייגט דער לופט־דרוק.

אויסער דער הויך ווירקן נאָך אויפן לופט־דרוק אַנדערע פאַקטאָרן, ווי: די טעמפּעראַטור און פייכטקייט.

אין אַלגעמיין איז דאָס פאַלן פון דעם באַראָמעטער אַ סימן אויף נאָענטע רעגנס, און זיין שטייגן — אַ צייכן אויף לויטערע טעג.

זומער־צייט איז דער לופט־דרוק פון ארץ־ישראל אַ הויכער און דער באַראָמעטער בייט זיך כמעט ניט.

די ווינטן ווערן געבוירן דורך דעם אונטערשייד פון דעם לופט־דרוק אין די פאַרשידענע ערטער; די אָנגעוואַרעמטע לופט שטייגט אַרויף און אויף איר אָרט קומט די קאַלטע לופט — בלאָזט אַ ווינטעלע.

אין די זומער־טעג ווערט די ערד שנעלער אָנגעוואַרעמט ווי דער ים, די ווינטן בלאָזן דערפאַר זומער־צייט פון דעם ים — ווו די לופט איז קילער, אויף דער יבשה — וווּ דער הייסער באַדן וואַרעמט שנעל אָן די לופט.

ביינאַכט קילט זיך די ערד שנעלער אָפּ, בלאָזט דעמאָלט אַ ווינטל פון יבשה צום ים.

די ווינטן וועלכע דערגרייכן צום ירדן קילן זיך ניט אָפּ, נאָר, פאַרקערט, אַראָפּלאָזנדיק זיך אונטער דעם ים־פלאַך, דערוואַרעמען זיי זיך, און ברענגען, אָפּטמאָל, שרעקלעכע שטורעמס אויפן כנרת און ים המלח.

דער חמסין איז אַ דרום־מזרח־ווינט וואָס בלאָזט פון דעם מדבר אין די חדשים: אַפּריל־מאַי און סעפּטעמבער־אָקטאָבער. דאָס איז אַ הייסער טרוקענער ווינט וואָס שטיקט די לעבעדיקע באַשעפענישן און טריקנט אויס דעם באָדן. אָפּטמאָל ווערט דער חמסין באַגלייט פון וואָלקנס שטויב, וואָס ער ברענגט מיט מיט זיך פון דעם מדבר, דער שטויב פאַרשטעלט די זון און דרינגט אַריין אומעטום.

די פייכטקייט: די לופט פאַרמאָגט שטענדיק וואַסער־דאַמף וואָס קומט פון דעם ים, פון די טייכן, פון די אָזיערעס, בלאָטעס, פלאַנצן אאַז״וו, וואָס די וואַרעמקייט דעמפּט אויס.

די פייכטקייט ווערט געמאָסטן דורכן היגראָמעטער.

וואָס העכער די טעמפּעראַטור און וואָס נעענטער צום וואַסער אָדער צו וועלדער, אַלץ גרעסער איז די גראַד פייכטקייט פון דער לופט.

אויב די לופט פון אַ געוויסן אָרט פאַרמאָגט דעם גאַנצן סכום וואַסער וואָס זי קאָן אין זיך אַרייננעמען, זאָגט מען אַז די לופט איז איבערגעזעטיקט, אַז די לופט ווערט אָפּגעקילט, ווערט אַ טייל דאַמף פאַרוואַנדלט אין טוי, נעפּל, כמאַרעס און רעגן.

די רעגנס: אין ארץ־ישראל רעגנט נאָר ווינטער. די רעגנס הייבן זיך אָן אין סוף תשרי אָדער אָנהייב חשון (אָקטאָבער) און ענדיקן זיך אין ניסן (אַפּריל). נאָר די הויפּט־רעגנס פאַלן אין די חדשים כסלו, טבת און שבט (דעצעמבער־פעברואַר).

די ערשטע רעגנס הייסן דער יורה און געדויערן, — מיט איבעררייסן — אַזעלכע צען טעג. דער יורה מאַכט פייכט די אויסגעטריקנטע ערד, עס קומען נאָכדעם שיינע טעג וואָס די פּויערים נוצן אויס צו פאַראַקערן און פאַרזייען זייערע פעלדער מיט די ווינטער־תבואות.

די לעצטע רעגנס, וועלכע געדויערן 5—6 טעג, רופט מען דער מלקוש. די

תבואה נייטיקט זיך זייער שטאַרק אין דעם מלקוש כדי זי זאָל ניט פֿאַרברענט ווערן פֿון די ערשטע זומער־היצן.

די מאָס פֿון רעגנס פֿון ארץ־ישראל ווערט קלענער פֿון צפֿון קיין דרום, פֿון מערבֿ קיין מזרח און פֿון דער הויך צו דער נידער.

אַלס ביישפּיל קאָנען דינען דריי פּונקטן, גענומען ביים ברעג פֿון צפֿון קיין דרום, לויט די מילימעטער יערלעכע רעגנס: חיפה — 650; תל־אביב — 550; עזה — 372; דריי פּונקטן גענומען אין צענטער פֿון לאַנד, אויך פֿון צפֿון קיין דרום: צפת — 760; ירושלים — 650; חברון — 535; דריי פּונקטן גענומען אין ירדן־איינבראָך, אויך פֿון צפֿון קיין דרום: טבריה — 485; יריחו — 116, דרום ים המלח — 30.

די געוויקסן פֿון ארץ ישראל (פֿלאָרע)

קליין איז אונדזער לאַנד, נאָר איר פֿלאָרע איז פֿאַרשידנאַרטיקער פֿון אַ סך גרויסע לענדער, דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון די פֿאַרשידענע קלימאַטן און כלערליי באָדנס וואָס ארץ־ישראל פֿאַרמאָגט.

טרעפֿט מען דערפֿאַר דאָ אָן געוויקסן וואָס כאַראַקטעריזירן די מיטללענדישע ברעגן; מדבר־געוויקסן און ספּעציפֿישע ארץ־ישראלדיקע געוויקסן. אַלץ אין ניט קיין גענוגנדער מאָס, ווייל ביז ניט לאַנג איז אונדזער לאַנד דאָך געשטאַנען אינ־גאַנצן וויסט; און ערשט לעצטנס פֿאַרוואַנדלען עס די ייִדן מיט דער הילף פֿון קרן קימת צוריק אין אַ ארץ זבת חלב ודבש.

געוויקסן פֿון דעם מיטללענדישן ים טיפּ זענען: דער איילבירט־בוים, דאָס געדיכטע וועלדל פֿון נידעריקעביימער, די דערנער־שטרויכן אאַז״וו.

פֿון מדבר טיפּ: האַרטע, ווילדע גראָזן און אַלערליי נידעריקע שטרויכן, וועל־כע זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ טרוקענעם באָדן און גרויזאַלצענע ערדן; ספּע־ציפֿיש, ארץ־ישראלדיקע געוויקסן זענען: די יריחו רויז, אַ געוויקס וואָס ווערט פֿאַרטריקנט, נאָר אויב אין יאָרן אַרום וועט מען דאָס אַריינלייגן אין וואַסער וועט עס ווידער אויפֿלעבן; און די סדום־עפּעלעך — וואָס האָבן דעם אויסזען פֿון שיינע עפּל, אָבער אינעווייניק פֿאַרמאָגן זיי נאָר אַ ביסל אַש.

דער סעזאָן פֿון דעם גרעסטן טייל געוויקסן איז פֿרילינג, ווען די פֿייכט־קייט און די היץ זענען פֿאַראַן אין אַ גענוגנדער מאָס.

דערפֿאַר פֿאַרמאָגט אונדזער לאַנד אַ סך געוויקסן וואָס זייער לעבן איז קורץ און זיי פֿאַרשווינדן שנעל ווי: ווייץ, האָבער, קאָרן, און פֿרוכטן וועלכע ווערן שנעל צייטיק; שבֿועות איז דער יום־טובֿ פֿון די ערשט־צייטיק געוואָרענע פֿרוכטן.

אָבער אין די געגנטן וווּ מען באַוואַסערט די פֿעלדער, אַנטוויקלען זיך, אַפֿילו אין דער טרוקענער צייט, אַלערליי פֿלאַנצן אויפֿן שענסטן שטייגער.

אין אַזעלכע באַדינגונגען וואַקסן גוט אין ארץ ישראל די ביימער וואָס פֿאַר־מאָגן אַ סך וואָרצלען וואָס זאָלן איינזאַפּן אין זיך די פֿייכטקייט פֿון דעם באָדן, ווי:

דער פייגנבוים און איילבירטבוים, וועלכע וואַקסן אַפילו צווישן די פעלדזן. אָדער, די געוויקסן וואָס פאַרמאָגן דיקע בלעטער וועלכע זאַמלען אָן אין זיך געַנוג וואַסער פאַר דעם זומער־סעזאָן, ווי דער צבר. פון דעם געוויקס קומט דאָס וואָרט צאַברע מיט וועלכן מען באַטיטלט די איינגעבוירענע.

די געוויקסן ווערן איינגעטיילט אין דרייערליי הויפּט־טיפּן:

1) די אייניאָריקע; וועלכע בליִען מערסטנס אין די חדשים מערץ און אַפּריל, ווי די פלאַנצן פון די פאַמיליעס פון: אַרבעס, פּאַסאָליעס, מאָן, א״אַנד. זיי בליִען שנעל אָפּ און ווערן גיך צייטיק. ווען עס קומט אָן די היץ און די טריקעניש פאַרשווינדן זיי.

2) די פיל־יאָריקע, ביי וועלכע עס שטאַרבן אָפּ די בלימעלעך און די בלעטער וואָס וואַקסן אויף דער ערד; די שפּייז אָבער ווערט אָנגעזאַמלט אין קנוילן־פאַרמיקע טיילן, וועלכע לעבן אין דער ערד אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן טריקעניש־סעזאָן, און אין ווינטער, אָדער פרילינג, בליִען זיי ווידער אויף דער ערד. צום ביישפּיל: די פאַמיליעס פון רויזן, איריס און ציקלאַמען.

3) פלאַנצן וואָס לעבן דאָס גאַנצע יאָר: די דאָזיקע געוויקסן פאַרמאָגן גראָבע בלעטער, וועלכע דערלאָזן ניט קיין שטאַרקע אויסדעמפונג, ווי: דער באָקסער־בוים, דער איילבירט־בוים, דער דעמב, געוויסע קליינע שטרויכן א״אַ. יעדער בוים איז ווייט איינער פון דעם אַנדערן, כדי זייערע וואָרצלען זאָלן האָבן גענוג באָדן פון וואַנען אַרויסצונעמען די נויטיקע פייכטקייט.

די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון די געוויקסן פון ארץ ישראל איז זייער צופּאַסונג צום לאַנגן סעזאָן פון טריקעניש.

זאַמד־געוויקסן

אין דעם זאַמד־פּאַס וואָס ציט זיך פון דרום קיין צפון וואַקסן, ווען ניט ווען,ווילדע פלאַנצן, וואָס וואַקסן אויך אין דעם נגב און אין דעם אונטערשטן ירדן־טאָל, ווי דער בעזעמבוים, ווילדער מאָן. ספּעציעל זענען אָרעם אין געוויקסן די וואַנדערנדיקע זאַמדן, די יידישע קאָלאָניסטן נוצן דעם זאַמד־פלאַנץ צו פאַרהאַלטן די דאָזיקע זאַמדן און זיי פאַרוואַנדלען אין קולטיווירטן באָדן. אין מער גינסטיקע ערטער קאָן מען דאָך אָנטרעפן קליינע וועלדלעך ווי אין נחל מצרים און תנות יונה.

דער נגב פאַרמאָגט אייביקע אָאַזיסן ווי קדש ברנע, אָבער אין אַלגעמיין פאַרמאָגט ער זייער ווייניק געוויקסן; דאָך, אַ דאַנק דער ענערגיע פון די יידישע חלוצים, ווערן דאָרט געשאַפן אַ סך יידישע ישובים אין וועלכע עס בליִען און וואַקסן אַלערליי פלאַנצן וואָס זענען צוגעפּאַסט צום קלימאַט און באָדן פון דעם נגב.

די געוויקסן פון דער שפלה און שרון

אין דער גאַנצער לענג פון דער שפלה ציט זיך די געגנט פון דער לייכ־טער ערד, חמרה (אין העברעיִש רופט מען זי אדמה כבדה — שווערע ערד), וואָס איז דערצו רייך אין וואַסער. דאָס איז די געגנט וואָס האָט אַ שם אין אונדזער לאַנד מיט אירע רייכע געוויקסן. די גרויסע ציטרוס־פּרדסים הייבן זיך אָן לעבן מגדל־גד און אשקלון און ציִען זיך, כמעט אָן אַן איבערייס, ביז רחובות און זכרון יעקב.

עס זענען אויך פאַראַן אין דער געגנט פּרעכטיקע ווייגערטנער; און גערט־נער ווו עס בליִען די מאַנדלען און עס וואַקסן דאָ זייער גוט, ווייץ, מאַיס, זונ־קע־לעך, אַלע־ליי אַרבעסן, פאַסאָליעס און באָב; אַרבוזן, פייגן און איילבערט־ביימער. ספּעציעל זענען באַרימט די איילבירט־וועלדלעך וואָס אַרום לוד.

אין דרום־זייט פון דער שפלה פאַרזייט מען דעם גערשטן אויף גרויסע שטחים, ווייל ער ווערט שנעל צייטיק און דאַרף ווייניק רעגן.

אין די זומפּן וואַקסן אַלערליי דערנער און ווילדע גראָזן, אין די מער טרו־קענע ערטער וואַקסן טאַמאַריסקן, טאַפּאָלן און ווערבעס, נאָר די יידישע קאָלאָ־ניסטן האָבן שוין אויסגעטריקנט כמעט דעם גאַנצן פליין און אים פאַרוואַנדלט אין אַ געזונטן געגנט דורך אַ פלאַנמעסיקער קאַנאַליזאַציע און דורך פאַרפלאַנצן וועלדלעך פון עוקאַליפּטוס. דאָך, די ערטער וואָס זענען געווען דערוויטערט פון יידישער מי און פלייס, געפינען זיך נאָך פאַרוואָרלאָזט און פאַרוואַקסן מיט פאַר־שידענע לאַטאַס־פלאַנצן און נידעריקע שטריכן. אין די אַלטע צייטן איז דער שרון געווען באַדעקט מיט גרויסע וועלדער.

די בערג־געוויקסן

די נגב בערג זענען וויסט און נאַקעט. אין די טאָלן שפּראָצן נאָך איניקע פלאַנצן. אָבער, גאָר אַמאָל, איז דאָ געווען אַנדערש; יצחק אבינו, האָט דאָ גע־שניטן, אין באר שבע טאָל, הונדערט מאָל מער וויפל ער האָט פאַרזייט.

דער גרעסטער טייל פון די יהודה בערג שטייען נאָך נאַקעט און וויסט; אין געוויסע ערטער ווי: בית־לחם, חברון, עמק־ברכה, א״אַ. טרעפט מען אָן גוט־באַאַרבעטע פעלדער, ווו עס וואַקסן דער איילבירט־בוים, דער פייגנבוים און דער ווייגשטאָק; ווו עס זענען פאַראַן וועלדלעך פון דעמבעס און יאַלקעס, ווו די תבואות און גרינסן דערנערן בכבוד די פויערים.

די אומגעגנט פון ירושלים — וועלכע האָט אַממערסטן געליטן פון אַלערליי מלחמות, און איז דערפאַר פאַרוויסט געוואָרן מער פון אַלע יהודה־בערג — לעבט איצט אויף מיט אַ נייעם אימפּעט. אָן אַ צאָל גערטנער און וועלדלעך גרינען פּרעכ־טיק דאָרט, ווו ביז ניט לאַנג האָט געהערשט דער נאַקעטער שטיין; גרויסאַרטיקע

דאָטשעס, — וווהין די איינוווינער פון עמק החוף קומען זיך אָפּרוען אין די הייסע זומער־חדשים, — באַשיינען איצט די ירושלימער פאַרשטעט.

אַ כּפּעציעלער וואָנדערלעכער קאַפּיטל איז דער פּראָצעס פון באַוואַלדיקן ארץ־ישראל. אָט, די אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג אין וועלכער די חלוצים לייגן אַריין אַזויפיל איבערמענטשלעכע מי, און דער קרן קימת אַזויפיל מיליאָנען! אָט די דאָזיקע באַוואַלדיקונגס־אַרבעט בייט שנעל איבער די פיזיאָנאָמיע פון די יהודה־בערג ווי פון דער מערהייט פון אונדזער לאַנדס־געביטן — און צוזאַמען מיטן איסזען, מווישט זיך אויך דער קלימאַט און די פּרוכטבאַרקייט.

אין דעם מזרח וואַסער־אַראָפּפאַל פון די יהודה־בערג, פאַרשווינדן די קול־טיווירטע פלאַנצונגען, און זייער אָרט פאַרנעמען די טיפּישע מדבר־געוויקסן.

די אפרים־בערג אָדער: שומרון־בערג זענען פּרוכטבאַרער פון די יהודה־בערג, צוליב די אָפּטערע רעגנס, וועלכע ווערן אָנגעטראָגן דורך די ים־ווינטן, און דרינגען אַריין העט ווייט, אַפילו אין יענע טאָלן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צום ירדן־געביט. צוליב די דאָזיקע אומשטענדן, האָט זיך די מיטללענדישע פלאָרע דאָ אויס־געשפּרייט צו מזרח־זייט, ווייטער ווי אין יהודה. די שומרונישע טאָלן זענען גע־רוימע, און זענען באַדעקט מיט אַלערליי געוויקסן; מיט ווינטער־ און זומער־תבואות; מיט פּרעכטיקע ווייגערטנער; מיט איילבירט־ביימער, וועמענס פּרוכטן דינען אַלס באַזע פאַר דער זייף־פּראָדוקציע, מיט וועלכער די געגנט איז באַרימט.

אויפן כרמל־באַרג זענען גאַנצע שטרעקעס פאַרנומען מיט וועלדער.

דער גלבוע־באַרג איז הויל און נאַקעט ווי דוד האָט אים פאַרשאָלטן.

אין עמק יזרעאל זענען קיין וועלדער ניט פאַראַן, אָבער דער עמק איז זייער גוט פאַר אַלערליי פּרוכטביימער און תבואות.

דער גליל איז רייך אין וועלדער, ספּעציעל דער אייבערשטער גליל. אַרום נצרת, נהלל, רמת ישי, א״אַ. טרעפט מען אָן אַ סך וועלדלעך.

מער ווי אין וועלכן ס'ניט איז טייל פון ארץ ישראל, האָט זיך אָפּגעהיט דער וואַלד אין אייבערשטן גליל. אַפילו אין דער מזרח־גרענעץ פון דעם געביט וואַקסט אויך גוט די מיטללענדישע פלאָרע.

די געגנט ווו דער ירדן האָט זיינע קוואַלן, צייכנט זיך אויס מיט אַ זאַפּ־טיקער גרינקייט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

די ביימער פון דעם ווילדן ארץ־ישראלדיקן וואַלד (חורש) זענען נידעריקע. געגנטן וואָס זאָלן זיין באַדעקט מיט הויכע, געדיכטע ביימער זענען נישטאָ. אַנ־דערש זענען אין דער הינזיכט די וועלדער וואָס די יידן פלאַנצן, ספּעציעל דער קרן־קימת; די גלייכע, הויכע ביימער, געפלאַנצט אין סימעטרישע רייען, באַדעקן מיט זייער גרינס די פריער נאַקעטע בערג; און בייטן איבער, ניט נאָר דעם פּיי־זאַזש פון לאַנד, נאָר אויך דעם קלימאַט.

דער געביט פון דעם ירדן שטעלט מיט זיך פאָר גאָר אַן אַנדער וועלט. צוליב דער טריקעניש און די אייגנשאַפט פון דעם באָדן, קאָנען דאָרט ניט וואַקסן די מיטללענדישע פלאַנצן, און אין די פייכטע ערטער געפינט מען איינזאַמע ביי־מער פון די וואָס כאַראַקטעריזירן דער געגנט סודאַן אין אַפריקע.

אין צפון־זייט פון יריחו זענען פאַראַן פיל באַארבעטע גערטנער; אַרום דגניה, כנרת און בית־שאן געפינט מען גוט־באַארבעטע שטחים.

אין פרילינג איז דער ירדן־געביט באַדעקט מיט פאַרשידנפאַרביקע בלומען. אָבער אין דעם סעזאָן פון טריקעניש איז די געגנט אַ פולקאָמער מדבר.

אויף ביידע ברעגן פון דעם ירדן וואַקסט אַ פאַרפלאָנטערטער וואַלד פון ווערבעס, טאָפּאָלן און טאַמאַריסקן, אויף וועלכע עס פלעכטן זיך פאַרשידענע בלעטערדיקע פלאַנצן. דער דאָזיקער וואַלד איז באַרימט מיטן נאָמען „גאון הירדן". מיט דעם וואַלד איז דער ירדן זייער ענלעך אויף די טייכן וואָס קרייצן דורך די אַפריקאַנישע מדבריות.

אין דעם הויך־פּליין וואָס פון יענער זייט ירדן טרעפט מען ווידער אָן די מיטללענדישע פלאָרע. אין גלעד זענען פאַראַן געדיכטע וועלדער פון הויכע ביי־מער; ווי אויך וויינגערטנער, פייגנביימער און איילבירט־וועלדלעך. די שטאָט סאַלט איז באַרימט מיט אירע ראָזשינקעס. אין בשן און גולן וואַקסט גוטע פּאַשע און אויסגעצייכנטער ווייץ. אין מואב זענען נישטאָ קיין וועלדער. אין די שמאָלע יאָרן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו ים המלח, וואַקסן פּאַלמעס פון וואַנען מען פלעגט ברענגען לולבים אויפן יום־טוב סוכות.

נאָר וואָס ווייטער קיין מזרח, אַלץ ווייניקער ווערן די געוויקסן און אַלץ מער ציגט אַרויף דער מדבר זיין שטעמפּל אויף דער געגנט.

אין אַלגעמיין דאַרף געזאָגט ווערן אַז ארץ־ישראל צייכנט זיך אויס מיט דער פאַרשידנאַרטיקייט פון אירע פלאַנצן. בשעת פּוילן פאַרמאָגט 2000 טיפּן פלאַנצן, גרויס־בריטאַניע 1750 און מצרים 1500, פאַרמאָגט ארץ־ישראל 2250 פאַרשידענע טיפּן.

די סיבה דערפון איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן; איר פּאָזיציע צווישן די דריי אַלטע קאָנטינענטן און אויך צווישן דעם מדבר און דעם ים; ווערן אין איר פאַר־טראָגן געוויקסן פון אַלע סאָרטן. עס קומט נאָך צו דער געבוי פון איר באָדן; באַרג, טאָל, נידערלאַנד, זאַמדן, גוטע ערד, שטיינער און באַזאַלט, בייטן זיך איינס נאָכן אַנדערן אויף זייער קליינע שטרעקעס.

צוליב די לאַנגע חדשים טריקעניש, דאַרפן די מערסטע פלאַנצן שטאַרק קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ. די ברענענדיקע זון און די שטאַרקע ווינטן פאַר־שווערן נאָך די לאַגע.

יידישע פלייס און אַרבעט באַזיגט די אַלע שוועריקייטן. די אויסבעסערונג פון דעם באָדן, דאָס אָפּרייניקן די שטיינער, און דער עיקר, די באַוואַסערונג, בייטן אינגאַנצן דעם אויסזען פון לאַנד. עס ווערן אַקלימאַטיזירט און קולטיווירט פלאַנצן פון אַלע עקן וועלט. די וואַטע, דער טאַבאַק, די צוקער־בוראַקעס, דער צו־קער־רער, ווערן היימישע פלאַנצן אין מדינת־ישראל. מיט אירע ציטרוס־פּרוכטן האָט די מדינה זיך שוין לאַנג קונה שם געווען. אַלערליי אַנדערע פּירות ווערן צוגעפּאַסט צו די פאַרשידענע געגנטן און באָדנס פון אונדזער לאַנד און הייבן אָן צו געבן פּרעכטיקע רעזולטאַטן.

די בעלי־חיים אין אונדזער לאַנד (די פֿאַונע)

אויך די פֿאַונע פֿון ארץ־ישראל איז באַווירקט פֿון די זעלבע סיבות וואָס די פֿלאָרע. עס געפֿינען זיך דאָ חיות פֿון די מיטללענדישע געגנטן, און אויך באַשעפֿענישן וואָס זייער ריכטיקער ווינאָרט איז דער סאַהאַראַ־מדבר.

אין די תנכישע צייטן האָבן זיך געפֿונען אין ארץ־ישראל לייבן, לעמפּערטן, בערן און וועלף. די דאָזיקע ווילדע חיות האָבן געלעבט אין דעם „גאון הירדן" און אין אַנדערע געדיכטע וועלדער. די מענטשן האָבן אָבער פֿאַרניכטעט די וועלדער, און מיט זיי, די ווילדע חיות.

איצט געפֿינט מען דעם וואָלף נאָר אין עבר־הירדן; מען טרעפֿט אויך אָן אַנדערע, קלענערע פֿאַרצוקער, ווי: די ווילדע קאַץ, דער מאַרדער, דער פֿוקס, דער שאַקאַל, אאַז״וו, די מערהייט פֿון די דאָזיקע חיות לעבן אין דער מדבר, ווייל זיי שפּייזן זיך מיט נבלות, וועלכע ווערן ניט שנעל פֿאַרפֿוילט אין דער וויסטע.

צווישן די ווילדע חיות וואָס דערנערן זיך מיט געוויקסן געפֿינט מען פֿאַרשידנערליי הירשן. ארץ־ישראל ווערט אָנגערופֿן „ארץ הצבי", דאָס הירשן־לאַנד, אויך: דאָס שיינע לאַנד, ווייל דער הירש איז דער סימבאָל פֿון עלעגאַנץ און שיינקייט. אַרום דעם ים־המלח טרעפֿט מען אָן די אינדן.

די מער פֿאַרשפּרייטע הויז־חיות זענען: די ציגן, שאָף, רינדער, קעמלען און אייזלען. שאָף זענען פֿאַראַן אַ סך אין אַלע געגנטן פֿון לאַנד.

די צאָל רינדער שטייגט פֿון דרום קיין צפֿון. ציגן פּאַשען זיך סיי צווישן די ווילדע גראָזן און סיי אין די וועלדלעך. זיי קלעטערן פֿלינק אויף די בערג־שיפּועים, נאָר מען מוז זיי היטן אַז זיי זאָלן ניט מאַכן אַ תל פֿון דיביימער, ווייל אין דער פֿאַרניכטונג פֿון וועלדער און סעדער האָבן די ציגן דעם גרעסטן חלק.

דער אַראַבער ניצט די קי צום אַקערן און דרעשן, און זאָרגט ניט אַז זיי זאָלן האָבן גוטע שפּייז. דערפֿאַר זענען זייערע בהמות קליין און מאָגער.

אין די יידישע קאָלאָניעס ווערן די קי באַהאַנדלט מיט ספּעציעלער אויפֿמערקזאַמקייט; עס זענען אימפּאָרטירט געוואָרן קי פֿון די בעסטע אייראָפּעישע ראַסעס וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער מילך. און דאָס מילכיקס וואָס ווערט פֿון איר פּראָדוצירט איז פֿון בעסטן סאָרט.

דער קעמל פֿאַרנעמט ביים בעדווינער אַ זייער אָנגעזען אָרט: גרויסע משאות פֿירט מען אויף אים איבער אין ווייטע געגנטן; ער אַקערט מיט אים; ער טרינקט זיין מילך און עסט זיין פֿלייש; פֿון דעם קעמלס האָר וועבט ער אויס די ליילעכער פֿון זיין געצעלט און פֿון זיין פֿעל מאַכט ער זיך זיינע שיך. אָבער זינט די יידן האָבן אָנגעהויבן זיך אומקערן אין אונדזער אַלטניילאַנד און האָבן דורכגעשניטן די מאָדערנע וועגן און האָבן איינגעפֿירט די נייע קאָמוניקאַציע־מיטלען איז די וויכטיקייט פֿון דעם קעמל זייער געפֿאַלן אין לאַנד.

אין דער הויז־ווירטשאַפֿט ווערן אויך גענוצט: דאָס פֿערד, דער אייזל און דאָס מוילאייזל.

אין די זומער פֿון חולה האָבן זיך געפּרוכפּערט [illegible] בופֿלאָקסן.

צווישן די רויב־פייגל זענען באַקאַנט: דער אָדלער, דער שפּאַרבער, דער גייער, די סאָווע און דער ראָב. די עמיגרירנדיקע פייגל, ווי דער בושל, באַזוכן אין פרילינג ארץ־ישראל, אין די טויזנטער. זייער פיל סאָרטן פייגל פליען דורך ארץ־ישראל און פאַרבלייבן דאָרט אַ לענגערע צייט. פּאַר גרויסע פייגל, זענען די זומפּן פון חולה דאָס איינציקע אָרט אין דער וועלט ווו זיי לייגן זייערע אייער. איצט, ווען די זומפּן פאַרשווינדן, ווערט פאַר די דאָזיקע פייגל רעזערווירט אַ ספּעציעל פלאַץ פון די געוועזענע זומפּן.

די „שטייג״, דאָס הייסט דאָס האָדעווען די הינער, קאַטשקעס, געגנדז און אינדיקעס, פאַרנעמט אַ זייער וויכטיק אָרט אין דער באַלעבאַטישקייט פון די יידישע קאָלאָניסטן.

אויך דער פיש־פאַנג, צוליב וועלכן עס זענען געשאַפן געוואָרן אַ סך קינסט־לעכע אָזיערעס פּראָגרעסירט זייער שטאַרק ביי די יידן, דאָס זעלבע דאַרף גע־זאָגט ווערן וועגן דער בינען־צוכט.

דער לאַנגער זומער־סעזאָן פון טריקעניש און היצן וואָס הערשן אין ארץ־ישראל, זענען זייער גינסטיק פאַר אַלערליי קריכנדיקע באַשעפענישן. פרוכפּערן זיך דאָ אַלערליי מינים שלענג — אַ טייל גיפטיקע, קעגן וועלכער דער יידישער ישוב פירט אָן אַן אויסראָטונגס־מלחמה.

צווישן די חורבות אין קופּעס שטיינער לעבט דער עקדיש, וועמענס ביס איז זייער געפערלעך פאַרן מענטשן.

אַלערליי מוראַשקעס געפינט מען אין לאַנד, קעגן וועלכע עס ווערט אָנ־געפירט אַ העפטיקער קאַמף.

דער אנפעלעס־קאָמאַר האָט ביז ניט לאַנג פאַרשפּרייט די מאַלאַריע און פאַראורזאַכט אַ סך טויטע צווישן די איינוווינער. אָבער מיטן אויסטריקענען די זומפּן דורך דער מסירת־נפשדיקער אָנשטרענגונג פון אונדזערע חלוצים, ווערט די פּלאָג אַלץ קלענער אין אונדזער לאַנד.

דער היישעריק באַזוכט פון צייט צו צייט ארץ־ישראל און ברענגט אומגע־ריכט גרויסע שאָדנס — אויך דער קאַמף קעגן אים ווערט געקרוינט מיט דער־פאָלג.

די איינוואוינער פון ארץ ישראל

נאָך חורבן בית שני און נאָך דעם דורכפאַל פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד, זענען די רדיפות אויפן יידישן פאָלק געוואָרן, אין זייער אייגן לאַנד, אַלץ שטאַר־קער. צענדליקער טויזנטער זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די רוימער, אָדער פאַרקויפט געוואָרן אַלס שקלאַפן. נאָך ערגער איז געוואָרן די לאַגע ווען די קריסטן זענען געוואָרן די דאָרטיקע בעלי־בתים.

אין דעם לאַנד זענען פאַרבליבן זייער ווייניק יידן און עס איז באַזעצט גע־וואָרן פון אַראַבער, סיריער, מיצרים, אאַז״וו.

ווען די סיטואַציע האָט זיך עטוואָס פאַרבעסערט, פלעגן די יידן אָנהייבן זיך

אומצוקערן און אַפּילו פּרוּוון באַפרייען זיך פון פרעמדן יאָך, נאָר אַלע פּרוּוון זענען דורכגעפאַלן.

ווען די מוסולמענער האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, זענען די רדיפות לייכ־טער געוואָרן. דער יידישער קיבוץ איז אָבער ניט געוואַקסן, ווייל ס׳האָט געפעלט אָרדענונג און זיכערקייט אין לאַנד.

שפּעטער איז אָנגעקומען דער פּעריאָד פון די קרייץ־צוגן און דער יידישער ישוב איז כמעט אינגאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן.

אין אָנהייב פון׳עם 16טן יאָרהונדערט איז ארץ־ישראל אַרונטערגעפאַלן אונ־טער דער טערקישער הערשאַפט, די נייע מאַכט האָט איינגעפירט אָרדענונג אין דעם אָרט, האָבן יידן אָנגעהויבן ווידער צו באַזעצן זיך אין דעם לאַנד פון די אבות.

צום באַדויערן האָט די איינגעפירטע אָרדענונג לאַנג ניט געדויערט. שוין ביים סוף פון דעם זעלבן יאָרהונדערט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די ווירקונג פון דער צענטראַלער רעגירונג און די פּאַשאַס מיט די אַראַבישע אַריינדרינגלער האָבן באַקומען די גאַנצע מאַכט. די דאָזיקע תקיפים האָבן אַזוי באַרויבט די יידישע באַפעלקערונג, אַז דער ישוב איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער.

ביים אָנהייב פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט די צאָל יידן אין ארץ־ישראל דערגרייכט אינגאַנצן צו עטלעכע טויזנט. זיי האָבן געוווינט אין די פיר הייליקע שטעט: ירושלים, חברון, צפת און טבריה. אין זייער גרעסטער טייל זענען דאָס געווען ספרדים. די צאָל פון די אשכנזישע יידן איז געווען קליין. עס זענען אויך געקומען אַלטע לייט פון מאַראָקאָ, אַלזשיר, טוניס און טערקיי.

אין יאָר 1830 (ה׳תק״ץ) הייבט זיך אָן אַ גרויסע עליה פון מזרח־אייראָפּעישע יידן, וועלכע קומען אויסלעבן זייערע יאָרן אין דעם הייליקן לאַנד פון די אבות.

די ניי־געקומענע מישן זיך ניט אויס מיט די אַלט־געזעסענע ספרדים און די אשכנזישע. די צאָל פון די לעצטע וואַקסט. און עס ווערט אַ נייע איינטיילונג לויט די לענדער פון וואַנען זיי שטאַמען. יעדער געמיינדע האָט געבראַכט מיט זיך אירע מנהגים און געוווינהייטן און זיי געטריי אָפּגעהיט. יעדער געמיינדע האָט אויך געבויט שילן פאַר אירע מיטגלידער און צעטיילט צווישן די זעלבע די געלט־שטיצע וואָס עס פלעגט אָנקומען פון דעם אָפּשטאַם־אָרט. די קאָמערץ פון לאַנד איז געווען אַ גישטיקע. בעלי־מלאכות האָט מען מערסטנס געפונען צווישן די יידן פון די מזרח־געמיינדעס.

אַ ייד אַן ערד־אַרבעטער איז בכלל ניט געווען צו געפינען. אָבער יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן מיט פאַרגעניגן געשטיצט די 30.000 יידישע איינווױ־נער פון ארץ־ישראל און געהאָלפן אַז דער דאָרטיקער יידישער ישוב זאָל קאָנען רויק לעבן.

אין יאָר 1881 קומען פאָר די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אויך אין רומעניע לײדן די יידן מוראדיקע פאַרפאָלגונגען. הייבט זיך אָן אַ גרויסע יידישע אויסוואַנדערונג פון די דאָזיקע לענדער. אַ גרויסער טייל פון די עמיגראַנטן זע־

נען געקומען צו דער איבערצייגונג אַז ייִדן קאָנען נאָר לעבן רויִק אין דעם לאַנד פון זייערע עלטערן.

די דאָזיקע נייע איינוואַנדערונג באַקאַנט אַלס די ערשטע עליה, איז אַבסאָ־לוט אַנדערש פון דער ביז־איצטיקער. ייִדן קומען מער ניט אַהער צו לעבן פון יענעמס חסד און זיך באַוואָרענען מיט עולם־הבא, זיי קומען קיין ארץ־ישראל צו לעבן פון זייער אייגענער האַרעוואַניע, ווי פרייע מענטשן פון אַ פריי פאָלק.

קויפן די נייע עולים ערד, כדי זי צו באַאַרבעטן און לעבן פון איר פרוכט. זיי ווילן מער ניט זיין קיין סוחרים און קלייטניקעס. זיי ווילן זיין זעלבסטשטענ־דיק, נאַציאָנאַל און עקאָנאָמיש.

דער ייִדישער ישוב אין ארץ־ישראל וואַקסט, ספּעציעל אונטער דער ווירקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

עס קומען אָן ייִדן פון רוסלאַנד, רומעניע און גאַליציע און פון אייניקע מערב־לענדער (אין 1905 — די צווייטע עליה). עס קומען אויף דערפער און שכו־נות. עס באַווייזן זיך די ערשטע אינדוסטריעס. מען האַלט שוין ביי 85.000 ייִדן אין לאַנד! א. ד. גאָרדאָן פאַרשפּרייט דעמאָלט זיין לאָזונג „ייִדישע אַרבעט אין ייִדישן לאַנד!“, און דער „השומר“ פּראָקלאַמירט די פאָדערונג: „ייִדישע וואַך פאַר ייִדישן האָב־און־גוטס!“.

נאָר... ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען אין לאַנד ניט מער פון 60.000 ייִדן...

אָבער זייער גיך הייבט זיך אָן די גרויסע עליה קיין ארץ־ישראל. כמעט פון אַלע לענדער וווּ ייִדן וווינען (די דריטע עליה: 1917—1920), ספּעציעל אַלס רעזולטאַט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דעם מאַנדאַט וואָס גרויס־בריטאַניע האָט באַקומען פון דער פעלקער־ליגע, אויפצושטעלן אַ ייִדישע היים אין דעם לאַנד פון אונדזערע אבות. און אויך, ווי געזאָגט, אַ דאַנק דער ציוניס־טישער באַוועגונג וואָס האָט אַריינגעדרונגען אַלץ טיפער אין דעם באַוווּסטזיין פון די גרויסע מאַסן פון דעם ייִדישן פאָלק און זיי באַוויגן צו נעמען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט.

צום אָנהייב זענען געקומען רוסישע ייִדן, דערנאָך פּוילישע צום לעצט די דייטשישע (די פערטע עליה: 1922—1925).

די צאָל דערלויבענישן פאַר עולים איז באַשטימט געוואָרן פון דער ברי־טישער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע. דער העכסטער פּונקט איז דערגרייכט געוואָרן אין 1936 מיט 62.000 „דערלויבטע“ עולים (די פינפטע עליה: 1932—1936).

אונטער דער ווירקונג פון די אַראַבישע שונאים זענען די דערלויבענישן גע־וואָרן וואָס אַמאָל ווייניקער. דעמאָלט הייבט זיך דאָס העראָיִשע און טראַגישע קאַפּיטל פון „מעפּילים“... אָן אַ שיר ייִדן, אַנטלאָפענע פון אַלערליי גהינומס, שטראָמען צום לאַנד וואָס שטייט אויף צו אַ נייַ לעבן, די ענגלענדער באַוואַכן דעם ים און די יבשה; אַרעסטירן צענדליקער טויזנטער, כדי ניט צו דערלאָזן אַז די צאָל ייִדן אין ארץ־ישראל זאָל וואַקסן.

דער ישוב מאָביליזירט זיך אָבער אינגאַנצן. און די „מעפּילים“, ווערן אין

פינצטערע נעכט, ביים צעשטורעמטן ים אַראָפּגענומען דורך ברידער־הענט, פון די אָרעמע שיפן, און ווערן שנעל צעטיילט אין די יידישע קאָלאָניעס, וווּ זיי ווערן באַלד איינגעגלידערט אין דעם נייעם לעבן וואָס שאַפט זיך.

ווען מדינת־ישראל האָט דערקלערט איר זעלבסטשטענדיקייט (אין ה' אייר התש״ח) זענען אין לאַנד געווען נאָענט צו 650 טויזנט יידן.

איצט זענען פאַראַן אין לאַנד מער פון צוויי מיליאָן איינוווינער, פון וועלכע אַ מיליאָן מיט אַכט הונדערט טויזנט זענען יידן. אין די צען יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער יידישער מלוכה האָבן אַהין עמיגרירט ביי אַ 1.000.000 יידן.

באַטירלעך, מיטן וווּקס פון די פאַרשידענע געמיינדעס זענען אויך געוואַקסן די צאָל שפּראַכן: די ספרדים האָבן געבראַכט די לאַדינאָ — אַלט־שפּאַנישע שפּראַך; די אשכנזים — דאָס יידישע לשון; די קורדן — תרגום־לשון; די פּערסישע און בוכאַרישע יידן באַנוצן זיך מיט דער פּערסישער שפּראַך; די אַנדערע מזרח־יידן רעדן פאַרשידענע אַראַבישע דיאַלעקטן.

די שפּראַך וואָס פאַרייניקט אַלעמען איז העברעיש וועלכע איז די אָפיציעלע שפּראַך פון מדינת ישראל. ספּעציעל איז וויכטיק די ווירקונג פון עברית אויף דעם נייעם דור, וועלכע ווערן דורך איר צוזאַמענגעשמאָלצן אַלס קינדער פון איין פאָלק.

די אַראַבער

די צאָל פון נישט־יידישע איינוווינער אין מדינת־ישראל דערגרייכט ביז 205.000. פון די דאָזיקע בירגער זענען 92.000 אַראַבער, פון זיי — 22.000 בעדויִנער, וועלכע וווינען מערסטנס אין נגב און באַשעפטיקן זיך מיט פאַשען שאָף, קעמלען־צוכט און מיט פאַרזייען גערשטן.

די בעדויִנער זענען אַלע מוסולמענער און רעדן אַ ריינעם אַראַביש.

די מערהייט פון די אַראַבער זענען מוסולמענער — 132.000. עס זענען פאַראַן 45.000 אַראַבישע קריסטן. 12.000 אַראַבער זענען פּויערים וואָס פלעגן באַאַרבעטן זייער ערד אויף אַ פּרימיטיוון אופן, און 51.000 שטאָטישע איינוווינער, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט מסחר און פאַרשידענע מלאכות.

אין ביידע זייטן ירדן געפינען זיך ביי די 80.000 דרוזן, אין דער מדינה — 20.000. זייער מיסטעריעזע רעליגיע איז אַן אויסמיש פון איסלאַם, קריסטנטום און געצנדינסט. טויזנטער דרוזן וווינען אין גליל און אויף דעם כרמל־באַרג.

די קריסטלעכע אַראַבער קומען אַרויס פון די אַלטע איינוווינער פון דעם לאַנד אויסגעמישט מיט די קריסטלעכע דעראָבערער, ספּעציעל פון די צייטן פון די קרייצצוגן. האַלב פון די אַראַבישע קריסטן געהערן צו דער „פּראַוואָסלאַוונע״ (אָרטאָדאָקסן) קירכע אין זייער עלצטער גייסטלעכער — דער פּאַטריאַרך, וווינט אין ירושלים, די איבעריקע זענען מערסטנס קאַטאָליקן.

פאַרשידענע קריסטלעכע געזעלשאַפטן פון אייראָפּע און אַמעריקע האָבן אין

מדינת־ישראל רייכע מאַנאַסטירן און גרויסע צדקה־אַנשטאַלטן, ספּעציעל אין ירושלים, בית לחם און חברון, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע איז צו פאַנגען נשמות פאַרן קריסטנטום.

די באַשעפטיקונג פון די איינוואוינער

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די ארץ־ישראלדיקע איינוווינער איז געווען ערד־אַרבעט, ווייל דאָס איז הויפּטזעכלעך אַן אַגריקולטור־לאַנד. אונדזערע אבות האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ערדאַרבעט און געלעבט זייער גוט.

דער אַראַבישער פויער — ספּעציעל דער דאָזיקער וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון יידישע ישובים — האָט געלעבט זייער אָרעם, כאָטש ער באַנוגנט זיך מיט זייער ווייניק. די סיבה דערפון איז געווען די פּרימיטיווע פאָרעם פון באַ־אַרבעטן זיין שטיקל ערד, וועלכע איז געווען נאָך הינטערשטעליקער פון דער אַמאָליקער כנענישער.

אויך איז שולדיק געווען אין דעם צושטאַנד דער סיסטעם, לויט וועלכן די ערד געהערט ניט צו קיינעם פּריוואַט, נאָר צום גאַנצן דאָרף. אַלע יאָר איז די ערד איינגעטיילט געוואָרן צו די דאָרפסלייט לויט אַ גורל. אַזוי, אַז אויב עמעצער האָט פאַרפלאַנצטביימער, אָדער באַמיסטיקט דאָס פעלד, איז ער כלל ניט געווען זיכער אַז טאָקע ער זעלבסט וועט געניסן פון אָט דער אַרבעט.

דאָס גאַנצע לעבן פון דעם אַראַבישן דאָרף איז אָרגאַניזירט לויט די משפחות (חמולה). די איינוווינער גרופּירן זיך איינס לעבן אַנדערן לויט זייער אָפּשטאַם. אַ קריג צווישן די פאַרשידענע משפחות קאָן זיך ציִען אין פאַרלויף פון עטלעכע דורות. יעדער חמולה האָט זיך איר עלצטן: שייך אָדער מוכתר. די רעגירונג פון מדינת־ישראל שטרענגט זיך אָן צו דערהויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבער סיי אין גייסטיקן ווי אין עקאָנאָמישן הינזיכט: זי שאַפט פאַר זיי שולן, זי לערנט זיי צו לעבן היגיעניש, היטן זייער געזונט־צושטאַנד, ברענגט די וואַסער־רערן אין זייערע דערפער אַריין אאַ״וו. אויך ווערן אַ טייל אַראַבער גאַנץ רייך דורך פאַר־קויפן די פּראָדוקטן פון זייערע פעלדער און גערטנער די יידישע איינוווינער. אין אַלגעמיין האָט זיך געביטן צום גוטן דער אַרט לעבן פון די אַראַבער פון זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען.

די יידישע אַגריקולטור האָט דערוויזן אַז ווען מען באַאַרבעט די ערד אויף אַ מאָדערנעם אופן, מיט פערפעקציאָנירטע מאַשינען און כעמישע אויסבעסערונגען, באַקומט מען דריי מאָל אַזויפיל ווי עס פּראָדוצירן די שכנישע אַראַבישע פעל־דער; און אַז דורך קינסטלעכער באַוואָסערונג קאָן מען פאַרזייען און שניידן דריי מאָל אין יאָר.

די יידישע אַגריקולטור איז איינע פון די ליכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער מאָדערנער היסטאָריע פון דער ייד׳שער העלדישקייט.

ביז דעם אָנהייב פון דער גרויסער עליה פון סוף 19טן יאָרהונדערט האָט די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געוווינט אין די פיר הייליקע שטעט געלעבט

פון „חלוקה“, די גרעסטע טייל האָט געלערנט תורה, אָבער האָט ניט געאַרבעט און ניט געהאַנדלט.

אין מיט פון 19טן יאָרהונדערט האָט דער באַראָן משה מאָנטעפיאָרע באַזוכט ארץ־ישראל. אייניקע יידן האָבן אים געבעטן אַז ער זאָל זיי קויפן אַ שטיק פעלד און זיי וועלן עס באַאַרבעטן און האָבן פרנסה פון זייער אייגענער מי. משה מאָנ־טעפיאָרע האָט זיי צוליב געטון און פאַר זיי געקויפט אַ פרדס לעבן יפו. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער מצוה פון גאולת הארץ.

אין 1870 האָט יעקב נעטער, דער פאָרשטייער פון דער פאַריזער אַליאַנס (כל ישראל חברים), געגרינדעט די אַגריקולטור־שול „מקוה ישראל“, אויף אַ שטח פון 26 העקטאַר.

אין יאָר 1878 גרינדן ירושלימער יידן אַ געזעלשאַפט וואָס שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע אַרויסצובעמען אירע מיטגלידער פון די מויערן פון דער אַלטער שטאָט און זיי באַזעצן אויף ערד. די חברה קויפט אַ פלאַץ אין שרון און גרינדעט אַ קאָלאָניע פתח תקוה — די מאַמע פון די יידישע דערפער.

אין יאָר 1882 — נאָך די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און אין רומעניע, הייבט זיך אָן די „ערשטע עליה“ ביל״ו (בית יעקב לכו ונלכה), אַ גרופּע רוסישע יידן גרינדן די קאָלאָניע ראשון לציון און רומענישע יידן גרינדן די קאָלאָניעס: זכרון יעקב און ראש פנה.

די פויערים פון די דאָזיקע קאָלאָניעס זענען געווען שטאָט־מענטשן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום פּראַקטיק אין ערד־אַרבעט; דערצו האָבן זיי געליטן פון דעם שווערן קלימאַט און פון די אָנפאַלן פון די אַראַבישע שכנים. זיי האָבן אָבער ניט פאַרלאָזט זייערע פאָסטנס.

אין זייער שווערער סיטואַציע האָט זיי אַרויסגעהאָלפן דער באַראָן בנימין ראָטשילד, באַקאַנט אונטערן נאָמען „הנדיב הידוע“. ער האָט זיי געשיקט לערער און אינסטרוקטאָרן וואָס זאָלן זיי לערנען הלכות אַגריקולטור; ער האָט זיי מאַ־טעריעל געשטיצט ביז זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס; אין ראשון לציון און אין זכרון יעקב האָט ער אויסגעבויט גרויסע וויין־קעלטערס וווהין די קאָלאָניסטן האָבן געבראַכט זייערע ווייַנטרויבן און אויסגעאַרבעט די באַרימט־געוואָרענע ארץ־ישראלדיקע כרמל־ווייַנען; ער האָט צוגעקויפט נייע ערד־שטיקער און געגרינדעט נייע קאָלאָניעס אאַז״וו.

אויך די חברה „חובבי ציון“ פון רוסלאַנד האָט שטאַרק געשטיצט די נייע קאָלאָניסטן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1897 דורך ד״ר הערצל, הייבט אָן גרינדן אין 1908 — יידישע אַגריקולטור־ישובים אין ארץ־ישראל, זי האָט פאַר זיך די פּראַקטיק פון די פריערדיקע קאָלאָניסטן און נוצט זי אויס.

אין דער גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבעט באַקומט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציע איר הויפּט־שטיצע פון די צוויי גרויסע נאַציאָנאַלע פאָנדן: פון קרן קימת, געשאַפן געוואָרן אין 1901, מיטן צוועק אויסצולייזן ארץ־ישראל־ערד אַלס איי־

ביקע אייגנטום פון דעם ייִדישן פאָלק, און קרן היסוד — געגרינדעט געוואָרן אין 1920, מיטן ציל צו שאַפן די געלט מיטלען פאַר די וואָס קומען זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל.

עס מערקט זיך באַלד דער חילוק צווישן די ערשטע ישובים, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן שטיצע אויף אַ פילאַנטראָפּישן שטייגער, און די, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטעלט אַוועק, ווו די גאַנצע אַרבעט טראָגט אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער: דאָ טאָר די ערד ניט ווערן איבערפאַרקויפט, ווייל זי געהערט צום נאַציאָנאַלן באָדן; די באַזע פון דער עקזיסטענץ איז די פּערזענלעכע, ייִדישע אַרבעט; עס ווערט שטודירט די צוגעפּאַסטקייט פון די קאַנדידאַטן וואָס קומען זיך קאָלאָניזירן; מען זאָרגט פאַר זייער זיכערקייט, פּראָגרעס, אאַז״וו.

די וויכטיקע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע הייבט זיך ערשט אָן אין 1920 נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אין די נייע ישובים ווערט איינגעפירט די געמישטע ווירטשאַפט: מען פאַרזייט די פעלדער, מען פלאַנצט גערטנער, מען קולטיווירט גרינצייג, מילכיקס, עופות־צוכט, בינען־צוכט אאַז״וו.

אין די דרייסיק יאָר וואָס עס האָט געדויערט די הערשאַפט פון דער „נאַציאָנאַלער היים״ זענען אויסגעלייזט געוואָרן און אויפגעלעבט געוואָרן 1.400.000 דונאַם ערד, מערסטנס דורך דעם קרן קימת. די צאָל דערפער זענען אין דער זעלבער צייט געשטיגן פון 50 ביז 310.

נאָך דער גרינדונג פון מדינת־ישראל האָבן פיל צענדליקער טויזנטער ייִדן, זיך באַזעצט אין די דערפער וואָס די אַראַבער האָבן פאַרלאָזט; נייע הונדערטער ישובים זענען געגרינדעט געוואָרן, ספּעציעל אויף די גרענעצן; אינטענסיווער פון אומעטום גייט אָן די קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט אין נגב, וואָס לעבט צוריק אויף פאַר דער אַגריקולטור נאָך דער פאַרוויסטונג וואָס די 1300 יאָר פון מוסולמענישער הערשאַפט האָט דאָרט געשאַפן.

די ייִדישע ערדן האָבן זיך מערסטנס געפונעןביים ברעג, אין עמק יזרעאל, אין גליל און אין עמק הירדן, אין די יהודה־בערג איז גאָר ווייניק אויפגעטון געוואָרן, אויסער אין די געגנטן פון ירושלים.

מיט דער אויסלייזונג פון דעם באָדן האָט זיך געשאַפן די באַוועגונג פאַר ייִדישער אַרבעט, אָנגעפירט פון א. ד. גאָרדאָן, די ייִדישע חלוצים וואָס האָבן געשטראַמט אין לאַנד אַריין פון אַלע גלות־לענדער האָבן באַדאַרפט קאָנקורירן מיט דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט.

דער אַראַבישער אַרבעטער מיט זיין נידעריקער קולטור און קליינע באַדערפענישן, האָט גענומען זייער ביליק פאַר זיין אַרבעט. האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן, צום אָנהייב, ניט געוואָלט פאַרבייטן די אַראַבישע אַרבעטער אויף ייִדישע.

אויך ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די נייע איינוואַנדערונג האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן געמוזט האָבן וועכטער וואָס זאָלן היטן דאָס ייִדישע האָב־און־גוטס, און אַרבעטער וואָס זאָלן זיי העלפן אין דער אַרבעט. האָבן צום אָנפאַנג די אויפגאַבן דורכגעפירט געדונגענע אַראַבער. כאָטש די ייִדישע חלוצים האָבן ניט אויפ־

געהערט צו פֿאָדערן זייערע רעכטן אויף ייִדישער שמירה ווי אויף ייִדישער אַרבעט.

געוויסע געשעענישן אין לאַנד, און דער באַוווּסטזיין אַז אָן ייִדישער אַרבעט און אָן ייִדישער וואַך איז די ייִדישע עקזיסטענץ אין לאַנד אין אַ גרויסער סכנה, — אָט דער באַוווּסטזיין האָט פּאַמעלעך אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס הערצער, און די חלוצישע פֿאָדערונגען האָבן געזיגט.

טיפּן פֿון ייִדישע ישובים אין לאַנד

דריי ייִדישע שטעט: תּל־אָביב איז די ערשטע מאָדערנע ייִדישע שטאָט. פֿון אַ קליינינקער פֿאָרשטאָט פֿון דער אַלטער יפו, האָט זי זיך צעוואַקסן און איז געוואָרן די גרעסטע שטאָט אין ארץ־ישׂראל. (לעצטנס איז יפו אָנגעשלאָסן געוואָרן אין תּל־אביב, וועלכע איז שוין אַ געמישטע שטאָט). זענען אויך געוואַקסן און געוואָרן שטעט: פּתח תּקוה, נתניה און אַנדערע פּונקטן.

געמישטע שטעט: ווי ירושלים (דאָס נייע ירושלים איז אינגאַנצן ייִדיש; אַלט־ירושלים איז איצט אינגאַנצן אַראַביש), חיפה, טבריה, עכּו, נצרת, אאַז״וו. אין די שטעט באַשעפֿטיקן זיך די ייִדן מיט מסחר, אינדוסטריע, פֿאַרשידענע מלאכות און פֿרייע פּראָפֿעסיעס.

קאָלאָניעס שטעט: גרויסע קאָלאָניעס פֿון די ערשטע עולים וואָס ווערן פֿאַרוואַנדלט אין שטעט, ווי: רחובות, ראשון לציון, חדרה, רמת־גן, הרצליה, בני־ברק, חולון, א״אַ.

צווישן די פֿאַרשידענע ישובים זענען פֿאַראַן:

מושבות און קבוצים, קאָלאָניעס־דערפֿער פֿון פֿאַרשידענע טיפּן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן צום ערשטן, אין סוף פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט און, מערסטנס, געשטיצט געוואָרן דורכן באַראָן ראָטשילד.

די אַגריקולטור־פּראָדוקציע

אין ארץ ישׂראל וואַקסט: ווייץ, גערשטן, פֿאַסאָלעס, לינדזן, באָב אין ווינטער; און מאַיס, סאָניעשניק, סעמעניע און מאָן אין זומער.

די פּראָכט פֿון דעם לאַנד קלעקט ניט פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון דער באַפֿעלקערונג, און לעת־עתּה נויטיקט זיך מדינת ישׂראל אין אַ שטאַרקן אימפּאָרט פֿון כּלערליי שפּייז.

די פֿאַרשפּרייטסטע פּרוכט־ביימער אין לאַנד, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינטענסיווע ייִדישע עמיגראַציע, זענען געווען: דער איילבירט־בוים, דער פֿייגנבוים און דער ווײַנשטאָק, דער איילבירט־בוים האָט זיך געפֿונען כּמעט אין יעדער אַראַבישן דאָרף; דער פֿייגנבוים וואַקסט גוט צווישן די בערג; דער ווײַנשטאָק פּראָדוצירט זיך גוט סיי אין די בערג ווי אין דער שפלה.

די אַראַבער האָבן געפלאַנצט וויינגערטנער נאָר צום עסן. די ייִדן אויך צום אויסאַרבעטן וויין. די קעלטערס פון ראשון־לציון און זכרון־יעקב עקספּאָרטירן יערלעך מיליאָנען ליטער וויין. די ייִדן האָבן אויך פאַרפלאַנצט אַלערליי אַנדערע פּרוכט־ביימער ווי: מאַנדלען, עפּל, באַרן, פלוימען, ניס, אאַז״וו, ספּעציעל צייכע־נען זיך אויס די ייִדישע פּרוכטגערטנער מיט זייערע מאַראַנצן, לימענעס, פּאָמעלן און מאַנדאַרינעס. די דאָזיקע פּרוכטן וואַקסן זייער גוט אין שמאָלן ברעג־פּאַס פון דער שפלה, אין אייניקע ערטער פון דעם עמק־יזרעאל און אין דעם ירדן־געביט. די ווערט פון די דאָזיקע פּרוכטן אין דער לאַנדס־ווירטשאַפט איז ניט אָפּצושאַצן, ווייל נאָר אַ קליינער טייל פון זיי ווערט פאַרנוצט אין לאַנד, דער גרעסטער טייל ווערט עקספּאָרטירט קיין ענגלאַנד, רוסלאַנד און אַפילו קיין אַרגענטינע. מען שאַצט אַז אין גיכן וועט די צאָל עקספּאָרטירטע קעסטלעך פאַרקויפטע ציטרוס־פּרוכטן, דערגרייכן צו צוואַנציק מיליאָן.

אַלערליי גרינצייגן פּראָדוצירט דאָס לאַנד: יעדער סעזאָן מיט זיינע גרינ־צייגן. די בינצוכט אַנטוויקלט זיך אויך זייער גוט אין ארץ־ישראל און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער עקספּאָרט פון האָניק.

מלאכות און אינדוסטריעס

די אַראַבער פון לאַנד האָבן זיך ניט געניטיקט אין קיין שום פּערפעק־ציאָנירטע בעלי־מלאכות, ווייל זייערע באַדערפענישן זענען געווען קליינע. נאָך ווייניקער דאַרפן עס האָבן די פעלאַכן און די בעדוינער. מיט דעם אויפקום פון מדינת־ישראל האָט זיך די לאַגע געענדערט.

די ייִדישע באַפעלקערונג — איז עפּעס אַנדערש: זייערע באַדערפענישן און פאָדערונגען זענען גרעסערע און פאַרשידנאַרטיקע, איז צוזאַמען מיט דער גרויסער איינוואַנדערונג געשטיגן דער צופלוס פון אַלערליי פאַכמענער און ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן דערהויבן די מלאכה־אויסאַרבעטונגען צו דער הויך וואָס זי געפינט זיך אין די פּראָגרעסיווע לענדער.

נאָך אָרעמער פון דער מלאכה איז געווען די אינדוסטריע פון ארץ־ישראל. די אַראַבער פּראָדוקציע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אויסאַרבעטונגען: גלאָז אין חברון; זייף אין שכם; און פּראָסטע שטאָפן אין מגדל גד. אויך האָבן זיי פאַרמאָגט קליינע הויז־אינדוסטריע, ווי: מאַכן קרוגן, נייען שיך פון קעמלפעל און וועבן געצעלטן פון ציגן־האָר, אינדוסטריעס וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ווירטשאַפט און לעבן פון דעם פעלאַך און בעדוינער.

מיט דער ברייטער ייִדישער איינוואַנדערונג האָט די אינדוסטריע זיך אַנט־וויקלט זייער שטאַרק: אויפן אָרט פון איינפאַכע פּרעס־קעלערס פאַר בוימלען וואָס די אַראַבער פלעגן נוצן, זענען אויסגעוואַקסן אין חיפה און תל־אביב גרויסע פאַבריקן וועלכע אַרבעטן אויס געלייטערטן בוימל צום עסן און צו פאַבריצירן פאַרשידענע זייפן. דער דאָזיקער בוימל ווערט אויך עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד אין גרויסע סכומים.

עס זענען אויפגעקומען די אינדוסטריעס פון אַלערליי עסנוואַרגן, ווי: געפּרעגלעכצן, זאַפטן און געטריקנטע פּרוכטן. אין עכו איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע פאַבריק פון שוועבעלעך; אין חיפה די ריזיקע מיל. דער קעלטער פון ראשון־לציון געהערט צו די ריזיקסטע פון דער וועלט; עס זענען געגרינדעט געוואָרן וועבערייען און שטריקערייי־ פאַבריקן; די גרעסטע צאָל עלעמענטן פון באַקליידונג און באַשוכונג ווערן שוין פּראָדוצירט אין ארץ־ישראל. די גרויסע פאַבריקן פון צעמענט, ציגל און מאָזאיקן רופן אַרויס באַווונדערונג; עס זענען געגרינדעט געוואָרן גיס־פאַבריקן און שמעלצערייען פון פאַרשידענע מעטאַלן; אויך די גרויסע דרוקערייען פון לאַנד זענען באַרימט אין דער יידישער וועלט מיט די פּרעכטיקע העברעישע ביכער וואָס זיי פּראָדוצירן.

אין חיפהער גאָלף, וועלכער אַנטוויקלט זיך פון טאָג צו טאָג, וואַקסן אַלערליי אינדוסטריעס וואָס האָבן אַ שייכות מיטן ים.

די פאַרשידענע רפואות וואָס ווערן פאַבריצירט אין לאַנד ראַטעווען אָפּ טעגלעך אָן אַ צאָל לעבנס, יידישע ווי ניט־יידישע.

נאַטירלעכע רייכטימער פאַר דער אינדוסטריע

די פאַרשידענע זאַלצן וואָס האָבן באַרימט געמאַכט דעם ים־המלח, זענען געווען די איינציקע נאַטירלעכע רייכטימער וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן ביז דער אַנטשטייונג פון אונדזער מדינה.

פון יענער צייט אָן פאָרשט מען אויס דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט זוכנדיק נאַטירלעכע רייכטימער, ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אין דער הינזיכט ווערט געשאָנקען דעם נגב.

כאָטש די פאָרשונגען ווערן נאָך פאַרגעזעצט, דאָך מעג מען שוין זאָגן מיט דער פולקאָמענער זיכערקייט אַז מדינת־ישראל פאַרמאָגט גענוג נאַטירלעכע רייכטימער אויף צו אַנטוויקלען אַ ברייטע כעמישע אינדוסטריע. שאַפנדיק באַמיסטיקונג פאַר דער אַגריקולטור, נאָפט פאַר דער אינדוסטריע און פּראָדוקטן פאַר עקספּאָרט.

אין ים־המלח געפינען זיך אומגעהויערע אוצרות פון מאַגנעזיע, כלאָר, קיךזאַלץ, פּאָטאַש און בראָם־מאַגנעזיע. אַזוי ווי בעת דער באַפרייונגס־מלחמה זענען צעשטערט געוואָרן די פּאָטאַש־אונטערנעמונגען פון דער צפון־זייט פון ים־המלח, האָט מען אין יאָר 1952 גענומען אויפשטעלן פּאָטאַש־פאַבריקן ניט ווייט פון דער געגנט וווּ ס'האָט זיך געפונען די „באַרימטע" שטאָט סדום. אין 1956 איז די אַרבעט פאַרענדיקט געוואָרן. איצט דערגרייכט די פּראָדוקציע פון דעם דאָזיקן ווערק צו 7.000 טאָן חודשלעך. (לויט מען שאַצט, וועט די פּראָדוקציע דערגרייכן אין 1959 צו 135 טויזנט טאָן יערלעך). די בראָם־פאַבריק, וועלכע איז ניט לאַנג פאַרענדיקט געוואָרן, פּראָדוצירט 2.000 טאָן בראָם, 1.500 טאָן בראָמוראָ־דע־עטילענאָ, יערלעך.

אויסער די רייכטימער פון דעם ים־המלח, זענען אין נגב אַנטדעקט געוואָרן: קופּער, פאָספאַטן, בעטאָן־שטיינער, מעטאַלישע מאַגנעזיע, מאַנגאַנעז, פאַרשידענע סאָרטן קאאָלין, גלאָז־זאַמד א״אַ. דעפּאָזיטן פון אייזן־שטויב האָט מען אַנטדעקט אין גליל, לעבן מנרה. ישראל איז איינע פון די זעלטענע לענדער אין וועלכער מען קאָן געפינען אַלע דריי סאָרטן פון די באַזישע באַמיסטיקונגס־עלעמענטן: פאָספאַטן, ניטראַטן און פּאַטאַש.

פאָספאַטן באַקומט מען פון די מינעס פון אורון, פון מזרח־זייט פון דעם „גרויסן שטויסל״ וואָס אין נגב. די פּראָדוקציע פון פאָספאַטן איז געשטיגן פון 70.000 טאָן אין 1955 צו 150 טויזנט טאָן אין 1957. מען שאַצט אַז אין 1958 וועט די פּראָדוקציע דערגרייכן צו 220.000 טאָן.

די גרעסטע אונטערנעמונג צו פּראָדוצירן די באַמיסטיקונגען און אַרויסצו־באַקומען די רייכטימער פון דעם נגב איז די אונטערנעמונג „דשנים וחומרים כימיים״, וואָס געפינט זיך אין חיפהער גאָלף. אין דער אונטערנעמונג זענען שוין אַריינגעלייגט געוואָרן קאַרגע 50 מיליאָן ל״י, און עס פּראָדוצירט שוין אַן אויס־געצייכנטן סופּערפאָספאַט און אַלע ניטראַטישע באַמיסטיקונגען וואָס זענען בייטיק פאַרן אָרטיקן מאַרק. אין גיכן וועלן מיר באַקומען אַפילו די מעגלעכקייטן צו עקספּאָרטירן די פּראָדוקטן.

---

30 קילאָמעטער פון אילת, אין דער געגנט פון תמנע האָט מען אַנטדעקט קופּער־מינעס און מינעס פון מאַנגאַן, ניט ווייט פון דעם אָרט געפינען זיך די מינעס וואָס זענען באַרימט נאָך פון שלמה־המלכס צייטן. די רעזערוון פון קופּער־שטויב שאַצט מען אין זיבן מיליאָן טאָן. די קאָמפּאַניע „חרסית וחול זך״, נעמט אַרויס פון נגב קאאָלין און דינע זאַמד און באַפרידיקט די באַדערפענישן פון דער גלאָז־ און פאָרצעליי־פאַבריקאַציע אין לאַנד. די קאָמפּאַניע „אבן וסיד״ האָט אָנ־געהויבן צו עקספּלאָטירן די גראַניט־דעפּאָזיטן פון דער געגנט. אין צוויי יאָר אַרום וועט מען נעמען אַרבעטן ביי די אייזן־מינעס. עס זענען פאַרטיק די פּלענער אויס־צונוצן די בעטאָן־שטיינער און אַנדערע נאַטירלעכע רייכטימער.

אין יאָר 1955 האָט מען דאָס ערשטע מאָל אַנטדעקט נאַפט אין ישראל אין חלץ וואָס לעבן אשקלון. ענדע 1956 האָבן שוין געאַרבעט 12 ברונעמס וועלכע האָבן געגעבן 240 טאָן טעגלעך. אין ברור־חיל זענען אַנטדעקט געוואָרן נייע נאַפט פעלדער. לויט דער מיינונג פון געלערנטע זענען פאַראַן די בעסטע אויסזיכטן צו געפינען גענוג נאַפט־ברונעמס פאַר די באַדערפענישן פון לאַנד.

תוצרת הארץ

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען אַן אינדוסטריע אין ארץ־ישראל וועמענס אויפגאַבע איז געווען, דער

עיקר, צו שאַפן דאָס נויטיקסטע און מעגלעכע מאַטעריאַלן פאַר די אַליאירטע אַרמייען אין מיטעלן מזרח.

מיטן געבורט פון מדינת־ישראל האָט זיך די אינדוסטריע אויסערגעוויינלעך צעוואַקסן. עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַבריקן פון שפּייז־פּראָדוקטן, מעטאַל, פּאָרצעליי, בוי־מאַטעריאַל, כעמישע פּראָדוקטן, טעקסטיל, פּאַפּיר, אויטאָס, גומענע שינעס אאַז״וו.



די גרויסע זייד־פאַבריק „זאקס״

אין די לעצטע פאָר יאָר איז נאָך מער אויסגעברייטערט געוואָרן די אינ־דוסטריע און אַלערליי פאָרמען פון פּראָדוקציע.

אַזוי איז לעצטנס אויפגעשטעלט געוואָרן לעבן עכו דער שמעלץ־אויוון אין „קרית הפלדה״ (די שטאָט פון שטאָל). די אייזן־מינעראַלן פון די מינעס וואָס געפינען זיך אין מנרה, אין גליל־העליון, שטעלן צו דעם נויטיקן מאַטעריאַל פאַר דער אונטערנעמונג.

אַנדערע מאַנופאַקטורן ווי אויטאָס, אייזקאַסטנס, וועלכע מען האָט פריער

נאָר צוגויפגעשטעלט אין לאַנד, באַנוצן אַלץ מער פאַרשידענע טיילן פון די זעלבע וואָס ווערן געשאַפן אין לאַנד גופא. אויך די כעמישע פראָדוקציע פלייסט זיך צו באַנוצן וואָס מער מאַטעריאַלן וועלכע זענען דאָ אין דער מדינה.

די פראָדוקטן פון ישראלס אינדוסטריע קומען שוין אָן אין אַלע עקן וועלט. ישראלס צעמענט באַנוצט מען אין בורמאַ, אין גהאנא און אפילו אין נאָרד־אַמעריקע. אויף אַלע מאָדע־אויסשטעלונגען געפינט מען ישראלס טעקסטיל־אויס־אַרבעטונגען. גומענע שינעס פון ישראל זעט מען אויף די אויטאָס פון טערקיי, בעלגישער קאָנגאָ, און אין פיל אייראָפּעיִשע לענדער.

די קאָמערץ

אונדזער לאַנד עקספּאָרטירט: ציטרוס פרוכטן, גערשטן, מעלאָנען, מאָן, בוימל, וויין, זייף, כעמישע פראָדוקטן פון דעם ים־המלח, אַלערליי שטריקערייען און געוועבן.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט: מעל, רייז, צוקער, פאַרשידענע שטאָפן, מעטאַ־לענע פראָדוקטן, האָלץ, אַלערליי מאַשינען, פלייש און פיש און נאָך אַנדערע סחורות פון פאַרשידענע לענדער.

מדינת־ישראל אימפּאָרטירט 3—4 אַזויפיל וויפל זי עקספּאָרטירט. ווי אַזוי ווערט געדעקט דער אונטערשיד?

ראשית: דורך דער עליה. די עולים ברענגען מיט פאַרמעגנס וואָס זיי פאַרטועןן אין בויען הייזער, פאַבריקן און פלאַנצן פרדסים; צווייטנס: די פאַר־שידענע נאַציאָנאַלע פאָנדן ווי: דער קרן קימת, פאַראייניקטער קאַמפּיין, נאַציאָ־נאַלע הלואה, קרן שטיצע פאַר פאַרשידענע אַנשטאַלטן, קבוצים, באַוואַלדונג און אונטערנעמונגען, ברענגען אַריין זייער גרויסע סכומים; דריטנס: די גרויסע צאָל טוריסטן וואָס באַזוכן ארץ־ישראל לאָזן דאָרט איבער אַ סך געלט.

מדינת ישראל שטרעבט אָבער אַז עס זאָל קומען וואָס שנעלער דער טאָג ווען זי וועט קאָנען לעבן פון אייגענער אַרבעט און אייגענער עקאָנאָמיק. דערפאַר איז דער חוב פון יעדן ייִדן צו נוצן ארץ־ישראלדיקע פראָדוקטן, כדי צו העלפן דעם לאַנד צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק.

די וועגן אין ארץ ישראל

ביז מיט פיר אָדער פינף צענדליק יאָר צוריק זענען כלל ניט געווען אין לאַנד קיין ברוקירטע וועגן וואָס מען זאָל קאָנען נוצן. אַפילו קיין וואָגן האָט מען דאָ ניט געזען. די אייזלען, מוילאייזלען, פערד און קעמלען האָבן געשלעפּט אַלער־ליי משאות דורך געדרייטע וועגן און שטעגן איבער די טאָלן און בערג.

די ערשטע באַן־ליניע, פון יפו קיין ירושלים, איז געלייגט געוואָרן אין 1892 מיט דער דערלויבעניש וואָס אַ ירושלימער ייִד האָט באַקומען פון דער קאָנס־טאַנטינאָפּאָלער רעגירונג.

בשעת דער וועלט־מלחמה האָבן די ענגלענדער געלייגט די ליניע מצרים— חיפה.

נאָך פאַר דער מלחמה האָט אַ שמאָלע באַן־ליניע פאַראייניקט חיפה מיט עבר־הירדן, דמשק און דער הייליקער שטאָט מעדינאַ און אַראַביע, כדי די מוסולמענישע עולי־רגל זאָל קאָנען באַקוועם באַזוכן די הייליקע שטעט מעדינאַ און מעקאַ. פון חיפה ציט זיך די ליניע קיין ביירוט.

פון דער סטאַנציע עפולה גייט אַוועק אַן אָפּצווייג קיין שכם. פון שכם קיין טול כרם וואָס אויף דער ליניע חיפה—מצרים.

מדינת־ישראל זעט מיט אירע אַלע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען איר אייזנבאַן־באַוועגונג און זי מאָדערניזירן. פון גרויס וויכטיקייט פאַרן פּראָגרעס פון דעם לאַנד זענען די ניט לאַנג־פאַרענדיקטע ליניע קיין באר־שבע און צו די פּאָטאַש־ווערקשטאַטן פון סדום.

דער בערגיקער וועג קיין ירושלים

אָבער די הויפּט־באַוועגונג פון דעם לאַנד ווערט דורכגעפירט דורך די אויטאָס, רייזע און לאַסט־אויטאָס פון אַלערליי מינים.

פון דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט זענען געבליבן אין ארץ־ישראל זייער גוטע ברוקירטע וועגן, אָבער די מוסולמענישע הערשער האָבן זיי פאַרלאָזט און די וועגן זענען צעשטערט געוואָרן. פאַר און בעת דער וועלט־מלחמה האָבן די טערקן געפלאַסטערט שאָסייען צוליב מלחמה־צוועקן, אין גרויס אייַלעניש. די ענגלענדער האָבן פאַרגעזעצט די אַרבעט. מדינת־ישראל באַטראַכט דעם ענין פון גוטע וועגן פאַר אַ נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. ווייל נאָר דורך גוטע וועגן קאָנען קאָלאָניזירט ווערן די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד און עס קאָן געגעבן ווערן אַ נויטיקע שוץ און באַקוועמלעכקייט די נייע פונקטן וואָס ווערן געגרינדעט אין די פאַרוואָרפנסטע גרענעץ־ישובים.

קומען אַלע מאָל צו נייע אָפּגעפאַלטירטע וועגן אין דער לענג און אין דער

ברייט פון מדינת־ישראל. פון די הויפט־וועגן מאַכט מען זייטיקע וועגן צו די פאַרשידענע דערפער, אַלטע און נייע.

פון דעם עקסטן צפון ביזן רויטן ים, פון דער שפלה ביז טבריה, יריחו, סדום און אילת, ציִען זיך די אַספאַלטירטע וועגן איבערן לאַנד, וועלכע ווערן דורכגע־קרייצט טעגלעך דורך צענדליקער טויזנטער אויטאָמאָבילן וואָס ברענגען פּראָגרעס און זיכערקייט אַפילו אין די ערטער, ווו ביז ניט לאַנג האָט געהערשט דער מדבר און עס האָבן געוואָיעט די שאַקאַלן, און וועלכע די יידישע חלוצים פאַרוואַנד־לען אין פרוכטבאַרע און פרעכטיקע ישובים.

די אַעראָפּלאַנען־באַוועגונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דער לופט־פּאָרט פון לוד פאַרבינדט ארץ־ישראל מיט אַלע עקן וועלט, און איז כמעט די וויכטיקסטע לופט־סטאַנציע פון נאָענטן מזרח. פון קלענערער באַדייטונג איז די לופט־סטאַנציע פון לעבן תל־אביב.

אין עטרות, וואָס איז איצט אין די הענט פון עבר־הירדן, לעבן ירושלים און אין רמלה פון דער שפלה זענען פאַראַן וויכטיקע מיליטערישע אַעראָפּאָרטן.

גאָר אַ גרויסע אַנטוויקלונג האָט דערגרייכט די נאַוויגאַציע אין מדינת־ישראל. דריי הויפט־פּאָרטן פאַרמאָגט אונדזער מדינה: חיפה, תל־אביב און יפו. דער זיכערסטער פּאָרט איז דער חיפהר, ווייל אין אים שטערן ניט די ים־שטו־רעמס די שיפס־באַוועגונג. לעצטנס צעוואַקסט זיך דער פּאָרט אילת.

פיל הונדערטער שיפן באַזוכן יערלעך די ארץ־ישראלדיקע פּאָרטן און ברענ־גען צענדליקער טויזנטער עולים און טוריסטן. ספּעציעלע פראַכט־שיפן ברענגען און פירן אַרויס אַלערליי סחורות.

יונג איז נאָך די נאַוויגאַציע פון מדינת־ישראל אָבער זי פאַרמאָגט שוין אַ גאַנץ גרויסן קאָמערציעלן פלאָט וועלכער פירט די לאַנדעס פּראָדוקטן אין די ווייטסטע לענדער און ברענגט פון דאָרטן די נויטיקע מאַטעריאַלן פאַרן אינער־לעכן געברויך.

אויך דער פישפאַנג אַנטוויקלט זיך זייער שנעל. לענגאויס דעם גאַנצן ים־ברעג געפינען זיך פישער־פּאָרטן און פישער־דערפער, און פישער־שיפלעך שווי־מען אַוועק העט ווייט פון די ברעגן כדי אַרויסציִען פון דעם ים אַלערליי פיש וואָס די ארץ־ישראל־באַפעלקערונג פאַרנוצט אין אירע מאכלים.

די איינטיילונג פון ארץ־ישראל לויט די פראָווינצן

ווען משה רבינו איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם באַרג נבו און האָט פון דאָרט באַטראַכט דאָס לאַנד פון זיינע חלומות ווערט אין דער דאָזיקער זעונג (דברים ל״ד — א׳, ג׳) איינגעטיילט דאָס לאַנד אין זעקס געגנטן, טיילן אָדער פּראָווינצן:

1) דער נגב, אַריינרעכנענדיק דעם יריחו־טאָל ביז צוער.

2) יהודה, ביזן מיטללענדישן ים.

3) שומרון — דאָס לאַנד פון אפרים און מנשה.

4) דער ירדן־טאָל, וואָס זיין נאָמען ווערט פאַרביטן מיט ״די פּראָווינצן פון די טאָלן״: זבולון, יזרעאל, בית־שאן און עמק־הירדן.

5) דער גליל (אונטערשטער און אויבערשטער).

6) דער עבר הירדן.

אין חומש ווערט דער עבר־הירדן דערמאָנט צום ערשטן און ווערט באַצייכנט: „דאָס לאַנד פון גלעד — ביז דן״.

אין משך פון לאַנגע דורות איז די דאָזיקע איינטיילונג געווען גילטיק פאַר ארץ־ישראל, און מיט קליינע ענדערונגען ווערט זי אָנגעהאַלטן ביז איצט.

די ישובים אין נגב

באר־שבע איז די הויפּטשטאָט פון דעם נגב. דאָס איז איינע פון די עלצטע שטעט אין דער וועלט. אונדזערע אבות האָבן דאָרט געוווינט. זי איז די צענטראַלע שטאָט פון דעם דרום און געפינט זיך אין אַ ברייטן און פרוכטבאַרן טאָל.

ביז דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל איז באר־שבע געווען אַ פאַרשלאָפן



די געביטן פון ארץ־ישראל

שטעטל פון 3000 איינוווינער — מערסטנס מוסולמענער, וואָס האָבן זיך באַשעפֿ־טיקט מיט אַגריקולטור און קאָמערץ. דאָרטן האָט זיך געפֿונען דאָס קרייז־געריכט און דער גובערנאַטאָר.

וואָסער האָט באר־שבע באַקומען פון אוראַלטע ברונעמער וואָס די טראַדי־ציע דערציילט אַז אברהם אבינו האָט זיי אויסגעגראָבן, און די פלשתים האָבן זיי פֿאַרשאָטן און יצחק האָט זיי ווידער אויסגעגראָבן.

איצט איז באר־שבע אַ שטאָט פון עטלעכע און דרייסיק טויזנט איינוווינער מיט אַ רוישיק לעבן, מיט אַ באַן־סטאַנציע, מיט אַ פּרעכטיקן אַספּאַלטירטן וועג וואָס פירט אין דרום־זייט קיין אילת און אין מזרח — קיין סדום צו די גרויסע פּאָטאַש־אונטערנעמונגען פון דעם ים־המלח. אויך גרויסע פֿאַבריקן ווערן אויפֿ־געשטעלט אין באר־שבע.



די עקספּערימענטאַלע אַגריקולטור־סטאַנציע פון באר־שבע

חן יוניס (חנות יונה — אין עזה־פּאַס) דאָס וויכטיקסטע שטעטל אין דער שפלה פון דער נגב. עס געפינט זיך דאָ די באַן־סטאַנציע פון דער ליניע חיפה־מצרים. חן יוניס איז דאָ אַ פּרוכטבאַרער אָאַזיס אין דער אַרומיקער ווּיסטעניש, און דינט אַלס קאָמערציעלער צענטער פֿאַר די אַרומיקע אַראַבישע דערפֿער און בעדוּיִנישע לאַגערן.

רפיח (אין עזה־פּאַס) אַ גרויס דאָרף ביים עק פונעם נגב אין די גרעניץ־סטאַנציע פון מצרים.


דער נגב
באר שבע
עזה
חברון
ערד
סדום
ערבת סדום
דימונה
המכתש הקטן
מכתש רמון
מדבר צין
חולות חלוצה
אילת
עקבה

דער נגב

די קאָלאָניע־סטאַנציעס אין דעם נגב (מצפות)

אין יאָר 1943 (ה׳תש״ג) זענען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע נייע ייִדישע ישובים אין דעם נגב. די ישובים האָבן געקראָגן דעם נאָמען פון מצפות, ד״ה אויסקוק אָדער אויספאָרשונגס־פּונקטן.

זייער וויסט איז דעמאָלט געווען דער נגב און אָפּגעשניטן פון יעדער ישוב. די קאָמוניקאַציע — אויסערגעוויינלעך שווער. די בראַווע ייִדישע יונגעלייט האָבן אָבער פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון באַזעצן די דאָזיקע וויטע געגנט און האָבן מוטיק דורכגעפירט זייער אונטערנעמונג, מיט פּרעכטיקע רעזולטאַטן.



דער גאָלף פון אילת

די דריי פּונקטן וואָס זענען צום ערשטן געגרינדעט געוואָרן זענען:

1) גבולות, צווישן באר־שבע און רפיח, נאָענט צו דער מצרישער גרענעץ, וואַסער ווערט דאָרט געבראַכט פון זייער ווייט.

2) רביבים, לעבן דעם געוועזענעם אַראַבישן עסלוג, ביי הונדערט מעטער די טיף האָט מען געפונען עטוואָס געזאַלצענע וואַסער, מען האָט אויפגעשטעלט

אַ דאַמבעביים וואַדי פון דעם אָרט. די דאַמבע דערמעגלעכט אָנצוזאַמלען דאָס וואַסער וואָס קומט אָן דורך דעם וואַדי.

3) בית־אשל, לעבן באר־שבע, זי ווערט אַזוי גערופן אויפן נאָמען פון דעם בוים וואָס אברהם אבינו האָט געפלאַנצט אין באר־שבע. בית־אשל פאַרמאָגט אויך אָן אייגענעם ברונעם.

לעצטנס קומען אויף אַלעמאָל מער נייע פונקטן אין דעם נגב, ווי: תקומה, בארי, שובל, משמר־הנגב, נבטים, אורים, מבטחים, שרשים, עלומים, מגן, נצנה, כפר־ירוחם, שדה־בוקר, יטבתה, דימונה א״אַ.



פיש־פאַנג אין אילת, ביי דער לבנה־שיין

עס זענען געלייגט געוואָרן דערן פון אַריבער 150 קילאָמעטער די לענג, כדי צו ברענגען די נייע ישובים די וואַסערן וואָס זענען דערגרונטעוועט געוואָרן אין גבר־עם און ניר־עם. די וואַסערן באַפרוכפּערן די טרוקענע נגב־פעלדער און העלפן דער אַנטוויקלונג פון די אויסגערעכנטע פּונקטן און דעם אויפקום פון נייע ישובים.

דער נגב פאַרנעמט כמעט דעם גרעסטן טייל באָדן פון מדינת־ישראל און איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק פאַר איר צוקונפט. דורכן נגב גייט דער וועג קיין

אילת, וועלכער וועט ווערן דער צענטער פון אונדזער ים־פאַרבינדונג מיט די ווייטסטע מזרח־לענדער.

דער אילת־גאָלף געפינט זיך צווישן די האַלב־אינדזלען פון סיני און אַראַ־ביע. די בערג פון סיני וואָס באַזוימען זיינע ברעגן שאַפן אַ וווּנדער־שיינעם פּיי־סאַזש. פיר מלוכות טיילן די הערשאַפט פון דעם גאָלף: פון מערב־זייט — מצרים; פון מזרח־זייט — סעודיה־אַראַביע; פון דעם קורצן צפונדיקן ברעג געהערן צען מיט אַ האַלבן קילאָמעטער צו מדינת־ישראל און זיבן מיט אַ האַלבן צו עבר־הירדן.

אין יאָר 1949 האָט דאָס ייִדישע מיליטער אַרויסגעצויגן די ישראל־פאָן אויף דעם פּאָרט פון אילת און אים אומגעקערט צו דעם לאַנד צו וועמען ער

די יונגע בירגער פון אילת אַהיימגייענדיק

געהערט היסטאָריש און געאָגראַפיש. ווי אין די צייטן פון מלכות בית דוד, וועט אילת ווידער ווערן דער וויכטיקער דרום־פּאָרט וואָס פאַראייניקט מדינת־ישראל, דורכן רויטן ים, מיט די גרויסע פּאָרטן פון אַזיע און אַפריקע.

דער קלימאַט פון אילת, וואָס איז אין ווינטער אַן אנגענעמער, און די פּרעכ־טיקע לאַנדשאַפט, ציִען צו קיין אילת אַ סך טוריסטן וועלכע קומען געניסן פון דער שיינקייט פון דער געגנט, און — אַ טייל — אויך זיך צו היילן און באַרויִקן די נערוון.

דער פּאָרט פון אילת ווערט אויסגעברייטערט און וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס אַנטוויקלט זיך דאָרט אַ אינדוסטריע. די שטאָט וואַקסט און בליט. זי האָט שוין אַ בולוואַר, אַ סינע, אַ טעאַטער, אַ רעגירונגס־הויז און פאַרשידענע געזעל־

שאַפּטלעכע אינסטיטוציעס. דאָס פלי־פעלד פון אילת אַנטוויקלט זיך זייער שנעל און די אַעראָפּלאַנען פאַרבינדן עס מיט די וויכטיקסטע פלי־פונקטן פון לאַנד.

ספּעציעל זענען רייך די וואַסערן פון אילת מיט אַלערליי סאָרטן פיש, און דער פישפאַנג, וואָס ווערט קולטיווירט אונטער דער אָנפירונג פון ספּעציאַליסטן, ווערט אַ גרויסער קוואַל פון הכנסה פאַר די דאָרטיקע איינוווינער.

די ישובים אין יהודה

ירושלים

ירושלים איז די אייביקע הויפּטשטאָט פון דעם יידישן פאָלק, און יעדעס יידישע האַרץ קלאַפּט מיט פרייד ווען מען דערמאָנט איר נאָמען.

ירושלים איז איינע פון די עלצטע שטעט אין דער וועלט. אין דער צייט פון אברהם אבינו האָט מען זי גערופן שלם, און עס האָט דאָרט געוווינט דער קעניג מלכי צדק, וועלכער האָט אויפגענומען אברהמען מיט ברויט און וויין ווען ער האָט זיך אומגעקערט נאָכן באַזיגן כדרלעמרן.

ווען די יידן האָבן פאַרנומען כנען איז די שטאָט געבליבן ביי די יבוסים, וועלכע האָבן דאָרטן געהערשט פון די אַלטע צייטן. ערשט דוד המלך האָט אָפּ־גענומען ירושלים ביי די יבוסים און זי געמאַכט פאַר דער הויפּטשטאָט פון ארץ־ישראל.

שלמה האָט דאָרט אויסגעבויט דעם בית־המקדש און דריי מאָל אין יאָר פלעגן די יידן פון אַלע עקן לאַנד קומען קיין ירושלים מיט געזאַנג און מיט פרייד. דאָס האָט מען גערופן: עולה רגל זיין.

ירושלים געפינט זיך אויף אַ בערגל ווו עס קרייצן זיך צוויי וועגן וואָס זענען וויכטיק נאָך פון די ערשטע צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע: א) דער וועג פון דרום קיין צפון, וואָס פירט פון מצרים קיין בבל, לענגויס דער באַרג־קייט פון יהודה; און ב) דער וועג וואָס קומט פון דער שפלה, ביים ברעג, — שניידט דורך דעם ירדן־געביט, און זעצט פאָר צום אַראַבישן האַלב־אינדזל.

פון מזרח־זייט פון שטאָט געפינט זיך דאָס טייכל קדרון, אין דרום־זייט דער יאַר בן הנם, באַוווסט מיטן נאָמען גיא־בן־הינם.

נאָענט פון שטאָט פליסן די קוואַלן: מי־גחון און עין־רוגל.

אָבער די אַלע קוואַלן זענען ניט געווען גענוג פאַר דער שטאָט צו באַפרי־דיקן אירע באַדערפעענישן פון וואַסער און תמיד איז געווען אַ שווערע פּראָבלעם ווי אַזוי צו באַזאָרגן די שטאָט מיט גענוג וואַסער.

ביז מען האָט געצויגן די רערן, העט ווייט, צו די קוואַלן פון „ראש העין", ווו עס ווערט געבוירן דער ירקון. אין דער באַפרייונג־מלחמה האָבן די אַראַבער אי־בערגעהאַקט די רערן. איצט ווערט דאָס וואַסער געבראַכט פון די ברינעמער פון חולדה און פון נחל שורק.

כמעט 600 יאָר האָבן געהערשט אין ירושלים די מלכים פון דודס דינאַסטיע.

ביז (אין יאָר 586 פ״ק), נבוכדנאצר האָט זי חרוב געמאַכט און פאַרברענט דעם בית־המקדש, ווען די ייִדן האָבן זיך אומגעקערט פון בבל האָבן זיי ווידער אויפ־געבויט ירושלים און דעם בית־המקדש.

אין דער צייט פון בית־שני איז ירושלים געוואָרן גרויס און שיין. אירע פּאַלאַצן, אירע שלעסער, אירע מויערן און טורעמס, האָבן אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי אַלעמען, און פון ווייט איז מען געקומען זען איר פּראַכט.

אין יאָר 70 פון דער איצטיקער צ״ר האָבן די רוימער צעשטערט ירושלים און פאַרברענט דעם צווייטן בית־המקדש, דאָס ייִדישע פאָלק האָט אָבער נאָכן ערשטן חורבן געשוואוירן: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!“, אויב איך וועל



דער נייער טייל פון ירושלים און אירע פאַרשטעט

דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל איך פאַרגעסן מיין רעכטע האַנט! און דאָס ייִדישע פאָלק האָט די שבועה ניט פאַרגעסן.

אין פאַרלויף פון דעם לאַנגן גלות האָבן ייִדן געבענקט נאָך ירושלים און געווען זיכער אַז די צייט וועט קומען ווען ירושלים וועט צוריק ווערן די ייִדישע הויפּטשטאָט!

ייִדן האָבן ליב ירושלים און איר אָרט איז הייליק ביי זיי פון זינט די וועלט שטייט. לויט דער טראַדיציע איז, אויפן הר הבית, ד"ה אויפן באַרג וואָס דאָס בית־



אַ שיל אין דעם ירושלימער „מאה שערים"

המקדש איז געשטאַנען (דעם באַרג רופט מען אויך „הר המוריה"), דאָס אָרט ווו אברהם אבינו האָט אויפגעשטעלט דעם מזבח פאַר דער עקדה פון זיין זון יצחק.

אויך פאַר די קריסטן איז ירושלים הייליק, ווייל דאָרט אין דעם קריסטלעכן קוואַרטאַל, גלויבן זיי, געפינט זיך יעזוסעס קבר.

די מוסולמענער האָבן אויסגעבויט אויף דעם הר־הבית דעם באַרימטן אָמאַר־מעטשעט און דערפאַר איז ירושלים אויך פאַר זיי אַ הייליקע שטאָט.

די היינטיקע ירושלים ווערט איינגעטיילט אין צוויי טיילן: „די אַלטע שטאָט", און די „נייע שטאָט".

אַלט־ירושלים איז פון שטענדיק אָן אַ באַפעסטיקטע שטאָט. נאָך איצט איז זי אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער וואָס פאַרמאָגט אַכט טויערן. פון די אַכט

טויערן זענען זיבן אָפּענע און דעם אַכטן האָבן די מוסולמענער פאַרמויערט. ער הייסט „שער הרחמים" און א טראַדיציע זאָגט אַז דורך דעם טויער וועט משיח אַנקומען. כדי נישט צו דערלאָזן אַזאַ זאַך, האָט מען פאַרבויט דעם דאָזיקן טויער, דעם שער הרחמים...

דער הר הבית איז אַרומגערינגלט מיט אַן אייגענער מויער וועלכער שליסט איין די מוסולמענישע מעטשעטן, אַ טייל פון דער דאָזיקער מויער איז באַקאַנט



ביים כותל־מערבי

אַלע יידן פון דער וועלט אונטערן נאָמען: „כותל מערבי". רעליגיעזע יידן וועלן קיינמאָל ניט אַריינגיין אין דעם פּלאַץ וואָס די מויער נעמט אַרום, צוליב דער הייליקייט פון דעם הר הבית.

דער כותל מערבי, דאָס הייליקסטע אָרט פאַרן יידישן פאָלק איז אַ רעשט פון דער אוראַלטער מויער וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם הר הבית וואָס איז

איבערגעבליבן פון דעם בית־המקדש. די טייל וואַנט איז 18 מעטער די הויך און 28 מעטער די לענג, צוזאַמענגעשטעלט פון 27 שורות שטיינער. אין משך פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר האָבן ייִדן פון גאָר דער וועלט, אין צייט פון די גרויסע געפאַרן, ניט אויפגעהערט צו קומען אַהער און אויסגיסן זייערע תפילות פאַר גאָט.

אַלט ירושלים ווערט איינגעטיילט אין פיר קוואַרטאַלן: דער ייִדישער קוואַרטאַל; איצט חרוב געמאַכט דורך די אַראַבער; דער מוסולמענישער, דער קריסטלעכער און דער אַרמענישער.

די נייע שטאָט שפּרייט זיך אויס פון דריי זייטן פון דער אַלטער שטאָט: פון צפון, פון מערב, און פון דרום־זייט.

אין יאָר 1860 (ה׳תר״כ) האָבן אַ גרופּע ייִדן זיך ממש איינגעשטעלט דאָס



די בניינים פון דער סוכנות, קרן־קימת־לישראל און קרן־היסוד אין ירושלים

לעבן און אויסגעבויט דעם ערשטן נייעם געגנט אויסער דער מויער. דאָס אָרט איז באַקאַנט אונטער די נעמען: „אַלט מאָנטעפיאָרע״ אָדער „משכנות שאננים״. אין 1869 איז אויפגעבויט געוואָרן די געגנט „נחלת שבעה״; אין 1877 איז געגרינדעט געוואָרן די באַרימטע רעליגיעזע שכונה „מאה שערים״.

אַזוי האָט זיך ניי־ירושלים אַלץ מער אויסגעשפּרייט אין אַלע דריי זייטן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אויפגעקומען די קוואַרטאַלן — מיט נייע דאַטשעס און גערטנער — קרית משה, בית הכרם, יפה־נוף, בית וגן, רמת רחל און

די צענטראַלע גאַס פון ירושלים „בן יהודה"

אַ סך אַנדערע, צווישן די נייע געגנטן צייכנט זיך אויס די שכונה רחביה מיט דעם וואָס דאָרט געפינען זיך די גרעסטע טייל פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס.

ירושלים מיט די שכונות פאַרמאָגט אַריבער די 200.000 איינוווינער, און מען טרעפט אין איר אַלערליי טיפּן ייִדן וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט כדי זיך צו באַזעצן אין דער הייליקער שטאָט.

אויפן הר הצופים געפינט זיך דער העברעישער אוניווערזיטעט, לעבן אים — די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק; אויך איז דאָ פאַראַן דער מאָדערנסטער שפּיטאָל פון נאָענטן מזרח; מוזעאומס, קונסט־שולן, מיטל־שולן, סעמינאַרן און ישיבות.



דער לגערער־סעמינאַר פון בית־כרם

די צענטראַלע רעגירונג פון מדינת ישראל געפינט זיך אויך אין דער איי־ביקער ייִדישער הויפּטשטאָט ירושלים, דאָס זעלבע — דער ייִדישער פּאַרלאַמענט — די כנסת, די הויפּט־ביוראָען פון קרן־קימת, פון דער סוכנות, פון דעם הויפּט־ראַבינאַט, פון צענטראַל־פּאָסט אאַז״וו.

דער קלימאַט פון ירושלים איז אַ באַרגיקער: די לופט איז פריש און געזונט, דער הימל מערסטנס לויטער; ווינטער רעגנט דאָרט אַ סך און טייל מאָל פאַלן אויס שנייען.

די גרויסאַרטיקע געביידע פון דער בצלאל קונסט־שול און קונסט־מוזעאום, וועמענס נאָמען דערמאָנט אָן דעם ערשטן ייִדישן קינסטלער — בצלאל, וואָס האָט אין דער מדבר געשאַפן דאָס קונסט־ווערק, דעם משכן, וועלכער האָט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן געדינט אַלס רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער צענטער פאַר דעם ייִדישן פאָלק.



דער בצלאל קונסט־מוזעאום

אין דער בצלאל קונסט־שול האָבן געקראָגן זייער אויסבילדונג באַרימטע גרויסע קינסטלער פון ארץ־ישראל, און אירע סאַלאָנען פאַרמאָגן אַ צאָל פּרעכטיקע און רײַכע קאָלעקציעס פון ייִדישער קונסט.

אַלטע שטעט פון דרום־זייט פון ירושלים

בית לחם: 8 קילאָמעטער פון ירושלים געפינט זיך בית לחם, — דאָס אָרט ווו דוד המלך איז געבוירן געוואָרן. פאַר די קריסטן איז בית לחם הייליק, ווייל לויט זייער טראַדיציע איז דאָרט יעזוס געבוירן געוואָרן. בית לחם פאַרמאָגט 10.000 איינוווינער, מערסטנס קריסטן.

לעבן בית לחם געפינט זיך דער קבר פון דער מוטער רחל. אויף דעם קבר שטייט אַ קליינע געביידע און אינעווייניק געפינט זיך די מצבה. לעבן דער מצבה ברענען שטענדיק בוימל־לעמפלעך. ייִדישע מאַמעס פלעגן תמיד קומען צו דער מוטער רחלס קבר אויסצוגיסן דאָרט זייער שווער האַרץ. איצט איז בית לחם ביי די ירדנים און ייִדן קאָנען אַהין ניט צוקומען.

חברון: באַרימט אַלס „די שטאָט פון די אבות״. דאָרט געפינט זיך די מערת המכפלה, אין וועלכער לויט דער טראַדיציע עס זענען באַערדיקט, אויסער די אבות, — אדם און חוה.

חברון איז איינע פון די גאָר עלצטע שטעט פון דער וועלט. לויטן חומש איז זי עלטער פון מעמפיס פון אַלט־מצרים, דאָרט האָבן געוווינט די באַרימטע ריזן; דוד המלך האָט געקעניגט זיבן יאָר אין חברון.

לעבן חברון געפינט זיך דאָס אָרט „אלוני ממרא״, ווו אברהם אבינו האָט געוווינט און ס׳שטייט דאָרט אַן אַלטער בוים דער „אשל אברהם״, אונטער וועמענס שאָטן אברהם זאָל האָבן אויפגענומען די דריי מלאכים.

חברון איז די העכסטע שטאָט פון ארץ־ישראל: 965 מעטער די הויך. זי פאַרמאָגט 25.000 איינוווינער — כמעט אַלע מוסולמענער. ייִדן האָבן שטענדיק געוווינט אין חברון. נאָר נאָך דעם פּאָגראָם פון 1929, ווען די אַראַבער האָבן אויסגעקוילעט די ישיבה־בחורים, האָט די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרלאָזט די שטאָט און זיך מער ניט אומגעקערט אַהין.

נייע ישובים אין די יהודה־בערג

שווער קומט אָן צו שאַפן נייע ישובים אין די בערג־געגנטן. די לאַנד־ווירטשאַפט אַנטוויקלט זיך דאָרט פּאַמעלעך און פאָדערט אַ סך הוצאות. וואַסער דאַרף מען אָנזאַמלען אין אויסגעהאַקטע גריבער, אָדער ברענגען, דורך רערן, פון ווייט.

די פאַרטיידיקונגס־פּראָבלעם איז אויך אַן ערנסטע צווישן די בערג, איבער דער שווערקייט פון קאָמוניקאַציע.

דער הויפּט ווירטשאַפטלעכער צווייג, אין בערגיקן ישוב, איז דאָס פלאַנצן פאַרשידענע פרוכט־ביימער, ווי: פייגן, ווייַנטרויבן, ניס, מילגרוימען, איילבירטן, עפּל, פלוימען, פערשקעס אאַז״וו. ווייל די ביימער וואַקסן דאָרט אָן באַוואַסערונג, צוליב דער פייכטקייט וואָס די קליינע שטיינדעלעך פאַרהאַלטן. אויך דאָס האָדע־

ווען בהמות און עופות, דער בינשטאָק און דער גרינסגאָרטן, גיבן פּיינע רעזול־טאַטן צווישן די בערג.

ווי אַנגעשטרענגט די אַרבעט איז ניט געווען האָט מען געמוזט שאַפן אַ רייע בערג־ישובים אַרום ירושלים צוליב איר זיכערקייט און באַשפּייזונג, ווי אויך צוליב איר קאָמוניקאַציע. און אַזוי זענען אויפגעקומען די פּונקטן:

מוצא: איר ערד איז געקויפט געוואָרן נאָך אין יאָר 1860 (תר״ך), נאָר ווירק־לעך איז זי אויפגעקומען אין 1894. לעבן איר געפינט זיך די באַרימטע סאַנאַ־טאָריע „ארזה“, אויפן נאָמען פון דעם צעדערבוים (ארז) וואָס ד״ר הערצל האָט דאָרט געפלאַנצט בעת זיין באַזוך אין ארץ־ישראל.

קרית ענבים (1920): אויסערגעוויינלעך שווער איז אָנגעקומען דאָס אויפ־



די יהודה־בערג און דער מדבר יהודה

שטעלן אַ ישוב צווישן די נאַקעטע, שטיינערנע בערג. מען האָט באַדאַרפט אויפֿרייסן פעלדזן, אַרומנעמען מיט ווענט די בערג־שיפּועים, אַרויסרייסן די גרויסע שטיינער וואָס האָבן זיך איינגעגראָבן טיף אין דעם באָדן, באַמיסטיקן אים, צופּאַסן די פּרוכטן וואָס קאָנען זיך אַקלימאַטיזירן און וואַקסן אין דער בערגיקער אומגעבונג, און דערביי — שטענדיק זיין גרייט צום פאַרטיידיקן זיך פון אַלערליי אָנפאַלן.



די שיינע קאָלאָניע „מוצא"

נאָר די ענערגיע און אַרבעט פון די חלוצים האָט אַלץ באַזיגט, און איצט איז קרית ענבים דער מוסטער פון אַ פּרעכטיקער בערגיקער קאָלאָניע.

מעלה החמשה (1938): לעבן קרית ענבים. אויף דעם אָרט זענען דערמאָרדעט געוואָרן פינף חלוצים בשעת זיי האָבן ברוקירט דעם וועג צום וואַלד פון קרן־קימת, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון קרית־ענבים. דאָרט וווּ עס איז געווען דאָס בלוט פון אונדזערע העלדן, בליט איצט אַ שיינער און פּראָדוקטיווער יידישער ישוב.

כפר עציון. דער העכסטער יידישער פונקט אין לאַנד. 965 מעטער די הויך. באַרימט מיט דער טראַגישער העלדישקייט פון די חלוצים וואָס האָבן זי געשאַפן און פאַרטיידיקט און איז חרוב געוואָרן אין דער באַפרייונגס־מלחמה, אַזוי ווי משואות יצחק.

משואות יצחק. אויפן נאָמען פון הרב יצחק הערצאָג. געפינט זיך זיך אין מזרח־זייט פון כפר עציון אויף דער ליניע וואָס דאַרף פאַרבינדן חברון מיט ירושלים. אויך די דאָזיקע קאָלאָניע איז באַרימט מיט איר טראַגישן קאַמף קעגן די שונאים וואָס האָבן געוואָלט אָפּשניידן ירושלים פון יעדער פאַרבינדונג מיט די יידישע ישובים, בשעת דער באַפרייונגס־מלחמה.

פון דער מלחמת־השחרור אָן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פיל נקודות אין די יהודה־בערג אַזוי ווי: מעוז ציון, שואבה, נוה־אילן, קרית־יערים, כשלון, רמת־רזיאל, צובה, בר־גיורא, נתיב הל״ה, מבואות ביתר, אבן־ספיר אאַז״וו.

די ישובים אין דער שפלה

מיטן אָנהייבן גרינדן די נייע קוואַרטאַלן אויסער דער מויער פון ירושלים, אין יאָר 1860, הייבט זיך אָן די באַוועגונג אַז יידן זאָלן זיך באַזעצן און קולטיווירן דעם געביט פון יהודה. צו דעם צוועק האָט קאַרל נעטער, דער באַרימטער יידישער עסקן פון פאַריז, געגרינדעט אין 1870 די אַגריקולטור־שול „מקוה ישראל״.

אין 1878 גרינדן די ירושלימער יידן די ערשטע יידישע קאָלאָניע אין ארץ־ישראל — פתח תקוה.

אין 1881—1882 גרינדן די „בילוים״ און „חובבי ציון״ די קאָלאָניעס ראשון לציון און נס ציונה; שפּעטער מיט צוויי יאָר ווערן געשאַפן עקרון און גדרה; אין 1890 ווערט געגרינדעט די קאָלאָניע רחובות.

אַקטיוו גייט אָן דאָס באַזעצן זיך אין דער שפלה. היינט צו טאָג איז כמעט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן די אומגעהויערע שוועריקייטן וואָס די חלוצים האָבן געמוזט באַזיגן: קייז באַנען זענען ניט געווען; פון אויטאָס און שאָסייען קיין זכר ניט; די איינציקע קאָמוניקאַציע־מיטלען זענען געווען די פערד און אייזלען; אויף די וועגן האָבן געלויערט באַנדיטן און רויבער; די טערקישע רעגירונג האָט ניט געלאָזט אַז יידן זאָלן קויפן ערד און האָט זיי פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין לאַנד אַריין; עס האָט געפעלט וואַסער, עסן, שפּיטעלער און רפואות; בעת קראַנקייטן און נויט האָבן צוגענומען אַ סך טייערע, יונגע לעבנס.

ווער ווייסט וואָס דער סוף וואָלט געווען פון דעם געראַנגל ווען עס קומט ניט אונטער די ערלעכע פערזענלעכקייט פון דעם באַראָן בנימין ראָטשילד פון פאַריז — באַקאַנט אַלס דער „נדיב הידוע״.

אַ דאַנק דער גרויסער הילף פון דעם באַראָן, וועלכן מען רופט אויך „דער טאַטע פון דעם ישוב״, האָבן די יידן זיך געקאָנט ווידער פאַרוואָרצלען אין דער שפלה און אויפשטעלן אויף איר פרוכטבאַרער ערד די גרויסע צאָל פּרעכטיקע ישובים.

די פאַרשידענע טיפּן קאָלאָניעס

דריי הויפּט טיפּן פון קאָלאָניעס האָט דער ישוב געשאַפן, אין ארץ־ישראל: א) די מושבה; ב) דער מושב; ג) די קבוצה אָדער קיבוץ, אויסגערעכנט לויט זייער היסטאָרישן אויפקום.

די מושבה: די ערשטע אַגריקולטור־ישובים וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין לאַנד זענען געווען מושבות — קאָלאָניעס, ווו יעדער פויער איז געווען דער אייגנטימער פון זיין ערד און האָט אַנטוויקלט זיין ווירטשאַפט לויט זיין מעגלעכקייט. די באַזע איז צום אָנפאַנג געווען פּערזענלעכע אַרבעט, אָן דרויסנדיקער הילף. אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות האָט מען געמוזט באַנוצן געדונגענע אַרבעטער, שאַפנדיק אין דער קאָלאָניע אַ שיכט פון לוין־אַרבעטער.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט מען געמוזט פאַרשנעלערן די יידישע באַזעצונג אין לאַנד. מען האָט באַדאַרפט מאָביליזירן אַלע פאָלקס־כוחות פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

דער קרן־קימת האָט דערוואָרבן גרויסע שטיקער לאַנד. האָט עמעצער געמוזט קומען און באַזעצן די וויסטע פלעצער וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַלערליי געפאַרן. קיין איינצלנע, פּריוואַט פּערזאָנען האָבן דאָס ניט געקאָנט טון. דעמאָלט האָבן זיך מאָביליזירט די בעסטע זין פון דעם יידישן פאָלק: עס זענען געקומען די חלוצים. זיי האָבן זיך פאַראייניקט אין גרופּעס וואָס האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון יידישן לאַנד, פון דער יידישער צוקונפט.

אָט די פאַראייניקטע גרופּעס חלוצים האָבן אויסגעאַרבעט צווייערליי פאָרמען פון באַזעצן זיך אויף לאַנד:

דער מושב אָדער מושב עובדים: דאָס איז אַ קאָלאָניע אין וועלכער יעדער איינער איז דער אייגנטימער פון זיין שטיקל ערד, נאָר ביי אַלגעמיינע און געזעלשאַפטלעכע ענינים זענען אַלע איינוווינער פון דער קאָלאָניע פאַראייניקט. די באַזע פון דעם יחידס דערפאָלג זענען ענג פאַרבונדן מיטן דערפאָלג פון דער גאַנצער קאָלאָניע, און די פּרינציפּן אויף וועלכע אַ מושב ווערט געבויט זענען פאָלגנדע:

1) דער באָדן איז אַ נאַציאָנאַלער; 2) פּערזענלעכע אַרבעט; 3) געמיינזאַמע הילף; 4) שותפות ביים קויף און פאַרקויף.

די ערד פון דער קאָלאָניע ווערט פאַרטיילט אין גלייכע טיילן צווישן אַלע חברים פון דעם מושב. יעדער קאָלאָניסט באַאַרבעט פּערזענלעך זיין חלק, מיט דער הילף פון זיין פאַמיליע, זיין שטיקל ערד. די דערציונג, באַוואַסערונג, אַרבעטס־מאַשינען, מאַגאַזינען, מעלקעריי אאַז״וו, געהערן צו אַלע קאָלאָניסטן פון דעם מושב.

די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־פאָרעם איז די פאַרשפּרייטסטע צווישן די ישובים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וואָס באַזעצן זיך אויף דעם קרן קימת באָדן. דער באָדן ווערט פאַרדונגען אויף אַ פּעריאָד פון 49 יאָר, מיטן רעכט צו פאַר־

לענגערן דעם קאָנטראַקט אויף נאָך אַ פּעריאָד. דער קרן־היסוד העלפט אַ סך דעם טיפּ קאָלאָניעס.

קבוץ אָדער קבוצה: אין דעם טיפּ ישוב איז דאָס לעבן פון די אָנטיילנעמער צוזאַמענגעשטעלט אויף דעם ברייטסטן שותּפותדיקן יסוד. דער גאַנצער ישוב טראָגט דעם כאַראַקטער פון איין גרויסער משפחה. אַלץ געהערט צו אַלעמען. אַלע חברים האָבן גלייכע רעכטן און גלייכע פליכטן; די אַרבעט און אירע פּראָדוקטן ווערן צעטיילט צווישן אַלע חברים גלייך. אויב עמעצער וויל פאַרלאָזן דעם קבוץ האָט ער ניט קיין רעכט צו מאָנען באַצאָלט פאַר זיין מי פאַר דער צייט וואָס ער האָט געאַרבעט ביי דער ווירטשאַפט; ער קאָן אויך ניט מאָנען קיין חלק אין דעם אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן פון דעם קבוץ.

דער חילוק צווישן דעם קיבוץ און דער קבוצה איז וואָס די קבוצה איז פון אַ קלענער פאַרנעם און גיט זיך נאָך אָפּ מיט ערד־אַרבעט — איז דער קבוץ אַ סך גרעסער און זעט צוצוציִען אַ סך חברים דורך פאַרגרעסערן די ווירטשאַפט.

אַזוי, אַז אויסער דער אַגריקולטור, שאַפן נאָך די מענטשן פון קיבוץ, פאַרשידענע וואַרשטאַטן, פאַבריקן, דערציִונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן.

דאָס לעבן אין קיבוץ איז זייער איינפאַך. אַלע עסן אין איין גרויסן עס־צימער, איין וועשעריי איז דאָ פאַר אַלעמען; די קליידונג איז זייער באַשיידן, און זייער אַרבעטזאַמקייט און געטריישאַפט איז צו באַוווּנדערן.

אַלע קבוצים און קבוצות זענען געגרינדעט געוואָרן אויף דער ערד פון קרן קימת, מיט דער שטיצע פון קרן־היסוד.

עס זענען פאַראַן קבוצות וואָס באַשעפטיקן זיך נאָך מיט ערד־אַרבעט; אין אַנדערע, אַרבעטן די חברים פון דעם קבוץ אַפילו אין דער פרעמד, די פאַרדינסטן גייען אָבער פאַר דער גאַנצער קבוצה. זייער באַדן האָבן אַלע קבוצים באַקומען פון דעם קרן־קימת. דער שטח איז אַ באַגרענעצטער און ווערט באַאַרבעט לויטן אינטענסיוון סיסטעם. די קבוצים געפינען זיך אין אַלע עקן לאַנד — אין גליל און אין עמק יזרעאל, אין ירדן־געביט, אין שומרון, אין יהודה, אין נגב און אין דער שפלה.

דאָס לעבן אין קבוץ נעמט אַוועק ביים חבר זיינע פּערזענלעכע זאָרגן און געוווינט אים צו טראַכטן פאַר דעם קבוץ אין אַלגעמיין. אַ סך גלאָררייכע בלעטער פון קרבנות און שווערער אָנשטרענגונג האָבן די קבוצים אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער אויפלעבונג פון אונדזער לאַנד און פון דער אַנטשטייונג פון דער מדינה.

צווישן די חברים זענען פאַראַן מענטשן פון אַלע שיכטן פון דעם ייִדישן פאָלק. מענטשן וואָס צייכענען זיך אויס מיט די וווּנדערבאַרע מעלות, נאָר אַ דאַנק וועלכע עס איז מעגלעך צו באַפעלקערן גרויסע שטרעקעס פון די וייטסטע געגנטן, און באַפעסטיקן די ייִדישע פּאָזיציעס אין די געפערלעכסטע ערטער.

שותּפותדיקע קאָלאָניעס: (מושב שותּפי) דאָס איז ווירטשאַפטלעכע צופּאַסונג צווישן קבוץ און פּריוואַט קאָלאָניע: די באַלעבאַטישקייט פון דעם ישוב געהערט צו אַלע קאָלאָניסטן און ווערט באַאַרבעט בשותּפות, דורך אַלעמען. אָבער יעדער

משפחה האָט זיך איר הויז, און די צאָל צימערן פון דעם זעלבן, איז אויסגערעכנט לויט דער צאָל פּערזאָנען וואָס שטעלן צוזאַמען די משפחה. די לעבנסבאַדערפע־נישן ווערן אויסגעטיילט יעדער פאַמיליע לויט דער צאָל פון אירע מענטשן.

די אַלערליי טיפּן ישובים ווערן אָנגעפירט פון פאַרוואַלטונגען וואָס ווערן אויסגעקליבן דורך אַלע חברים פון דעם באַטרעפנדיקן ישוב.

יידישע ישובים אין דער שפלה פון יהודה

פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע שיבת ציון באַוועגונג, כמעט ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, זענען געבוירן געוואָרן ביי הונדערט יידישע ישובים אין דער שפלה. אָנגעשטרענגט און שווער איז געווען דער באַזעצונגס־פּראָצעס, וועלכער ווערט איצט פאַרגעזעצט מיטן גאַנצן באַוווסטזיין פון דער הייליקער פליכט: אויפצולעבן די וויסטע פלעצער און זיי צוריק פאַרוואַנדלען אין פּראָדוקטיווע און בליענדיקע ווינערטער.

מקוה ישראל: (1870) ווי מיר האָבן שוין געזאָגט איז מקוה ישראל געגרינ־דעט געוואָרן דורך קאַרל נעטער, אַלס ערשטע אַגריקולטור־שול אין לאַנד. נעטער איז געקומען אַלס פאַרשטייער פון דער חברה: „כל ישראל חברים”, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל אויסצובילדן יידישע יונגעלייט אַלס פעיקע און טיכטיקע קאָלאָניסטן.

ראשון לציון: (1882) געגרינדעט געוואָרן באַלד נאָך פּתח תקוה. איצט איז זי איינע פון די שענסטע יידישע קאָלאָניעס־שטעט, פאַרמאָגט 30.000 איינוווינער און איז אַרומגערינגלט מיט ווייגערטנער און פּרדסים. אין איר געפינט זיך דער באַרימטער גרויסער קעלטער וואָס דער באַראָן ראָטשילד האָט דאָרט אויסגעבויט. אין דעם קעלטער, וועלכער פאַרמאָגט די מאָדערנסטע מאַשינען, ברענגען די אַרומיקע קאָלאָניסטן זייערע ווייטרויבן כדי פון זיי צו מאַכן די פאַרשידענע ווײַנען, קאָניאַקן און ליקערן, וועלכע זענען שוין באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט.

אַרום ראשון לציון זענען אויפגעקומען אַ סך קוואַרטאַלן מיט פאַבריקן וואָס פּראָדוצירן גלאָזוואַרג, ביר; אַרבעטן אויס לעדער און אַנדערע אַרטיקלען.

נס ציונה: (1882) געגרינדעט געוואָרן דורך ראובן לערער. איינער פון די ערשטע בילויים. דאָס לעבן און קאַמף פון דער פאַמיליע לערער אויף בייצושטיין אַלע שוועריקייטן און ניט פאַרלאָזן דעם באָדן, געהערט צו די שענסטע און כמעט לעגענדאַרע קאַפּיטלען פון קרבנות־גרייטקייט פאַר דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל. נס ציונה איז היינט איינע פון די שענסטע ערטער פון דער שפלה. די אַראַבער האָבן זי גערופן: „ואדי חאנין” — דער רויזן־טאָל.

גדרה: (1884) געגרינדעט דורך די בילויים אויף אַ בערגל פון 80 מעטער די הויך, די ערשטע וווינונגען פון די גרינדער זענען געווען אין אַ הייל, וועלכע



דער דרומדיקער טייל פון דער שפלה

ווערט אָפּגעהיט אַלס אָנדענק, זייער אַ סך העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן אירע בויער, און זייער פיל צרות זענען זיי אויסגעשטאַנען, ביז גדרה האָט דערגרייכט איר איצטיקן בליִענדיקן צושטאַנד, אַנטוויקלענדיק אַ געמישטע ווירטשאַפט.

עקרון: (1884) אין דעם געגנט ווו עס איז געשטאַנען די פלשתישע שטאָט עקרון, געגרינדעט דורכן באַראָן ראָטשילד. ער האָט איר אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין מוטער: מזכרת בתיה. מיט איר געמישטער ווירטשאַפט איז זי ענלעך אויף גדרה.

רחובות: (1890): איז איינע פון די גרעסטע און פּרעכטיקסטע ישובים אין לאַנד (30.000 איינוווינער). זי איז באַרימט מיט אירע צוויי עקספּערימענטאַלע אַנשטאַלטן פאַר אַגריקולטור־פאָרשונגען, וואָס געהערן צו דער יידישער אַגענץ אין צום העברעיִשן אוניווערזיטעט אין ירושלים; יעדער אַנשטאַלט האָט פאַר־שידענע אָפּטיילונגען אין וועלכע ס׳ווערט געלערנט די קולטיווירונג פון די פאַר־שידנסטע פלאַנצן לטובת דעם פּראָגרעס פון דער יידישער אַגריקולטור.

אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון דעם ערשטן פּרעזידענט פון מדינת־ישראל, פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן, איז אין רחובות געגרינדעט געוואָרן דער וויכטיקער כעמישער אינסטיטוט „מכון זיו״, ווו עס ווערן דורכגעפירט אויסערגעוויינלעכע וויכטיקע פאָרשונגען פון כעמיע, אין אַלגעמיין; און ספּעציעל פון די כעמישע אָפּטיילונגען וואָס האָבן צו טון מיט אַגריקולטור און אינדוסטריע. גאַנץ רחובות טונקט זיך אין גערטנער און פּרדסים. איר אָרט, אויף האַלב וועג צווישן דעם ים און די יהודה־בערג, גיט איר צו אַ ספּעציעלע שיינקייט. רחובות איז געגרינדעט געוואָרן דורך רייכע פּוילישע יידן און האָט קיינמאָל נישט באַדאַרפט אָנקומען צו פרעמדער שטיצע.

באר טוביה: (1887) דאָס איז דער גרעסטער מושב עובדים אין יהודה. לאַנגע יאָרן איז באר טוביה געווען דער דרומדיקסטער יידישער פּונקט אין ארץ־ישראל. ווייט און איינזאַם איז געווען דער מושב. אין ווינטער איז כמעט געווען אוממעגלעך אַהין צוצוקומען — צוליב די בלאָטעס און טיפע גרובנס. די אַראַ־בישע שכנים זענען אָפט באַפאַלן דעם מושב, געהרגעט קאָלאָניסטן און געראויבט זייערע פאַרמעגנס. געווען אַ מאָמענט (1929), ווען די קאָלאָניע איז אינגאַנצן פאַר־לאָזט געוואָרן. איצט איז באר טוביה דער צענטער פון פיל קליינע ישובים פון דרום פון דער שפלה און איינע פון די שענסטע קאָלאָניעס אין לאַנד.

גבעת ברנר: דער גרעסטער קבוץ פון דער שפלה. די קאָלאָניע געפינט זיך אויף אַ בערגל און פאַרמאָגט זייער אַ גוטן קלימאַט. זי אַנטוויקלט זיך אויסגע־צייכנט. אויסער מיט לאַנדווירטשאַפט גיבן זיך אָפּ די קבוצניקעס אויך מיט אינדוסטריע און מיט אויפנעמען קוואַרטיראַנטן וואָס קומען אַהין זיך אָפּרוען און פּאַפּראַווען.

דער צפונדיקער טייל פון שרון

די שפּעטערע ישובים

אויפן 19טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער באַשלוס „אַז דאָס לאַנגזאַמע וואַקסן פון דעם יידישן דאָרף אין ארץ־ישראל שטעלט אין געפאַר דעם גאַנצן אויפבוי פון דעם לאַנד, פאַר וועמען די ערד־אַרבעט דאַרף זיין די הויפט־באַזע".

און ווירקלעך קומט באַלד פאַר אַ גרויסע באַוועגונג לטובת דער קאָלאָניזירונג פון די וויטסטע און געפערלעכסטע פונקטן פון לאַנד; אַ סך בלוט און פאַרמעגן קאָסטן די נייע קאָלאָניעס. שרעקלעכע יאָרן פון ענגלישע גזירות און אַראַבישע רציחות ווילן אָפּשטעלן די דאָזיקע נייע אָנשטרענגונג פון דעם יידישן פאָלק. קיין זאַך שרעקט אָבער נישט אָפּ אונדזערע חלוצים, און די באַזעצונגס־טעטיקייט צעבליט זיך מיט אַ וווּנדערלעכער קראַפט.

די ליניע פון נייע ישובים ציט זיך אויס אויף אַ לענג פון 80 קילאָמעטער, פון באר טוביה ביז עסלוג. באר טוביה איז שוין מער ניט דער וויטסטער דרומדיקער פונקט פון דער שפלה, עס ווערן געגרינדעט:

כפר נחום: (1935) אויפן נאָמען פון מנחם אוסישקין, אַן איזאָלירטער פונקט אין וועלכן מ'האָט באַדאַרפט — אין די רעגנס־טעג — אַראָפּוואַרפן עסן פון אַן עראָפּלאַן.

נגבה: (1939) אַרומגערינגלט פון אַראַבישע דערפער וואָס פאַרשאַפן איר די גרעסטע שוועריקייטן, צוליב איר פּאָזיציע. אויפן וועג פון אשקלון קיין חברון, איז זי אויסגעשטאַנען אַ סך אַטאַקעס פון די מצרים.

יבנה: (1944) נאָענט פון דעם היסטאָרישן פּלאַץ ווו רבי יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט זיין ישיבה.

נאָך יבנה זענען געגרינדעט געוואָרן: דורות, גת, משואות, בארות־יצחק, גבולות, רביבים, נצנים, רוחמה אאַז"וו.

זייער שווער איז אָנגעקומען די גרינדונג פון די אַלע קאָלאָניעס. מען האָט באַדאַרפט זיך היטן פאַר דער ענגלישער מאַכט און פון די אַראַבישע אָנפאַלער. די ערשטע טריט פון די אַלע נייע פונקטן האָבן באַדאַרפט געשטעלט ווערן אין געהיים, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַזוי, אַז סיי די ענגלענדער ווי די אַראַבער, זאָלן זיך געפינען פּלוצים פאַרן וווּנדער פון אַ ישוב וואָס איז געבוירן געוואָרן איבערנאַכט...

די גרויסע יידישע שטעט פון דער שפלה

תל־אביב

אין מיט פון דער שפלה, ביי דער גרענעץ פון פלשתים און שרון, אויפן וועג פון דעם טייך ירקון געפינט זיך די גרעסטע יידישע שטאָט, תל־אביב, געגרינ־דעט אין 1909.

אירע גרינדער, יפוער יידן, ווען ס׳איז נמאס געוואָרן די שמוץ און די ענג־שאַפט פון יפו, האָבן אָפּגעקויפט, מיט דער הילף פון קרן־קימת — דאָס פּלאַץ וואָס צווישן יפו און דעם טייך ירקון, מיטן ציל אויסצובויען דאָרט אַ געגנט פון דאַטשעס, ווו זיי זאָלן געניסן פון רו און גוטע לופט.

„גן מאיר". דער מוניציפּאַלער פּאַרק פון תל־אביב, אויפן נאָמען פון איר גרינדער מאיר דיזנהאָף

וויסטע בערגלעך און וואַנדערנדיקע זאַמדן האָבן באַדעקט דעם גאַנצן גע־קויפטן שטח. אַ דאַנק דער ענערגיע פון אַרבעטזאַמקייט פון אירע גרינדער איז תל־אביב שנעל געוואָקסן. אַ גרויסן חלק אין איר וואונדערלעכן וווקס האָט דער הויפּט־גרינדער פון דער שטאָט — מאיר דיזענהאָף. מיט זיין אומדערמידלעכער אָנשטרענגונג און אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן האָט ער דערפירט תל־אביב צו איר גלאַנץ און פּראַכט וואָס אַלע באַוווּנדערן.

צוויי פעריאָדן האָט דורכגעלעבט תל־אביב: א) אונטער דער טערקישער הערשאַפט, וועלכע האָט געשטערט מיט אַלע מעגלעכקייטן דעם וווקס פון דער

דער צענטער פון תל־אביב

שטאָט. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די טערקישע רעגי־רונג אַרויסגעטריבן אַלע איינוווינער פון תל־אביב, און די שטאָט איז געבליבן פוסט.

ב) אין 1918, ווען די ענגלענדער זענען אַריין אין ארץ־ישראל האָבן די תל־אביבער איינוווינער זיך אומגעקערט אין זייערע הייזער און די שטאָט האָט גע־נומען שנעל פּראָגרעסירן, אירע גאַסן זענען געוואקסן אין אַלע ריכטונגען און אין 1921 איז זי דערקלערט געוואָרן אַלס זעלבסשטענדיקע שטאָט.

ביז 1936 האָט תל־אביב גענוצט דעם יפו־האַפן, אין דעם דאָזיקן יאָר האָבן

רמת גן — באַרימט מיט איר שיינקייט

די אַראַבער געשלאָסן פאַר די יידן דעם יפוער פּאָרט, כדי אויסצוהונגערן די יידישע באַפעלקערונג. דעמאָלט האָט דער ישוב פון תל־אביב געוויזן זיינע אויס־טערגעוויינלעכע פעיקייטן, שאַפנדיק אַ נייעם האַפן, לעבן דעם אָרט ווו דער ירקון פאַלט אַריין אין ים אַריין.

שנעל האָט דער האַפן זיך צעוואַקסן און האָט צוביסלעך פאַרנומען דאָס אָרט וואָס, במשך פון דורות, האָט געהאַט דער יפוער פּאָרט. תל־אביב איז איצט דער גרעסטער צענטער פון דעם יידישן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ארץ־ישראל.

אין און אַרום תל־אביב, האָבן זיך קאָנצענטרירט די וויכטיקסטע פונקטן

פון דער אינדוסטריע, קאָמערץ און קאָמוניקאַציע. אַלע פינאַנציעלע ייִדישע אינס־טיטוציעס, ווי די בענק און געזעלשאַפטן; אַלע קולטורעלע און קונסט־אַנשטאַלטן; אַלע גרויסע דרוקערייען ווו עס דערשיינען די העברעיִשע צייטונגען און עס ווערן געדרוקט די גרעסטע טייל ביכער — האָבן זייער אָרט אין תל־אביב.

תל־אביב איז אַ רוישנדיקע שטאָט מיט אַן אינטענסיוון לעבן, זי פאַרמאָגט אָבער אויך רויִקע ווינקלען מיט פּרעכטיקע דאַטשעס ווו דאָס אויג געניסט און די נשמה רוט זיך אָפּ.

אויסער דעם פּאָרט פאַרמאָגט תל־אביב אַ באַן־סטאַנציע, אַ גרויסע צענטראַלע אויטאָבוס־סטאַנציע און אַ לופט־סטאַנציע.

תל־אביבער גאַסן זענען שיינע און ברייטע, באַפלאַנצט מיט פּרעכטיקע אַליי־ען און צייכענען זיך אויס מיט זייער ריינקייט.

אַרום תל־אביב זענען אויפגעקומען די גרויסאַרטיקע פאָרשטעטלעך און כמעט שטעטלעך: שכונת מאָנטעפיאָרע, שכונת באָראָכאָוו, רמת גן, בני ברק, בת ים, און אַנדערע, וועלכע דערגרייכן ביז ראשון לציון.

יפו

יפו איז איינע פון די עלצטע פּאָרטן פון ארץ־ישראל. די מצרים האָבן זי שוין געקאָנט צוויי טויזנט יאָר פאַר דער איצטיקער צ״ר.

יפו איז געבויט אויף אַ בערגל פון 40 מעטער די הויך, וואָס שניידט זיך אַריין עטלעכע הונדערט מעטער אין ים אַריין און שאַפט אַ נאַטירלעכן פּאָרט. דער פּאָרט איז אָבער פול מיט שאַרפע שטיינער וואָס שטאַרצן אַרויס פון דעם גרונט. מוזן דערפאַר די גרויסע שיפן בלייבן שטיין פון דערווייטנס און די פּאַסאַזשירן ווי די סחורות, דאַרפן איבערגעפירט ווערן אויף קליינע שיפלעך.

די צעדערביימער וואָס מען האָט גענוצט ביים בויען דעם ערשטן און צווייטן בית־המקדש האָט מען געבראַכט דורך יפוער ים. אין די חשמונאימס צייטן האָבן מיר פאַרמאָגט אַ גרויסן פּלאַץ אין יפו. דער ייִדישער פּלאַץ האָט זיך אויסגע־צייכנט בעת דעם קאַמף פון פאַר חורבן בית־שני.

ווען די אַראַבער האָבן באַהערשט דאָס לאַנד איז יפו פאַרבליבן וויסט אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. ערשט אין 1880, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ייִדישע עמיגראַציע אין לאַנד אַריין, האָט יפו גענומען וואַקסן.

מיטן שאַפן דעם תל־אביבער פּאָרט און דערנאָך מיט דעם אויסבויען פון דעם גרויסן און באַקוועמען האַפן פון חיפה, האָט יפו פאַרלוירן די גרעסטע טייל פון איר ווערט.

פתח תקוה

פתח תקוה, די צווייטע נייע ייִדישע שטאָט אין ארץ־ישראל, איז געגרינ־דעט געוואָרן אין 1878 פון ירושלימער ייִדן וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אויסער די מויערן און זיך באַזעצט ביי די ברעגן פון דעם ירקון. זומפּן, מאַלאַריע און פּאַרפּלייצונגען, אַנפאַלן, רויבערייען און עקספּלואַטאַציע פון דער טערקישער מאַכט, — דאָס זענען געווען די הויפּט־שטערונגען וואָס האָבן געוואָלט צונישט מאַכן די אָנשטרענגונגען פון די נייע קאָלאָניסטן.

די בויער פון פּתח־תקוה זענען אָבער בייגעקומען אַלע שוועריקייטן, און אירע העלדישע קעמפער האָבן אויסגעלערנט די אַראַבישע באַנדיטן צו האָבן דרך־ארץ פאַרן ייִדישן קאָלאָניסט.

איצט פאַרמאָגט פּתח־תקוה — „די מאַמע פון די ייִדישע קאָלאָניעס" — צו־זאַמען מיט אירע שכונות, ביי די הונדערט טויזנט איינוואוינער. זי איז באַרימט מיט איר עקספּאָרט פון ציטרוס־פּרוכטן, פאַרמאָגט אַ סך וואַרשטאַטן און פאַבריקן אַרום זיך; אין איר קאָמערץ וואַקסט וואָס אַמאָל מער.

די דריי אַראַבישע שטעט פון דער שפלה

עזה: געפינט זיך ביים ים, ביי דער גרענעץ צווישן דער שפלה און דעם נגב. פון די צייטן פון די שופטים איז זי באַרימט דורך שמשון הגבורס קאַמף. דער באַרימטער „ברעג־וועג" פון מצרים קיין אשור, גייט דורך דורך עזה, זי איז עטלעכע מאָל צעשטערט געוואָרן. די ענגלענדער האָבן דאָרט געמאַכט אַ פלי־פעלד. עזה פאַרמאָגט 18.000 איינוואוינער (אויסער די צענדליקער טויזנטער אַראַ־בישע פּליטים וואָס לעבן אויפן חשבון פון די פאַראייניקטע פעלקער), זיי זענען כמעט אַלע מוסולמענער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַגריקולטור און הויז־מלאכות.

לוד: געפינט זיך דאָרט ווו עס קרייצן זיך די וועגן פון צפון קיין דרום און פון די ברעג צו דער שפלה. דאָ געפינט זיך די צענטראַלע באַן־סטאַנציע ווו מען טוישט די באַנען פון די ליניעס פון יפו קיין ירושלים און פון חיפה קיין מעקאַ; דאָ געפינט זיך דער קנופּ פון שאָסייען וואָס גייען אין אַלע ריכטונגען; פון דאַנען פליִען אַפּ אַעראָפּלאַנען אין אַלע עקן לאַנד און אין אַלע עקן וועלט. ווייל אין לוד געפינט זיך דאָס גרעסטע פלי־פעלד פון ארץ־ישראל. נאָך אין די צייטן פון תלמוד איז לוד באַריִמט געווען מיט איר רייכער קאָמערץ און מיט אירע גרויסע חכמים; צווישן אירע באַרימטע תנאים געפינען זיך: רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי עקיבא און רבי טרפון.

לוד פאַרמאָגט גרויסע איילבירט־סעדער. איר באָדן איז זייער אַ פּרוכט־באַרער. נאָך דער באַפרייונגס־מלחמה איז לוד געוואָרן אַ ייִדישע שטאָט.

רמלה: איז רעלאַטיוו אַ „יונגע" שטאָט, געגרינדעט אין יאָר 716. ווען די אַראַבער האָבן געהערשט אין ארץ־ישראל איז רמלה געווען די הויפּטשטאָט פון

לאַנד. דורך רמלה גייט דורך דער הויפּט־שאָסיי און די באַן־ליניע: יפו־ירושלים. זי פאַרמאָגט אַריבער 31.000 איינוואוינער. לעבן רמלה געפינט זיך דאָס וויכטיקסטע מיליטערישע פלי־פעלד. אויך פון רמלה זענען אַנטלאָפן די מערסטע מוסולמענישע איינוואוינער. די איבערגעבליבענע לעבן אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל. רמלה איז איצט אַ לעבעדיקע יידישע שטאָט. עס בליט אין איר, און אַרום איר, די אינדוסטריע, קאָמערץ, אַלערליי מלאכות און אַגריקולטור.

אַלטע שטעט אין שומרון

די הויפּטשטאָט פון שומרון איז שכם. אברהם אבינו האָט דאָרט געבויט אַ מזבח און יעקב האָט געקויפט אַ שטיק פעלד. שכם געפינט זיך אין צענטער פון שומרון, דאָרט ווו עס קרייצן זיך די וועגן. דער באָדן פון יענער געגנט איז זייער פרוכטבאַר און עס איז דאָרט פאַראַן אַ שפע פון גוטע וואַסער. דער אַראַבישער נאָמען פון שכם איז „נאַבלוס״, פאַרגרייזט פון דעם רוימישן נאָמען נעאַפּאָליס. שכם פאַרמאָגט אַזעלכע 30.000 איינוואוינער, אַלע פאַנאַטישע מוסולמענער, וואָס דערלאָזן נישט אַז אַ פרעמדער זאָל זיך באַזעצן אין דער שטאָט.

אין שכם געפינען זיך רעשטן פון דער גרויסער שומרונישער געמיינדע — ביי די 200 נפשות, וואָס האַלטן, אַז זיי שטאַמען פון די בני־ישראל. אין זייער שיל האָבן זיי אַ ספר־תורה, מיט דער אַלט־העברעישער שריפט, וואָס לויט זייער טראַדיציע איז עס געשריבן געוואָרן דורך פנחס בן אלעזרס אַ זון. נאָך דעם אויפקום פון מדינת־ישראל האָבן די מערסטע שומרונים זיך באַזעצט לעבן חולון, ווו מען האָט אויסגעבויט פאַר זיי אַ ספּעציעלע שכונה. פּסח קומען זיי צום באַרג גריזים מקריב צו זיין דעם קרבן פסח.

שומרון

אין צפון מערב זייט פון שכם געפינען זיך די חורבות פון דער אַמאָל פּרעכטיקער שטאָט שומרון, וואָס עמרי האָט אויסגעבויט, און וועלכע אשור האָט צעשטערט און פאַרוואַנדלט אין חורבות. הורדוס האָט זי נאָכאַמאָל אויסגעבויט און זי גערופן סעבאַסטי, אויפן נאָמען פון דעם רוימישן קעניג. סעבאַסטי איז אויך חרוב געוואָרן. איצט געפינט זיך לעבן די גרויסאַרטיקע רוינען, דאָס קליינינקע אַראַבישע דערפל סעבאַסטיאַ.

שילה

צווישן דער גרויסער צאָל וויכטיקע היסטאָרישע שטעט וועלכע ליגן אין רוינען אויף די בערג פון אפרים, שטעט ווי דתן, תבץ, תרצה... וואָס יעדער איינע פון זיי רעדט צום האַרצן און צו דער פאַנטאַזיע פון יעדן יידישן קינד וואָס איז

דער שומרון־געביט

עפּעס באַקאַנט מיט אונדזער געשיכטע. צווישן די אַלע חרובע ערטער, פאַרנעמט שילה דעם אויבנאָן. דרייהונדערט מיט פופציק יאָר איז שילה געווען דער צענטער פון דעם יידישן לעבן.

אין שילה האָט יהושע צעטיילט דאָס לאַנד צווישן די שבטים; אין שילה האָט געלעבט עלי הכהן, אין דעם משכן פון שילה האָט זיך דערצויגן דער גרויסער פירער פון דעם יידישן פאָלק — שמואל הנביא; אין די וויינגערטנער פון שילה פלעגן פאַרקומען די יערלעכע טאַנץ־פייערונגען אין וועלכע ס׳האָט זיך באַטייליקט די יוגנט פון גאַנץ ארץ־ישראל...

די חורבות פון שילה וואַרטן אַז מען זאָל זיי אומקערן, כאָטש עפּעס פון זייער אַמאָליקער פּראַכט.

די יידישע ישובים אין שרון און כרמל־ברעג

דער שרון, וועלכער איז דער נידעריקער ים־ברעג פון שומרון, איז לאַנגע יאָרן, נאָך דעם ווי די בני־ישראל האָבן דעראָבערט דאָס לאַנד, פאַרבליבן אונטער דער כנעניישער הערשאַפט. ווען די פלשתים האָבן אויסגעשפּרייט זייער מאַכט לענגאויס דעם ברעג, האָבן זיי פאַרטיליקט די כנענים און זענען געוואָרן די באַלעבאַטים פון דעם שרון. דוד המלך האָט באַהערשט די פלשתים. ער האָט ביי זיי צוגענומען דעם שרון און די יידן האָבן אים קולטיווירט.



זכרון יעקב — באַרימט מיט אירע וויינען

לאַנגע יאָרן נאָך חורבן בית־שני האָט דאָס ייִדישע לעבן פּולסירט אין שרון, ביז די ווילדע אַריינדרינגלער האָבן פאַרוויסט דעם געגנט.

הונדערטער און הונדערטער יאָרן זענען דער שרון און דער חוף־הכרמל געשטאַנען אין זייער שרעקלעכער וויסטקייט, די זומפּן, וואָס האָבן זיך געשאַפן דורך די ניט קאַנאַליזירטע טייכלעך, האָבן פאַרשפּרייט דעם טויט צווישן אַלע וואָס האָבן זיך געפּרוּווט דאָרט צו באַזעצן, ביז דער נייער ייִדישער ישוב האָט מיט זיין מסירת־נפש און מיט זיין אומדערמידלעכן קאַמף קעגן אַלע שטרויכלונגען, ווידער אויפגעלעבט דעם פאַרוויסטן שרון, איצט זענען די זומפּן אויסגעטריקנט, עס גרינען דאָרט די פעלדער און פּרדסים און מער פון הונדערט נייע ישובים דערציילן די עפּאָפּייע פון ייִדישער גבורה און אַרבעטזאַמקייט.



חדרה, וואָס האָט אַזוי שווער געקעמפט פאַר איר עקזיסטענץ

זכרון יעקב (1882) אין דעם זעלבן יאָר ווען עס זענען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע קאָלאָניעס אין דער שפלה פון יהודה זענען אויך געגרינדעט געוואָרן די ערשטע קאָלאָניעס אין דער שפלה פון שומרון — דער שרון.

ייִדן, געקומענע פון רומעניע, האָבן אויפגעשטעלט אַ קאָלאָניע, נאָענט פון דעם אָרט ווו דער שרון גרענעצט זיך מיט דעם כרמל־באַרג. די קאָלאָניע האָט באַקומען דעם אַראַבישן נאָמען פון דעם אָרט „סאַמאַרין". אויף אַ בערגל פון 180 מעטער די הויך וואָס געהער צו די אָפּצווייגונגען פון דעם כרמל. אָר לאַגע איז אָבער געווען זייער אַ שווערע.

ווען די ליידן פון די קאָלאָניסטן זענען אָבער געוואָרן כמעט אומדערטרעג־

לעד, איז דער באַראָן ראָטשילד זיי געקומען צו־הילף. די קאָלאָניע האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען: „זכרון יעקב", צום אָנדענק פון דעם באַראָנס פאָטער. איצט איז „זכרון יעקב" באַרימט מיט איר קעלטער וואָס גיט אַרויס דעם טייערן כרמל־וויין. אַרום „זכרון יעקב" זענען אויפגעקומען די ישובים: בת שלמה, שפיה, בני־מינה, גבעת עדה און פרדס חנה, אַלע נעמען צום אָנדענק פון דעם באַראָנס משפחה, און נאָך אַ סך אַנדערע, נייע קאָלאָניעס.

חדרה: (1891) איז געגרינדעט געוואָרן דורך רוסישע יידן. זי איז די ערשטע און גרעסטע יידישע קאָלאָניע אין שרון.

די ליידן וואָס די גרינדער פון חדרה זענען דורכגעגאַנגען זענען אומבאַ־

דער דרומדיקער טייל פון שרון

שרייבלעך. גאַנצע פֿאַמיליעס זענען אומגעקומען פון דער מאַלאַריע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די קאָלאָניסטן און דער נאַטור. און די קאָלאָניסטן האָבן געזיגט. היינט צייכנט זיך אויס חדרה מיט איר שיינקייט און פּראַכט. צוזאַמען מיט אירע נעבן־קאָלאָניעס פֿאַרמאָגט זי 30.000 איינוווינער.

כפר סבא: (1904) איז די ערשטע ייִדישע קאָלאָניע אין דעם דרומדיקן טייל פון שרון. כאָטש איר באָדן איז געקויפט געוואָרן נאָך אין 1892, אָבער ערשט אין 1904 איז מעגלעך געוואָרן אים צו קאָלאָניזירן. עטלעכע מאָל איז דער דאָזיקער ישוב צעשטערט געוואָרן און ווידער אויפגעבויט געוואָרן. איצט בליט כפר סבא מיט אירע 20.000 איינוווינער, מיט איר אַקטיוון קאָמערציעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און מיט די צוואַנציק נייע פּונקטן וואָס זענען אויפגעקומען אַרום איר.

כפר מלל: (1922) אויפן נאָמען פונעם שאַפער פון דער באַוועגונג: „חבבת ציון" און העברעיִשער שרייבער — משה־לייב ליליענבלום. דאָס איז די גרעסטע קאָלאָניע פון טיפּ מושב־עובדים אין דעם דרומדיקן טייל פון שרון, און דער ערשטער ישוב אין דער געגנט וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן באָדן פון קרן־קימת. אַרום כפר מלל האָבן זיך אויפגעשטעלט די פּונקטן: רמתים, ירקונה, רמות השבים, גבעת־חן אאַז"וו.

רמת־הכובש: (1932) דער גרעסטער קבוץ פון זיד־שרון. דער דאָזיקער קבוץ וואָס האָט זיך געפונען אָפּגעזונדערט אויף אַ הויך בערגל, אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע שונאים, דינט אַלס סימבאָל פון אויסגעהאַלטנקייט און מוטיקער פאַרטיידיקונג, כאָטש דער פּרייז וואָס ער האָט דערפאַר באַצאָלט איז געווען זייער אַ טייערער.

הרצליה: געגרינדעט אין 1925 דורך אַמעריקאַנער ייִדן. ווי דער גרעסטער טייל קאָלאָניעס פון שרון, איז די ערשטע איינוווינער אויסגעקומען אַ סך צו ליידן פון דער מאַלאַריע. גראָבנדיק אַ קאַנאַל אויף אָפּצוציִען דאָס וואַסער פון די זומפּן אין ים אַריין, האָבן די קאָלאָניסטן אַנטדעקט אַן אונטערערדישן קאַנאַל וואָס איז אין די רוימישע צייטן אויסגעהאַקט געוואָרן מיטן זעלבן צוועק. הרצליה פֿאַרמאָגט איצט אַריבער 20.000 איינוווינער. אויסער די נייע פּונקטן וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום איר, ווי: רעננה, רשפון אאַז"וו.

נתניה (1929): איינע פון די שענסטע געגנטן פון שרוןביים ברעג־ים. געגרינדעט דורך די זין פון ייִדישע קאָלאָניסטן איז זי זייער שנעל געוואַקסן און האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ שטאָט. פֿאַרמאָגט שוין 30.000 איינוווינער. פֿאַרשידענע אינדוסטריעס האָבן זיך דאָ גוט אַנטוויקלט, אויך ווערן דאָ אויסגעבויט שיינע האָטעלן. די שיינקייט פון דער געגנט ביי דעם ברעג ים, פֿאַרוואַנדלט נתניה אין אַן אָנגענעמען אָפּרו־פּלאַץ און איז פול מיט זומער־דאַטשעס.

ישובים אין עמק חפר: אין צענטער פון שרון, פון בײדע זײטן פון טײך אלכסנדר צװישן נתניה און חדרה. אַ שרעק פלעגן אָנװאַרפן די װיסטע בלאָטעס און די באַװאָפנטע אַראַבישע באַנדעס פון דער געגנט. אַפילו נאָך דעם װי דער קרן קימת האָט באַצאָלט גרױסע סומעס פאַר דעם באָדן האָבן די אַראַבער אים ניט געװאָלט פאַרלאָזן. די ײדישע חלוצים זענען דאָ בײגעקומען אַלע שװעריקײטן, און איצט זענען אין עמק־חפר פאַראַן קאַרגע דרײסיק פונקטן. דער גרעסטער פון װעלכע, איז די קאָלאָניע כפר ויתקין (1933), זי איז אײנע פון די שענסטע קאָלאָניעס אין לאַנד, אױפן נאָמען פון דעם גרױסן לערער יוסף ויתקין, װעלכער האָט גערופן די ײדישע יוגנט צו קומען בױען אונדזער לאַנד. לעבן כפר ויתקין געפינט זיך דאָס פישער־דאָרף מכמרת (1945) מיט אַ שול פאַר פישער און מיט אַ טיפן קלײנעם פאָרט. אין דעם גאַנצן ברעג פון שרון, צװישן תל־אביב און חיפה גײט אָן אַן אַקטיװע אַנטװיקלונג פון פיש־פאַנג. דער צענטער פון די נײע פישער־דערפלעך איז די אַלטע קיסריה.

די דליה־טענץ



דער צפונדיקער טייל פון שרון

גבעת חיים (1932): אויפן נאָמען פון ארלאָזאָראָוו, איז דער גרעסטער קבוץ פון עמק חפר. אין כפר הראה (1934), די רעליגיעזע קאָלאָניע אויפן נאָמען פון גאון הרב קוק, געפינט זיך די ישיבה פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע בני עקיבא.

כפר פינס (1933) און כפר יעבץ (1932) זענען צוויי רעליגיעזע קאָלאָניעס. פון דעם טיפּ „מושב עובדים"; כפר פינס געפינט זיך אין דעם צפונדיקן טייל פון שרון, אַנטקעגן די בערג פון שומרון, און כפר יעבץ — מער צו דרום. אַלע־מאָל קומען צו נייע ישובים אין שרון ווי עין־אילה (1949), הבונים (1949), גבע־הכרמל (1949), כרם מהרל (1949), החותרים (1948) אאַז"וו. אויפן ברעג פון נחל התנינים איז דאָ אַן אַראַביש דאָרף וווּ עס וווינען נעגערס, זיי שטאַמען פון די פּרימיטיווע איינוווינער פון די זומפּן פון שרון. אין זייערע שולן לערנט מען עברית און תנ"ך.

פּאַרצייטיקע ישובים

קסריה: אויפן ברעג פון ים, צווישן נחל חדרה און נחל התנינים, געפינען זיך די חורבות פון דער אַמאָל פּרעכטיקער שטאָט קסריה. הורדוס האָט זי אויס־געבויט און איר דעם נאָמען געגעבן כדי צו באַערן דעם רוימישן קיסר. הורדוס האָט זי אָנגעפילט מיט גרויסאַרטיקע בנינים, טעאַטערן, פּאַלאַצן, היפּאָדראָם, וואַסער־לייטונג און אַ פּאָרט. דאָס געלט אויף צו בויען האָט הורדוס אויסגעפּרעסט ביים יידישן פאָלק, אָבער קסריה האָט ער באַזעצט מיט גריכן און סירער און איז געוואָרן אַ קוואַל פון צרות און שנאה צו יידן.

נאָך דעם חורבן, איז קסריה, אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרהונדערטער, געווען די הויפּטשטאָט פון ארץ־ישראל.

אין יאָר 1924 איז דער באָדן פון קסריה, אָפּגעקויפט געוואָרן פון דער פיקא און דאָ איז אַנטשטאַנען דער קבוץ שדות־ים. אירע חברים גיבן זיך אָפּ מיט אַגרי־קולטור און פיש־פאַנג.

אין שדות־ים האָט געלעבט די העלדישע און צאַרטע חנה סענעש. איצט איז דאָ פאַראַן אַ פישער־שול אויף איר נאָמען און אַ מוזיי.

דאר (טנטורה): אין דער ביבלישער צייט איז דאָ געווען אַ וויכטיקער פּאָרט, זי פאַרמאָגט אַ שיינעם גאָלף. איצט געפינט זיך דאָ אַ שיינער יידישער ישוב וווּ עס איז געווען דאָס אַראַבישע דאָרף טנטורה, באַראָן ראָטשילד האָט דאָ אויסגע־בויט אַ גלאָז־פאַבריק (1891), צוליב געוויסע אומשטענדן איז די אַרבעט ניט געלונגען און די פאַבריקן איז געבליבן געשלאָסן.

עתלית: געווען אַמאָל אַ וויכטיקע האַפן־שטאָט, און ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די בעסטע פּאָרטן פון לאַנד. מען באַוווּנדערט נאָך היינט די רעשטן פון אירע רויִנען און פעסטונג פון די צייטן פון די קרייצלערס. די יידישע קאָלאָ־ניע איז דאָ געגרינדעט געוואָרן (1903), אַ טייל פון אירע איינוווינער גיבן זיך



דער זבולון־טאָל און דער עכו־גאָלף

אַפּ מיט פאַבריציר׳ זאַלץ צום עסן, די ים־וואַסערן ווערן אַריינגעצויגן אין קינסט־לעכע אָזיערעס. דאָס וואַסער ווערט אויסגעדעמפּט און די זאַלץ בלייבט אויפן גרונט.

אין שכנות מיט עתלית זענען פאַראַן קבוצים וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פיש־פאַנג, ווי נוה־ים, מעגן מיכאל, א״א.

די ישובים אין עמק זבולון

חיפה

פון חיפה ביז עכו — 14 קילאָמעטער, ציט זיך דער גאָלף חיפה־עכו, די געמען פון די צוויי בעסטע פּאָרטן פון ארץ־ישראל. דער ברעג פון דעם גאָלף איז דער מערבדיקער ברעג פון עמק זבולון. אין מזרח־זייט געפינט זיך דער גליל־התחתון.

חיפה געפינט זיך צופוסנס פונעם כרמל־באַרג, אויף דעם שמאָלן פּאַס ערד וואָס צווישן דעם כרמל און דעם ים. די שטאָט איז ראַש געוואַקסן און האָט אַרויפגעקלעטערט ביזן שפּיץ באַרג. חיפה ווערט נישט דערמאָנט אין תנ״ך. אין דער צייט פון דער משנה האָבן דאָרט געוווינט אַ סך יידן. נאָר ביזן סוף פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז חיפה געווען אַן אומוויכטיק קליין שטעטעלע.

אין אָנהייב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט זענען געלייגט געוואָרן די באַן־ליניעס: חיפה — עבר־הירדן און, שפּעטער, חיפה — מצרים. די יידישע ישובים אין עמק־יזרעאל און אין שומרון האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן אַז חיפה זאָל וואַקסן.

חיפהער פּאָרט איז דער גרעסטער אין מדינת־ישראל, ער האָט דריי קילאָ־מעטער די לענג און איז גענוג טיף אַז די גרויסע שיפן זאָלן אַהין אַריינקומען. דער באַרג כרמל שיצט אים פון די שטורעם־ווינטן. אַזוי ווי די באַוועגונג פון שיפן האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן און ס׳איז געוואָרן נייטיק צו שאַפן מער באַקוועמ־לעכקייטן האָט מען געשאַפן אַ נייעם פּאָרט, — דער פּאָרט פון טייך קישון. מען האָט אויסגעגראָבן אַ גלייכן קאַנאַל פון דריי קילאָמעטער די לענג, און 80 מעטער די ברייט און געלאָזט אין אים אַריינשטראָמען די וואַסערן פונעם טייך קישון. די אַרומיקע נידעריקע פעלצער האָט מען אויסגעפילט מיט די אויסגעגראָבענע מאַטעריאַלן און אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער „נמל קישון״, וועלכער וועט פאַר־לייכטערן די אַרבעט פון אָנלאָדן און אויסלאָדן די משאות פון די צאָלרייכע שיפן פון דעם פּאָרט.

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין חיפה. יידן האָבן דאָ אויפגעשטעלט פאַבריקן פון מעטאַלענע מכשירים, פון צע־מענט און פון בוימל, פון גלאָז און פון כעמישע פּראָדוקטן, אויך די באַן־וואַר־שטאַטן געפינען זיך אין חיפה. דאָ ענדיקט זיך אויך די ליניע־רערן וואָס האָבן געבראַכט דעם נאַפט פון איראַק, און עס געפינען זיך די גרויסע פאַבריקן וואָס רייניקן און דעסטילירן דעם נאַפט.

אין חיפה איז געגרינדעט געוואָרן דער פּאָליטעכניקום, פון וואַנען עס גייען אַרויס די יִידישע אינזשעניערן, בוימייסטערס און וועגן־לייגערס. דער חיפה־פּאָרט וואַקסט און פּערפעקציאָנירט זיך וואָס אַמאָל מער. אַזוי ווי ד״ר הערצל האָט פאָרויסגעזאָגט אין זיין בוך „תל־אביב״. די שטאָט איז אויך דער צענטראַ־לער פּונקט ווו עס באַגעגענען זיך די וועגן פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע.

חיפה איז אַ מאָדערנע גרויסע און רוישיקע פּאָרט־שטאָט מיט אַריבער 200.000 איינוווינער. פון זיי זענען 7000 צווישן מוסולמענער, קריסטן און באַהאַ־איער.



דער אַלגעמיינער אויסזען פון חיפה

אין דער זעלבער צייט פאַרמאָגט חיפה איינע פון די שענסטע לאַנדשאַפטן אויף דער וועלט. די פּרעכטיקע דאַטשעס אויפן כרמל־באַרג מיט די גרינע וועלד־לעך וואָס ווערן אַלץ מער געפלאַנצט, גיבן צו דער שטאָט אַן אומבאַשרייבלעכן צויבער.

די באַהאַאיער

ארץ־ישראל האָט אַ מאַגישן כח פאַר רעליגיעס. צוויי פון די דריי באַרימטע רעליגיעס פון דער וועלט זענען דאָרט געבוירן געוואָרן. די דריטע, די מוסול־מענישע, האָט דאָרט אַזוי ווי די ערשטע צוויי, אירע הייליקע פּלעצער. ווערט אין 1844 געשאַפן אַ נייע רעליגיע: מירזה עלי, אַ מוסולמענער פון פּערסיע דער־קלערט זיך אַלס דער שליח דורך וועלכן דער רבונו־של־עולם וועט זיך פאַרבינדן

מיט דער וועלט. ער איז דער טויער, — באַב אויף אַראַביש, דורך וועלכן די פּאַר־בינדונג קומט פאָר.

עס האָבן זיך באַלד געפונען אָנהענגער צווישן די פּערסער און אַפילו צווישן ייִדן. די אָנהענגער האָבן זיך גערופן באַבימער.



דער הייליקער גאָרטן פון דער רעליגיעזער פּערסישער סעקטע „באַהאַי"

מירזה עלי ווערט געטויט אין 1850 דורך דער פּערסישער רעגירונג און זיינע אָנהענגער ווערן פאַרפאָלגט. מיט יאָרן שפּעטער ברענגט מען זיין קערפּער קיין ארץ־ישראל און מען באַערדיקט אים צופוסנס דעם כרמל־באַרג. אויף זיין קבר שטעלט מען אויף אַ בנין, אַרומגענומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גאָרטן, וועלכן מען באַצירט אַלעמאָל מער און מען האָט פאַרוואַנדלט אין דעם קדשי־קדשים פון די באַהאיער, ווו זיי קומען בעטן צו גאָט.

די צאָל באַהאַאיער ווערן געשאַצט אין דריי מיליאָן. די פּרינציפּן פון דער באַהאַאישער רעליגיע זענען: לעבן אָרנטלעך, ליב האָבן אַלע מענטשן, אָן אונ־

טערשייד פון גלויבן אָדער ראַסע, אויפריכטיק שטרעבן אַז דאָס גוטע, די באַ־שיידנקייט, די פרייד און שלום זאָלן הערשן אויף דער וועלט. זיי זענען שטילע, אנגענעמע מענטשן און מכניסי־אורחים. זיי האָבן נישט קיין שום רעליגיעזן פאַרטרעטער.

דער באָדן אויף וועלכן עס זענען געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניעס: דגניה, בית־זרע, אפיקים און עין־גב, האָבן די ייִדן געקויפט ביי די באַהאַאיער.

די טערקישע רעגירונג האָט שטאַרק פאַרפאָלגט די באַהאַאיער. אין 1948, בעת דער באַפרייונגס־מלחמה האָבן די ייִדישע סאָלדאַטן באַקומען די אָנווייזונג אויסהיטן די באַהאַאיער און זייערע הייליקע ערטער פון יעדער בייז.

דער איצטיקער פאַרשטייער פון דער באַהאַאישער סעקטע איז עבדול בהאס אייניקל, שאוך רבאני, ער וווינט אין חיפה. באַרג־אַראָפּ פון דעם כרמל געפינט זיך דער פערסישער גאָרטן פון אויסערגעוויינלעכער פראַכט און שיינקייט. זייער געבעט קומט אויס ווי געווענדט צו ליכט, קאָלירפולקייט און לויטערקייט.

* * *

אין דרום־מזרח זייט פון חיפה געפינט זיך דער קיבוץ יגור (1923) — דער גרעסטער קבוץ אין לאַנד און דערנעבן — די שטיינהאַקעריי מיט דער גראַנדיעזער פאַבריק „נשר" (1925), וועלכע פּראָדוצירט דעם צעמענט פאַר דער גרעס־טער צאָל בנינים פון ארץ־ישראל.

ניט ווייט פון יגור, אויף דער צפון־זייט פון דעם טייך קישון, געפינט זיך די רעליגיעזע קאָלאָניע כפר חסידים (1925).

ווייטער קיין צפון איז דער געגנט פון די גרויסע פאַבריקן. עס געפינען זיך: קרית חיים, קרית מוצקין און קרית ביאַליק. מער קיין מזרח־זייט, איז אויפגע־שטעלט געוואָרן כפר־אתא מיט איר גרויסער וועב־פאַבריק.

ווייטער אַביסל: כפר המכבי, רמת יוחנן און דער קבוץ אושא. אושא איז באַרימט פון די אַלטע צייטן, ווייל דאָ האָט זיך געפונען דער סנהדרין ווו מען האָט פאַרגעזעצט דעם לימוד התורה, ניט קוקנדיק אויף אדריאַנוסעס גזירות.

אַ ביסל ווייטער קיין מזרח געפינט זיך שפרעם, — דאָס אָרט ווו דער סנהדרין האָט זיך געפונען נאָך אושא.

צווישן אושא און שפרעם האָט יהודה בן בבא געגעבן סמיכה זיינע פינף תלמידים און איז דערנאָך אומגעקומען על־קידוש־השם.

די גרויסע ייִדישע ישובים אין עמק יזרעאל

שער העמקים (1935) — אין דרום־מזרח פון חיפה, אין דעם שמאָלן דורכ־גאַנג צווישן די בערג: כרמל און אונטערשטער גליל, ווו עס פליסט דער „פאַר־צייטיקער" טייך קישון, געפינט זיך די קאָלאָניע „שער העמקים". דעם נאָמען האָט די קאָלאָניע באַקומען צוליב איר סטראַטעגישער פּאָזיציע — ביים אָרט ווו דער עמק־יזרעאל באַהעפט זיך מיטן עמק זבולון. דערפאַר פאַררעכנט מען זי צום עמק



דער יזרעאל-טאל — דער עמק, און דער טאל בית-שאן

זבולון. דער קיבוץ שער העמקים טונקט זיך אין די גרינע פעלדער און וועלדער. אויף די אַרומיקע בערגלעך איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דער גרויסער וואַלד אלכסנדר אויף דעם נאָמען פון דעם עקס־מלך פון יוגאָסלאַוויע, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין יידנפריינטשאַפט. דאָ געפינט זיך דער קבוצים־סעמינאַר.

ניט ווייט איז פאַראַן דער מושב אלראי, וואָס יידן פון קורדיסטאַן האָבן געגרינדעט אויפן נאָמען פון דוד אלראי.

ביים שאָסיי וואָס גייט ביים דרומדיקן ברעג פון דעם עמק, דאָס הייסט: צופוסנס פון דעם כרמל און שומרון בערג, געפינט זיך דאָס דאָרף יקנעם (1935), זעקס קילאָמעטער פון יקנעם איז דאָ דער גרויסער קבוץ משמר העמק (1926). אייניקע קילאָמעטער ווייטער קיין דרום, טרעפט מען אָן דאָס בערגל פון דער אַלטער שטאָט מגדו. די אויסגראָבונגען וואָס אַרכעאָלאָגן פירן דורך אין דעם בערגל אַנטפּלעקן וויכטיקע געשעענישן פון פריער מיט 3.000 יאָר צוריק, און דערציילן וועגן די מלחמות וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען צווישן די חתים, די מלכים פון כנען און די מצרים. דאָ האָט יאשיהו, דער לעצטער גרויסער מלך פון יהודה, געוואָלט פאַרהאַלטן די חיילות פון פרעה נכו... ווייטער אַביסל פון מגדו געפינט זיך תענך וועלכער איז אונדז באַקאַנט פון דבורהס שירה. דאָ געפינען זיך די נייע ישובים תענך און יזרעאל, אויפן בערגל וווּ עס איז געווען די ווינטער־רעזידענץ פון מלכי־ישראל, אין אחאבס צייטן. אונטן איז געווען נבות וויינגאָרטן, וווּ אליהו־הנביא האָט פאָרויסגעזאָגט אחאבן זיין שלעכטן סוף.

ווייטער ציט זיך דער שאָסיי ביז עין־גנים (זשענין) וווּ ער האָט אָנגעטראָפן די באַן־ליניע קיין עפולה.

ביים וועג וואָס גייט צופוסנס די בערג פון גליל התחתון, אין דער ריכטונג פון נצרת, דאָס הייסט, ביים צפונדיקן ברעג פון דעם עמק, געפינען זיך די ישובים: קרית עמל, טבעון מיט אירע פרעכטיקע דאַטשעס, אלונים און שדה־יעקב. ווייטער אַביסל האָט מען אויסגעגראָבן די רעשטן פון דער גרויסער שיל און פון דעם בית־הקברות פון דער היסטאָרישער שטאָט בית־שערים. דאָ האָט געוווינט און איז באַערדיקט געוואָרן רבי יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה. דער אויסגעגראָבענער בית־הקברות פון בית־שערים איז פון די גרעסטע פון דעם טיפּ אין ארץ־ישראל. אין אויסגעהאַקטע היילן זענען דאָ הונדערטער קברים פון אונדזערע אורעלטערן. פיל קברים פון דעם דאָזיקן בית־עולם געהערן צו יידן פון די ווייטסטע לענדער וועלכע זענען דאָ געקומען צו קבורה, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז זייערע ביינער זאָלן רוען אין הייליקן לאַנד.

די ישובים אין עמק זעלבסט ווערן איינגעטיילט אין דריי בלאָקן אָדער גרופּעס:

א) די עפולה־גרופּע אָדער די ישובים פון צענטער פון דעם עמק; ב) די נהלל־גרופּע, אָדער די מערב־ישובים פון דעם עמק; ג) די עין חרוד־גרופּע, אָדער די מזרח־ישובים פון דעם עמק. די עפולה־גרופּע שליסט איין די ישובים: עפולה, מרחביה, תל־עדים, גיניגר, בלפוריה, כפר גדעון און מזרע.

די עפולה־גרופּע

עפולה: (1925) געפינט זיך אין צענטער פון עמק, 65 מעטער איבערן ים־פלאַך און פאַרמאָגט 12.000 איינוווינער. עס קרייצן דורך די שטאָט זייער וויכטיקע וועגן און עס גייען פון דאָרט אויטאָבוסן אין אַלע ריכטונגען פון לאַנד. די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון אירע איינוווינער זענען: אַגריקולטור, קאָמערץ און קאָמוניקאַציע. לעצטנס איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע צוקער־פאַבריק פון בוראַקעס וועלכע וואַקסן זייער גוט אויף די פעלדער פון דעם עמק.



ייִאשנדיק בוראַקעס פאַר די צוקער־פאַבריקן

מרחביה: (1911) דאָס איז געווען דער ערשטער ייִדישער פּונקט אין עמק. און די איינוווינער האָבן זייער פיל געליטן פון מאַלאַריע, פון דער ווילדער וויסטעניש און פון דער אַרומיקער אַראַבישער באַפעלקערונג, ווי אויך פון דער טערקישער מאַכט. נאָר אַ דאַנק דער העלדישקייט פון דעם „השומר" האָט מרחביה אויסגעהאַלטן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליִענדיקער קאָלאָניע. די קאָלאָניע האָט צוויי טיילן: מרחביה דער קיבוץ און מרחביה דער מושב.

תל עדשים: (1924) ניט ווייט פון די נצרת־בערג איז דער צווייטער פּונקט וואָס דער „השומר" האָט געגרינדעט.

גניגר: (1923) צופוסנס פון די נצרת־בערג. דאָ געפינט זיך דער באַרימטער וואַלד וואָס מען האָט געפלאַנצט אויף באַלפורס נאָמען. דער וואַלד פאַרנעמט 2.000 דונאַם.

בלפוריה: (1923) ניט ווייט פון דעם באַרג „גבעת המורה” און 2 קילאָמעטער פון עפולה. די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן דורך נאָרדאַמעריקאַנער חלוצים.

כפר גדעון — געפינט זיך 3 קילאָמעטער אין צפון פון עפולה, לעבן דעם שאָסיי עפולה־נצרת, דאָס איז אַ רעליגיעזע קאָלאָניע פון טיפּ מושב עובדים.

פון די ערשטע גרינדער פון דעם „השומר”

די נהלל־גרופּע

נהלל: (1921) איז דער ערשטער פּונקט וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם מערבדיקן טייל פון דעם עמק. די ערשטע יאָרן פון נהלל איז איין לאַנגע קייט פון ליידן און העלדישקייט. אין דער וויסטעניש ווו די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן, האָט געהערשט דער פיבער, וואָס האָט אומברחמנותדיק אַוועקגערויבט טייערע, יונגע לעבנס.

היינט איז נהלל איין בליענדיקער גאָרטן. די קאָלאָניע, פון די שענסטע מושבים אין ארץ־ישראל, איז באַרימט מיט דער ספּעציעלער בוי־פאָרעם פון

פערפעקטן קרייז. אין דעם קרייז געפינען זיך די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי די שולעס, ב.ת־עם, אאַז"וו. אין גרעסטן קרייז שטייען די קאָלאָניסטישע הייזער און אַרום זיי זייערע פעלדער. אין נהלל איז געבוירן געוואָרן די אידעע פון דער אינדיווידועלער קאָלאָניזאַטאָרישער פאָרעם, וועלכע טראָגט, אין דער זעלבער צייט, די אחריות פאַר דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער קאָלאָניע.

אַרום נהלל געפינען זיך די ישובים: כפר יהושע, גבעת זייד (לעבן דער אַל־טער שטאָט בית־שערים), רמת דוד, גבת, עינות, כפר־ברוך — לעבן וועלכן מען שאַפט די אָזיערע „אגם הקישון" א"אַ. צוליב דעם דורכגעמאַכט דעם דערנער־וועג פון קאַמף מיט דער וויסטעניש, מאַלאַריע און אַרומיקע באַנדיטן, ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם איצטיקן פּראָכטיקן צושטאַנד.

נהלל — דער ערשטער מושב־עובדים

די עין חרוד - גרופּע

עין חרוד (1921) איז געווען די ערשטע קאָלאָניע פון טיפּ „קבוץ" וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין לאַנד און דער ערשטער ישוב אין דעם מזרח־טייל פון דעם עמק יזרעאל.

עין חרוד געפינט זיך לעבן דעם קוואַל וואָס רינט אַרויס פון אַ הייל פון אונטער די גלבוע־בערג. דער היסטאָרישער קוואַל ווו דער שופט גדעון האָט אויסגעפּרוווט זיינע סאָלדאַטן, — צווישן די גלבוע־בערג און גבעת המורה. דאָס

אָרט האָט געלייגט אַ ספּעציעלן שטעמפּל אויף דער אויפגאַבע וואָס זיינע גרינדער האָבן זיך געשטעלט.

נאָך ניין יאָר עקזיסטענץ צופוסנס דעם גלבוע, האָט עין־חרוד זיך איבער־געבויט אויפן בערגל קומי, ווו די לופט איז ווייניקער און געזינטער.

עין חרוד איז דער צענטער פון דעם „קבוץ המאוחד". דאָ געפינט זיך די גרויסע דרוקעריי וואָס גיט אַרויס די ביכער פון דער זעלבער געזעלשאַפט. אויך געפינען זיך אין עין־חרוד די קונסט־זאַמלונג „משכן האמנות" און דער מוזיי אויפן נאָמען פון חיים שטורמאַן.



דער קבוץ „עין חרוד"

כפר יחזקאל (1922), גבע (1935), בית השטה (1935), בית אלפא (1922) און חפצי־בה (1922), זענען די אַנדערע וויכטיקע ישובים פון דער גרופּע. נאָר כפר יחזקאל געהערט צום טיפּ מושב עובדים, די איבעריקע זענען קבוצים, די הויפּט־באַשעפטיקונג פון זייערע איינוווינער איז: אַגריקולטור, פיצוכט, עופות און גרינס־גערטנער. בית השטה, ווי דער גרעסטער טייל פון די קבוצים, האָט אויך איינגע־פירט פאַרשידענע אינדוסטריעס: ווי וועבעריי, פאַרריכטן מאַשינען, פּרעסן אייל־בירטן אאַז"וו.

דער קבוץ חפצי־בה איז באַרימט געוואָרן דורך די אַרכעאָלאָגישע אַנטדע־קונגען וואָס מען האָט דאָרט געמאַכט בעת מען האָט געגראָבן אַ קאַנאַל צו באַ־

וואַסערן די פעלדער. מען האָט אַנטדעקט רעשטן פון אַ שיל פון אַזעלכע 1500 יאָר צוריק. דער פּרעכטיקער מאָזאַיִק־דיל פון דער שיל שטעלט מיט זיך פאָר בילדער פון: עקדת־יצחק, די צוועלף מזלות, אַן ארון קודש, מנורות און פאַרשידענע אינ־טערעסאַנטע אויפשריפטן.

די ישובים אין בית־שאַן טאָל

דער בית שאַן טאָל, וועלכער ליגט אין מזרח־זייט, צווישן דעם עמק יזרעאל און דעם ירדן, איז באַרימט מיט דער פרוכטבאַרקייט פון זיין באָדן. דער תלמוד זאָגט: אויב דער גן־עדן געפינט זיך אין ארץ־ישראל — איז בית־שאן זיין אַריינ־גאַנג.

צוליב זיין סטראַטעגישער פּאָזיציע — דער מזרחדיקער טויער פון ארץ־ישראל — פאַרנעמט דער בית־שאן־טאָל אַ זייער וויכטיקן אָרט אין דער געשיכטע פון דעם לאַנד. כאָטש דער טאָל געפינט זיך מער פון 200 מעטער אונטער דער אויבערפלאַך פון ים און פאַרמאָגט אַ הייסן טראָפּישן קלימאַט אין דעם גרעסטן טייל פון יאָר, איז ער דאָך תמיד געווען געדיכט באַפעלקערט.

די דריי טייכלעך וואָס דער טאָל פאַרמאָגט: עין חרוד — אין צענטער, נחל בירה אין זיין צפונדיקער גרענעץ און נחל בזק — אין זיין דרומדיקער, צוזאַמען מיט דער גרויסער צאָל קוואַלן וואָס פליסן אַרויס פון זיין באָדן, האָבן געגעבן איבערגענוג וואַסער פאַר די אַגריקולטור באַדערפעניש, נישט קוקנדיק וואָס עס רעגנט אַזוי זעלטן אין יענער געגנט.

אָבער די זעלבע קוואַלן און טייכלעך וואָס זענען אַזוי נוצלעך ווען די ערד ווערט פּלאַנמעסיק קולטיווירט, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קללה פון דער געגנט, ווען די אַראַבער און טערקן האָבן דאָרט געהערשט.

די מוסולמענישע אַריינדרינגער האָבן צעשטערט די באַוואַסערונג־קאַנאַלן, די וואַסערן האָבן פאַרפלייצט דעם עמק בית־שאן און די מאַלאַריע האָט פאַר־שפּרייט טויט און פאַרוויסטונג דאָרט ווו עס זענען געווען בליִענדיקע ישובים.

אין יאָר 1934 האָט דער קרן קימת דערוואָרבן גרויסע שטחים אין דעם טאָל. נאָר אַזוי ווי אויסער דער מאַלאַריע האָט מען געמוזט קעמפן מיט די בלוטיקע באַנדעס באַנדיטן וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט בית־שאן אין דעם געפערלעכסטן אָרט פון ארץ־ישראל, האָבן זיך די נייע יידישע ישובים געבויט אין אַ ספּעצי־פישער פאָרעם. דער טיפּ פון ישובים איז באַקאַנט אַלס: „די ישובים פון מויער און טורעם" (חומה ומגדל).

דאָס אויפשטעלן פון אַזאַ ישוב פלעגט פאָרקומען אַזוי: אין איינעם פון די פונקטן, וואָס איז געווען נאָענט צום אָרט וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַז דאָרט זאָל אויסוואַקסן אַ נייער ישוב, האָט מען אָנגעגרייט דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס מען דאַרף פאַר דעם נייעם ישוב. אין דעם לעצטן אָוונט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם פונקט די נייע קאָלאָניסטן און אַלע מענער און פרויען וואָס זענען געווען

גרייט זיי אַרויסהעלפן. אַרום האַלבער נאַכט איז אַרויסגעגאַנגען אַ לאַנגער „קאָנ־וואָי" פון אויטאָס און טראַקטאָרן באַלאָדענע מיט די אָנגעזאמלטע מאַטעריאַלן. צווישן די מאַטעריאַלן האָט זיך געפונען פון צוגרייטן טיילן פון דעם מויער און די ווינונגען, ביז: רידלען, העק און האַמערס. שפייז און וואַסער האָט מען אויך מיטגעפירט. ווי נאָר מען איז אָנגעקומען צום באַשטימטן אָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שנעלע אָנגעשטרענגטע אַרבעט, מען האָט אָפּגערייניקט דאָס פּלאַץ



דער פּראָדוקט פון די טאַבאַק־פעלדער

פון די דערנער און ווילדע גראָזן, מען האָט אַריינגעשלאָגן אין דער ערד אַריין די פלעקער פון די נייע ווינונגען, מען האָט אויפגעשטעלט די דאָפּלטע ווענט פון דעם מויער און צווישן זיי אָנגעשיט שטיינדלעך און ערד, מען האָט געצויגן די דאָפּלטע פּלויטן פון שטעכיקע דראָטן, מען האָט אויסגעגראָבן און באַפעס־טיקט אַזעלכע טראַנשייען וואָס זאָלן דינען אַלס פּאַרטיידיקונגס־פּונקטן, אין צענ־טער ווערט דערוויל אויפגעשטעלט דער לייכט־טורעם... די גאַנצע אַרבעט ווערט געטון מיט אַן אויסערגעוויינלעכן טעמפּאָ. דער שווייס גיסט פון די אַרבעטער. די

פרויען גייען אום און דערלאַנגען זיי אַ טרונק און עסן... די היטערס וואַכן, און זענען גרייט אָפּצושלאָגן יעדן אָנפאַל...

פאַרנאַכט צו איז די אַרבעט געענדיקט. דער נייער ישוב מיט זיינע וווינונגען, מאַגאַזינען און פאַרטיידיקונגס־סיסטעם, שטייט שוין גרייט אָנצוהייבן זיין זעלב־שטענדיק לעבן. דער לייכט־טורעם דערציילט די אַרומיקע איינוווינער אַז אַ נייעם לעבעדיקן פּונקט האָבן אויפגעשטעלט דאָ די יידן. די אַרויסהעלפערס צע־פאָרן זיך און ווינטשן גליק דער נייער קאָלאָניע...

אַזוי זענען געבויט געוואָרן יידישע ישובים און געגנטן ווו עס האָבן גע־הערשט לאַנגע יאָרן באַנדעס פון גזלנים און רויבער.



בית־שאן

בית־שאן: אין צענטער פון דעם טאָל געפינט זיך די אוראַלטע שטאָט בית־שאן, וועלכע איז שוין געווען באַרימט אין יהושעס צייטן, צוליב איר פּאָזיציע אויפן אָרט ווו עס קרייצן זיך די וויכטיקסטע וועגן. בית־שאן ווערט אויך דער־מאָנט אין שאולס און שלמהס צייטן. אין דער צייט פון בית־שני האָט בית־שאן געהייסן סקיטאפּאָליס און איז געווען באַוווינט פון יידנפיינטלעכע גריכן און סיריער.

אין יאָר 1323 באַזעצט זיך אין בית־שאן דער באַרימטער פראַנצויזישער רב אשתורי הפרחי, וועלכער רעכנט זיך פאַרן ערשטן ישראל־געאָגראַף, באַרימט מיט זיין ווערק „כפתור ופרח". אויסער די וויכטיקע יידישע ישובים: ירושלים, חברון און צפת, וואָס האָבן געבליט אין זיין צייט, זענען אין דרום פון ארץ־ישראל דעמאָלט געווען יידישע פּאַסטוכער, און זייער רב פלעגט מיט זיי לערנען תורה אויף די פּאַשע־פעלדער.

דורך די אויסגראָבונגען (20 שיכטן) וואָס מען האָט לעצטנס געמאַכט אין בית־שאן האָט מען אַנטדעקט זייער וויכטיקע רעשטן פון בנינים, סקולפּטורן, געפּלאַסטערטע דילן און פאַרשידענע חפצים, וועלכע דערציילן וועגן דער וויכטיקער ראָל וואָס די שטאָט האָט געשפּילט אין פאַרשידענע תקופות.

איצט איז בית־שאן אַ לעבעדיקע שטאָט פון נייע עולים, וואָס אַרבעטן ביי אַגריקולטור, מסחר, בוימוואָל און די אונטערנעמונגען: „מקורות" און „סולל ובונה".



דער קיבוץ ניר דוד

די נייע ישובים אין בית־שאן־טאָל:

ניר־דוד (1936) — דער ערשטער יידישער פּונקט (110 מעטער אונטערן ים־פלאַך) אין בית־שאן־טאָל, צופוסנס דעם גלבוע, לעבן דעם טייכל אל־עסי; איצט: טייכל ניר־דוד; צוליב דער רייכקייט אין וואַסער איז די הויפּט־באַשעפטיקונג פון אירע קאָלאָניסטן די פישצוכט.

שדה־נחום (1937) — אַנטקעגן ניר־דוד, צופוסנס די בערג פון גליל־התחתון. אויך אירע קאָלאָניסטן גיבן זיך אָפּ מיט פישצוכט, כאָטש צום אָנהייב האָבן זיי געליטן צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין וואַסער. איצט באַקומט זי וואַסער דורך די גרויסע וואַסער־רערן.

בית־יוסף (1937) — אין צפון פון בית־שאן, צווישן די בערג פון גליל־

התחתון און דעם ירדן, זי ליגט 225 מעטער אונטערן וואַסער־פלאַך. די הויפּט־באַשעפטיקונג — דאָס קולטיווירן גרינצווייג, פיצוכט און עופות־צוכט.

כפר רופין (1938): דער מזרחדיקסטער פונקט אין עמק בית־שאן, און דער נידעריקסטער, 250 מעטער אונטער דעם וואַסער־פלאַך. אויך דאָ פאַרנעמט די פישצוכט אַ וויכטיק פּלאַץ. צווישן די אַנדערע פּראָדוקטן אירע צייכנט זיך אויס כפר־רופין מיט אירע טייטלען וואָס זי עקספּאָרטירט.

טירת־צבי (1937): דער דרומדיקסטער פונקט אין בית־שאן־טאָל. דאָס גרינדן אַ יידישע קאָלאָניע אין יענער געגנט איז געווען זייער אַ געוואַגטע זאַך. די אַראַבישע באַוואָפנטע באַנדיטן האָבן פאַרפעסטעט דעם געגנט און דער קאַמף מיט זיי איז געווען זייער אַ שווערער.

אין 1938 און 1948 איז אַפילו געלונגען די אַראַבישע אָנפאַלער איבערצושניידן די שטעכיקע דראָטן וואָס האָבן פאַרטיידיקט די קאָלאָניסטישע הייזער; אָבערביידע מאָל האָבן די אַריינדרינגלער געליטן אַ שרעקלעכע מפּלה און מיט בושה האָבן זיי געדאַרפט אַנטלויפן איבערלאָזנדיק זייערע טויטע און זייער געווער. איצט מאַכט טירת־צבי אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק פון אַ פּרעכטיקן אַאַזיס אין דער אַרומיקער וויסטעניש. אירע פאַרזייטע פעלדער, אירע בליענדיקע גערטנער, אירע אַזיערעס ווו עס פּרוכפּערן זיך אַלערליי פיש, איר בהמות און אירע עופות — אַלץ דערציילט דאָרט ווי אַזוי מיזאַמע חלוצישע אַרבעט קאָן פאַרוואַנדלען אַ מדבר אין אַ גן־עדן.

טירת־צבי איז אַ רעליגיעזע קאָלאָניע וואָס איז מקיים אַלע מצוות פון דער תורה בנוגע אַגריקולטור. אַרום איר האָבן זיך קאָנצענטרירט די רעליגיעזע ישובים: שדה אליהו, עין־הנציב, שלוחות, רחוב און רויה.

דער יריחו־טאָל

פון דעם באַרג חרמון ביזן עקבה־גאָלף, ציט זיך אַ טיפער איינבראָך, באַקאַנט מיטן נאָמען „דער ירדן־טאָל״. דער איינבראָך טיילט אָפּ די מערב־בערג פון דעם מזרחדיקן הויך־פליין. אין דער טיפעניש פון דעם דאָזיקן איינבראָך פליסט דער ירדן.

דער „ירדן־טאָל״ באַקומט פאַרשידענע נעמען. פון דרום־זייט פון ים־המלח רופט מען אים „עמק הערבה״; פון צפון־זייט פון דעם טויטן ים באַקומט דער מזרח־טייל פון דעם טאָל, דאָס הייסט די טייל פון עבר הירדן, דעם נאָמען „ערבות מואב״.

די מערבדיקע טייל פון דעם ירדן־טאָל, דאָס הייסט, די טייל פון ארץ־ישראל רופט מען „דער יריחו־טאָל״.

ביז „ערבות מואב״ האָט משה באַגלייט דאָס יידישע פאָלק. דאָ איז ער אַרויף אויף דעם באַרג נבו און באַקוקט דאָס לאַנד וווּהין זיין פאָלק וועט אַריינגיין.

דער יריחו־טאָל איז דאָס ברייטסטע און טיפסטע אָרט פון דעם ירדן־טאָל. דער באָדן פון דעם יריחו־טאָל־ געפינט זיך כמעט 400 מעטער אונטער דעם

וואַסער־פּלאַך. די לופט איז דאָ זייער אַ טרוקענע און די היץ איז זייער שטאַרק. זומער דערגרייכט די טעמפּעראַטור ביז 50 גראַד אין שאָטן. עס רעגנט זייער זעלטן.

דאָך טרעפט מען דאָ אָן אומגעריכט, פּרעכטיקע אָאַזיסן לעבן אַ טייכל אָדער אַ קוואַל; ווי דער באַרימטער קוואַל וואָס אלישע הנביא האָט געזונט געמאַכט, וואָס שלאָגט אַרויס פון דער טיפעניש, און לעבט אויף — ווי דורך אַ וווּנדער — די טויטע אַרומיקע נאַטור. דער שענסטער פון די דאָזיקע אָאַזיסן איז די שטאָט יריחו.



מצדה — רעשטן פון דער פעסטונג מאַסאַדע, סמבאָל פון יידישער גבורה און מוט

דאָס איז געווען די ערשטע שטאָט וואָס יהושע האָט איינגענומען אין דעם אַלטן כנען. זי האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל, צוויי קילאָמעטער פון דער איצטיקער יריחו וואָס איז אויף דעם הויפּט־וועג וואָס פירט צום עבר־הירדן. דער שאָסיי ירושלים־יריחו שניידט דורך דעם ירדן דורך דער אַלענבי־בריק, צווישן יריחו און דעם ירדן געפינט זיך דאָס אָרט גלגל, ווו די בני ישראל האָבן געהאַט זייער ערשטע סטאַנציע נאָכן אַריבערגיין דעם ירדן.

אין יריחו האָבן די ירושלימער אַראַבישע גבירים אויסגעבויט גרויסאַרטיקע דאַטשעס ווו זיי פאַרברענגען דעם ווינטער.

אין יאָר 1940 זענען אַרויס אונדזערע חלוצים אויפצולעבן די שרעקלעכע וויסטעניש וואָס אין צפון פון טויטן ים. זיי האָבן געגרינדעט דעם קיבוץ „בית הערבה", נאָך לאַנגע יאָרן פון שווערער אַרבעט אין דער הייסער שטיקנדיקער לופט, איז זיי געלונגען „אויסצווואַשן" דעם באָדן פון הונדערט דונאַם פון די זאַלצן וואָס האָבן אים פאַרגיפטעט. „בית הערבה" איז דורך זייער העלדישער

מי געוואָרן אַ בליענדיקער גן־עדן אין דעם וויסטן מדבר. בעת דער באַפרייונגס־מלחמה האָבן די אַראַבער דאָס אַלץ צעשטערט און פאַרוויסט.

מצדה (מאַסאַדע)

אַ טראַגישער קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע פאַרנעמט די פעסטונג מצדה, וואָס געפינט זיך אויף אַ שפּיץ באַרג אין מדבר יהודה, אַ דריי קילאָמעטער פון דעם מערבדיקן ברעג פון ים המלח. אין מצדה האָבן זיך באַפעסטיקט און געקעמפט די לעצטע ייִדישע העלדן נאָכן חורבן בית־שני; און נאָך דריי יאָר קאַמף, האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן דעם טויט דורך אייגענע הענט, איידער אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט צו די רוימער.

די יוגנט פון מדינת־ישראל מאַכט אָפטע עקסקורסיעס קיין מצדה, ווו מען זעט נאָך איצט די רעשטן פון דער פעסטונג אויף דעם שפּיץ באַרג, און די רעשטן פון דעם רוימישן לאַגער, צופוסנס דעם זעלבן באַרג. מצדה דינט אַלס סימבאָל פון ייִדישער העלדישקייט און מסירת־נפש פאַר דער פרייהייט.

די ישובים אין דרום־כנרת אָדער ירדן־טאָל

מנחמיה (1902): דאָס איז דער ערשטער, נייער ייִדישער ישוב אין דער געגנט, און איר געשיכטע איז די זעלבע וואָס פון אַלע אַזעלכע פּונקטן: בעדויִנישע רויבערייען, קאַמף מיט דער וויסטעניש, אאַז״וו. לעבן מנחמיה געפינען זיך די גיפּס־מינעס וואָס די באַרימטע פאַבריק „נשר" ניצט צו פאַבריצירן צעמענט.

כנרת (1908): ביים ברעג פון כנרת, די ערשטע יאָרן פון כנרת זענען געווען זייער שווערע, איצט איז דאָס אַ רייכער קאָלירפולער ישוב וואָס באַשטייט פון צוויי־עלריי פּונקטן: דער קבוץ כנרת און די קאָלאָניע כנרת.

אין דעם קבוץ כנרת געפינט זיך דער גן־רחל, אויפן בערגל ווו ס׳איז געשטאַנען די אוראַלטע שטאָט „בית ירח", געפלאַנצט צום אָנדענק פון דער גרויסער און צאַרטער דיכטערין רחל בלאָושטיין, וועלכע איז געווען אַ חברטע פון קבוץ. דער גאָרטן פאַרמאָגט טויזנטער טייטלביימער, פון וואַנען מען באַקומט איצט ביימלעך צו פאַרפלאַנצן אין אַנדערע פּונקטן פון לאַנד. לעבן גן־רחל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די שיינע אַגריקולטור־שול „אהלו", אויפן נאָמען פון ב. כצנלסון.

דגניה (1909): א׳ און ב׳ זענען צוזאַמען מיט כנרת, די מוטערס פון די קיבוצים אין ארץ־ישראל. זייער לאַנדווירטשאַפט איז אַ פילפאַכיקע; תבואות און גרינצייג; פישצוכט, בינענצוכט, טייטלביימער, וויינגערטנער, ציטרוסן, באַנאַנעס און איילבירטן. אין דער באַפרייונגס־מלחמה פון 1948, האָבן די דגניהס אָפּגעהאַלטן און דערנאָך פאַרטריבן דאָס סירישע מיליטער ביז די גולן־בערג.

אַפיקים (1932) און אשדות־יעקב (1933) זענען צוויי גאָר גרויסע קבוצים,

וואָס, אויסער זייער פאַרשידנאַרטיקער אַגריקולטור־ווירטשאַפט, האָבן זיי אויך אַנטוויקלט פאַרשידענע אינדוסטריעס.

די אַנדערע פּונקטן ווי: בית־זרע, גשר, שער־הגולן, מסדה, מעגן און בית־קציר פאַרמאָגן אַן ענלעכע ווירטשאַפט ווי די פאָריקע קבוצים. זיי אַלע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מוט און העלדישקייט אין דעם קאַמף מיט די סירישע אָנפאַלער אין 1948.



דגניה א׳ — ביים ירדן

אויפן מזרחדיקן ברעג פון כנרת איז פאַראַן אַ שמאָלער פּאַס לאַנד וואָס געהערט צו מדינת־ישראל. די גרענעץ צווישן מדינת־ישראל און סיריע געפינט זיך אין שכנות פון דעם באַרג סוסיתא, צופוסנס סוסיתא האָט אין דער צייט פון דער משנה עקזיסטירט אַ באַרימטע יידישע שטאָט מיטן זעלבן נאָמען. רעשטן פון דער שטאָט גראָבט מען איצטער אויס. אַנטקעגן סוסיתא, אויפן ברעג פון כנרת, איז אין יאָר 1937 געגרינדעט געוואָרן דער קבוץ עין־גב, פון דעם טיפּ „חומה ומגדל״.

איינזאַם, אַרומגערינגלט פון בלוטדורשטיקע שונאים, איז די איינציקע קאָמוניקאַציע־ליניע וואָס עין־גב האָט פאַרמאָגט, געווען דער ים כנרת...

בעת דער באַפרייונגס־מלחמה איז עין־גב צעשטערט געוואָרן פון די סירישע האַרמאַטן וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן באַרג סוסיתא.

די חלוצים פון עין־גב האָבן זיך אָבער איינגעגראָבן טיף אין זייער באָדן, און



דער גליל
מטלה
קנטרה
דפנה
דן
חולה
צפת
טבריה
ים כנרת
מגדל
כנרת
צמח
נצרת
עפולה
תרשיחא
ראש פנה
אילת השחר
משמר הירדן
ים חולה
שפרעם
ציפוריה
30′
10′
33°
50′
32°40′
35°20′
40′

דער גליל

ניט נאָר האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם שונאס אָנפֿאַל, נאָר זיי האָבן נאָך צוריק־געשטויסן דעם שונא און ביי אים אָפּגענומען דעם באַרג סוסיתא.

לעבן עין־גב האָט זיך דערנאָך געגרינדעט דער ישוב „האון", אַלס סימבאָל פון יידישער קראַפט, און אַ גוטער שאָסיי, לענגאויס דעם ברעג פֿון כנרת, פֿאַר־איייניקט זיי איצט מיט שער־הגולן און די אַנדערע ישובים.

די שטעט פון גליל־התחתון (אונטערשטער גליל)

טבריה געפינט זיך אויפן מערבדיקן ברעג פון דעם כנרת, פונקט אַנטקעגן דעם אָרט ווו אויפן מזרחדיקן ברעג שטייט דער קבוץ עין־גב, ווו אַמאָל איז גע־ווען די שטאָט סוסיתא. טבריה איז געגרינדעט געוואָרן דורך הורדוסן וועלכער



דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס

האָט איר געגעבן דעם דאָזיקן נאָמען לכבוד דעם רוימישן קיסר טיבעריוס. אונדזערע חכמים זאָגן אַז טבריה געפינט זיך דאָרטן ווו ס'איז געשטאַנען די שטאָט רקת, פון יהושעס צייטן.

אין טבריה האָט געלעבט רבי יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה. אין טבריה איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער תלמוד ירושלמי. שפּעטער איז דאָ פעסטגעשטעלט געוואָרן דער העברעישער ניקוד און ס'איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער גראַמאַטיק פון דער העברעישער שפּראַך.



די וואַרעם־בעדער פון טבריה

אין 1560 האָט דער טערקישער סולטאַן סולימאַן איבערגעגעבן טבריה און איר אומגעגנט צו דון יוסף הנשיא אַז ער זאָל דאָ גרינדן אַ ייִדישן אויטאָנאָמען צענטער. טבריה איז איינע פון די פיר הייליקע שטעט אין איר געפינען זיך די קברים פון: ר' עקיבא, ר' חיא, ר' מאיר בעל נס, ר' יוחנן בן זכאי און פון דעם רמב"ם.

איצט פאַרמאָגט טבריה 20.000 איינוווינער און איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן — די אַלטע שטאָט, אויפן ברעג פונעם כנרת, און די נייע שטאָט — באַרג־אַרויף.

די חמי־טבריה, אירע וואַרעמע מינעראַל־בעדער וואָס געפינען זיך אין דרום־זייט פון דער שטאָט, זענען באַרימט פון די גאָר אַלטע צייטן, מיט זייער הייל־

קראַפּט פון: רעוומאַטיזם, נערוון, הויט־קראַנקייטן אאַז״וו. ווינטער אין פרילינג זענען אַלע האָטעלן פון טבריה איבערפולט מיט קראַנקע וואָס קומען אַהין זוכן זייער רפואה.

נצרת: 25.000 איינוווינער, געפינט זיך אין מיטן דעם גליל־התחתון אין אַ טאָל וואָס ליגט 400 מעטער די הויך איבערן וואַסער־פלאַך, דאָס איז יעזוסעס שטאָט. דאָ איז ער געוואקסן און דערצויגן געוואָרן. דערפאַר רופן זיך אַלע וואָס גלויבן אין אים נאַצאַרענער. די מערהייט פון אירע איינוווינער זענען קריסטן פון פאַרשידענע סעקטעס וואָס פאַרמאָגן דאָ פיל געבעט־הייזער און פאַרשידענע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס. די איינוווינער פון נצרת זענען זיך ניט צעלאָפן בשעת דער באַפרייונגס־מלחמה, ווי אַנדערע אַראַבער. זיי לעבן זיך רויק און גיבן זיך אָפּ מיט מסחר און ביימל־פּראָדוקציע. זיי האָבן אַ דירעקטן פאַרשטייער אין דער כנסת פון ירושלים. ווי שוין געזאָגט ווערט נצרת אַ געמישטע שטאָט, ווייל פיל יידן באַזעצן זיך דאָ.

נצרת — די פאַרהייליקטע שטאָט ביי די קריסטן

די אַגריקולטור־ישובים אין גליל התחתון

אילניה: (1899) אָדער סעזשערא איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער איקא. אירווירטשאַפט איז אינגאַנצן באַזירט אויף זייען תבואות, און דערפאַר האָט יעדער קאָלאָניסט באַקומען 300 דונאַם. אין אילניה איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַרבאַנד „השומר״ וועלכער איז געווען דער ערשטער יידישער אָרגאַניזירטער

באַרטיידיקונגס־כח אין לאַנד, און איז דערנאָך געוואָרן דער פּאַטער פון דער „הגנה" און פונעם ייִדישן מיליטער.

כפר תבור: (1902) — לעבן דער קאָלאָניע געפינט זיך די הויכשול פאַר אַגריקולטור וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיטן געלט פון אליהו כדורי.

יבנאל, בית־גן, מצפה און נאָך קאָלאָניעס וואָס באַראָן ראָטשילד האָט גע־גרינדעט אין גליל־התחתון, כדי צו באַפעסטיקן די קאָלאָניזאַציע אין דעם געגנט.

משמר השלשה (1937): געגרינדעט צום אָנדענק פון די דריי חלוצים וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן גייענדיק אַהיים פון בית־גן קיין יבנאל.

כפר חטים (1914): די ערשטע קאָלאָניע אויפן באָדן פון קרן קימת אין גליל־התחתון. זי איז עטלעכע מאָל קאָלאָניזירט געוואָרן און עטלעכע מאָל פאַרלאָזט געוואָרן, ביז בולגאַרישע חלוצים האָבן זיך דאָ באַזעצט אין 1936 און צו זייער גליק זענען דאָ באַלד אַנטפּלעקט געוואָרן אַ סך וואַסער־קוואַלן.

די אַנשטרענגונג צו קאָלאָניזירן דעם גליל־התחתון איז אַלץ געוואַקסן און אַזוי זענען געגרינדעט געוואָרן די ישובים: קבוץ גנסר, קאָלאָניע שרונה, דער רעליגיעזער מושב־עובדים — סירגוניה (הזורעים) און שדמות־דבורה.

שפּעטער זענען אַנטשטאַנען די קבוצים: בית־קשת, לעבן אילניה, דער קבוץ חוקוק לעבן גיניסר, דברת — לעבן באַרג תבור, גזית אין רמת־כוכבא, דער מושב־עובדים, צפורי, דאָרט ווו עס איז געשטאַנען די אוראַלטע שטאָט צפורי. דער רעליגיעזער קבוץ לביא, אויפן אָרט פון דעם אַראַבישן דאָרף „לוביע", ווע־מענס איינוווינער זענען די ערשטע באַפאַלן די ייִדישע פּונקטן.

די אַלטע ישובים פון גליל העליון (איבערשטער גליל)

צ פ ת

צפת איז איינע פון די פיר הייליקע שטעט פון ארץ־ישראל. זי איז די העכסטע שטאָט אין לאַנד 840 מעטער די הויך. אין דער צייט פון דער משנה איז זי געווען באַרימט ווייל אויף אירע פעלדזן פלעגט מען אָנצינדן די שייטערן וואָס האָבן אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון די נייע חדשים.

אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור פאַרנעמט צפת אַ באַזונדער אָרט. אין צפת האָט דער גאון ר' יוסף קאַרו מחבר געווען דעם „שולחן ערוך"; אין צפת האָט געוווינט דער גרויסער מקובל ר' יצחק לוריא אָדער „ארי הקדוש". דאָרט האָבן געשאַפן די פּאָעטן ר' ישראל נגרה און ר' שלמה אלקבץ — דער מחבר פון דער פּראַקטיקער פּאָעזיע „לכה דודי"; און נאָך אַ סך קבלה־לייט און פּאָעטן, באַווירקט פון דער וווּנדערלעכער סביבה. און די מיסטעריעס וואָס האָבן געשוועבט אַרום דער שטאָט, האָבן געפונען אין צפת דאָס אָרט פון דיכטן און אַרויסקוקן אויף משיחס קומען.

פיל האָט געליטן די שטאָט פון ערדציטערנישן און פון די אַראַבישע און טערקישע מושלים. די יידן האָבן אָבער ניט פאַרלאָזט די שמאָלע מיסטעריעזע צפתער געסלעך.

איצט פאַרמאָגט צפת צען טויזנט איינוווינער — אַלע יידן. די אַראַבישע איינוווינער, וועלכע האָבן אין יאָר תש״ח געוואָלט פאַרטיליקן דעם דעמאָלטיקן קליינעם יידישן ישוב פון צפת, זענען צום סוף אַנטלאָפן קיין לבנון אין גרויס שרעק.

עס זענען פאַראַן אין שטאָט קליינע אינדוסטריע און בעלי־מלאכות. דער עיקר פרנסה האָבן אָבער די דאָרטיקע איינוווינער פון די האָטעלן און זומער־וווינונגען, וועלכע ציִען צו אַן אַ שיעור געסט און קינסטלער, צוליב דעם געזונטן קלימאַט פון דער שטאָט און די פּרעכטיקע אַרומיקע לאַנדשאַפטן.

מירון

מירון געפינט זיך ניט ווייט פון דעם וועג עכו־צפת, צופוסנס דעם הויכן באַרג מירון (זשערמאק) אין די צייטן פון דער משנה און תלמוד איז זי געווען באַרימט אַלס צענטער פון תורה און חכמה. פון יענע גאָלדענע צייטן זענען פאַרבליבן רעשטן פון אַלטע שילן און די אויסגעהאַקטע היילן אין די אַרומיקע פעלדזן ווו עס געפינען זיך די קברים פון: הלל און שמאי, רבי יוחנן הסנדלר, רבי יצחק נפחא, און דער באַרימטער פון אַלע, דער קבר פון רבי שמעון בר יוחאי.

ווי באַוווּסט האָלט מען רבי שמעון בן יוחאי פאַר דעם מחבר פון „זוהר״, וועלכער איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן דורך אליהו הנביא אין משך פון די צוועלף יאָר וואָס ער, און זיין זון אלעזר, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די רוימער אין אַ באַרימטער הייל.

אין דעם גרויסן בנין וואָס שטייט אויף זייער קבר ווערט ל״ג בעומר געפייערט די גרעסטע הלולא פון רבי שמעון בר יוחאי. בעת דער פייערונג פאַרברענט מען פעסער פון בעסטן בוימל מיט טייערע זיידענע חפצים, אויף צו באַלויכטן דעם בנין און די סביבה.

ניט ווייט געפינט זיך דער מושב עובדים מירון (1949), פון רעליגיעזן כאַראַקטער, אַ חוץ מיט אַגריקולטור, באַשעפטיקט זיך אויך דער מושב מיט אויסאַרבעטן אַלערליי רעליגיעזע חפצים, ווי: פאַרמעט פאַר ספר תורהס, תפילין און מזוזות, פאַרשידענע געוועבן, טישטעכער אאַז״וו.

גוש־חלב, אייפן וועג צווישן מירון און סאַסאַ. פאַרצייטן איז גוש חלב געווען באַרימט מיט איר בוימל און אויך, ווייל פון איר איז אַרויסגעקומען איינער פון די הויפט־פירער פונעם אויפשטאַנד קעגן די רוימער — יוחנן פון גוש־חלב. די טראַדיציע דערציילט אַז דאָ געפינען זיך די קברים פון די באַרימטע תנאים שמעיה און אבטליון.

סאסא (1949): דער קבוץ געפינט זיך אויף אַ הויך פון 900 מעטער און אויפן

וויכטיקסטן קרייץ־פונקט פון די וועגן פון גליל־העליון. די אַמאָליקע עולי־רגל פלעגן אַהערקומען תפילה טון אויף די קברים פון די באַרימטע תנאים וואָס ליגן דאָ.

ברעם (1949): דער דאָזיקער קבוץ געפינט זיך 2 קילאָמעטער פון דער גרע־נעץ פון לבנון. אין דעם חרובדיקן אַראַבישן דאָרף ברעם זענען פאַראַן רעשטן פון איינער פון די שענסטע שילן פון דער משנה־צייט.

פקיעין: דאָס איז איינער פון די שענסטע דערפער וואָס דער גליל פאַרמאָגט, זיין פּרעכטיקע לאַנדשאַפט ציט צו די טוריסטן וועלכע געניסן אין דער זעלבער צייט, פון דער ראָמאַנטיק וואָס שוועבט אויף דער אָרט. לויט דער טראַדיציע האָבן די יידן פון פקיעין ניט פאַרלאָזט זייער דאָרף ווען ס׳איז חרוב געוואָרן דער צווייטער בית־המקדש, זיי האָבן ווייטער באַאַרבעט זייער ערד און געוואַרט אויף ביאת המשיח. אין יאָר 1931 זענען נאָך געווען 60 יידישע נפשות אין פקיעין. די בלוטיקע געשעענישן פון 1938 האָבן פאַרטריבן אַלע יידן פון דעם דאָרף און נאָך דער באַפרייונגס־מלחמה האָט זיך איין יידישע משפחה אומ־געקערט קיין פקיעין. די איינוווינער פון דעם דאָרף זענען דרוזן, און די גאַנצע צייט וואָס קיין יידן זענען ניט געווען אין פקיעין האָבן זיי אַכטונג געגעבן אויף דער שיל און געהיט אַז דער נר־תמיד וואָס ברענט דאָרט זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.

אין דאָרף פליסט אַ קוואַל וואַסער. לעבן דעם קוואַל איז פאַראַן אַ הייל. ביים אַריינגאַנג פון דער הייל וואַקסט אַ באָקסער־בוים. דערציילט די לעגענדע אַז אין דער הייל האָט זיך אויסבאַהאַלטן רבי שמעון בר יוחאי און זיין זון אלעזר. פון דעם קוואַל האָבן זיי געטרונקען און פון דעם באָקסער־בוים האָבן זיי זיך דערנערט. און טאַקע אין דער הייל האָט ער אָנגעשריבן דעם „זוהר״.

איצט ווערט לעבן דעם דאָרף געגרינדעט אַ נייער יידישער ישוב מיטן נאָמען „ניי־פקיעין״.

די נייע יידישע ישובים אין גליל העליון

ראש־פנה: איז די מאַמע פון די יידישע קאָלאָניעס אין גליל העליון. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1882, אין דעם היסטאָרישן יאָר ווען עס איז גע־גרינדעט געוואָרן ראשון־לציון און זכרון־יעקב אין יהודה און אין שומרון.

ווילד און וויסט איז געווען דער ערגיקער געגנט. שמאָלע סטעזשקעס האָבן זיך געשלענגלט צווישן פעלדזן־שפּיצן. האַרט איז געווען דער באָדן און באַדעקט מיט שטיינער. די איינזאַמקייט האָט געדריקט די סקאַלעס ווו עס האָבן געוווימלט שלאַנגען און עקדישן.

באַלד ווי מען האָט אויפגעשטעלט די ערשטע שטיבער פון ראש־פנה זענען געקומען די טערקישע סאָלדאַטן און זיי צעשטערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון פיבערן, פון אַלערליי פּלאָגן, אָן מעדיצין און אָן הילף. ביז באַראָן ראָט־

שילד האָט געגומען ראש־פּנה אונטער זיין שוץ. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר ראש־פּנה די צייט פון בליִונג און פּראָגרעס.

היינט ציילט ראש־פּנה 1500 איינוווינער וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט אַגריקולטור, פיצוכט און עופות־צוכט. דורך איר גייען דורך די וויכטיקסטע וועגן פון מזרח־גליל.

מטולה (1896): איז די צפונדיקע קאָלאָניע פון מדינת־ישראל. זי שטייט אויף דער גרענעץ פון לבנון, איבעם טאָל עיון, אויף דער הייך פון 525 מעטער. די דרוזן וועלכע האָבן געוווינט אויף דעם באָדן בעת די ייִדן האָבן אים אָפּגעקויפט האָבן אים ניט געוואָלט פאַרלאָזן און האָבן אָנגעטון אַלערליי צרות די נייע קאָלאָניסטן. אונדזערע חלוצים זענען אָבער ביגעשטאַנען אַלע נסיונות, און היינט איז מטולה אַ פּונקט פאַר די זומער־דאַטשניקעס וואָס קומען געניסן פון דער ריינער לופט און שיינער לאַנדשאַפט.

לעבן מטולה געפינט זיך דער באַרימטער וואַסערפאַל „דער אויוון" (התנור), פון 18 מעטער די הייך. די קוואַלן פון דעם „אויוון" קומען פון אַ טייכל וואָס פליסט אין דעם דערבייִיקן טאָל „עיון".

תל־חי, כפר־גלעדי (1916), און אילת־השחר (1918) — זענען דריי קבוצים וואָס האָבן אַריינגעשריבן אין דער היסטאָריע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע פון גליל, איינע פון אירע שענסטע בלעטלעך.

אַלע דריי זענען געגרינדעט געוואָרן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין דירות צום וווינען זענען ניט געווען, זענען די נייע קאָלאָניסטן געגאַנגען שלאָפן קיין מטולה. די נאַכט־וועכטער האָבן געטון זייער אויפגאַבע באַרוועסערהייט... וואַסער האָט מען געבראַכט מיט אַ וואָגן. דער הונגער האָט געהערשט אין דער גאַנצער געגנט. די ענגלענדער און די פראַנצויזן האָבן צוגענומען ביי די טערקן ארץ־ישראל און סיריע. זענען די בעדויִנער אויפגעשטאַנען קעגן די פראַנצויזן. צום אָנהייב זענען די בעדויִנער באַפאַלן נאָר די קריסטלעכע דערפער און אויסגעהרגעט זייערע איינוווינער, דערנאָך האָבן זיי גענומען גרייטן זייערע מערדערלעכע פּלענער אויך קעגן די ייִדן.

זייערע ווילדע באַנדעס האָבן גענומען אָנפאַלן אויף די איינזאַמע ייִדישע קבוצים. זיי זענען אָבער אַלעמאָל פאַרטריבן געוואָרן דורכן הייפל מוטיקע אַרבעטער שומרים פון כפר גלעדי און תל־חי און די העלדישע יונגעלייט וואָס זענען פון אַלע עקן לאַנד זיי געקומען העלפן, אונטער דער אָנפירונג פון יוסף טרומפּעלדאָר.

דער אומגלייכער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ביזן עלפטן אדר, דעמאָלט איז געלונגען אַ גרופּע אַראַבישע אָפיצערן, אונטער דער אָנפירונג פון אַ „פריינטלעכן" עפענדי, אַריינקומען אין דעם הויף פון תל־חי אונטער דעם פאַררעטערישן אויסרייד אַז זיי זוכן פראַנצויזישע סאָלדאַטן...

באַלד ווי זיי זענען אַריינגעקומען אין דעם הויף האָבן די אַראַבישע אָפיצערן געגעבן געוויסע סימנים די בעדויִנער, וואָס האָבן געלויערט אַרום, אַז זיי זאָלן אַטאַקירן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

צום סוף זענען די אַראַבער אַנטלאָפן מיט שרעק. יוסף טרומפעלדאָר איז געלעגן אַ פאַרוואונדעטער — פינף קוילן האָבן אים געטראָפן — און אַזוי אָנגעפירט און געמוטיקט די חברים. נאָך דער אַראַבישער מפלה האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין כפר־גלעדי צום אָפּערירן. אויפן וועג איז ער געשטאָרבן. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד"... אַלע יאָר, דעם 11טן אדר, קומט די יידישע יוגנט קיין תל־חי, אויפן קבר פון יוסף טרומפעלדאָר און זיינע 7 חברים, וואָס זענען העלדיש געשטאָרבן פאַרן פאָטערלאַנד.



יוסף טרומפעלדאָר

רמים (1943): אָדער מנרה. געפינט זיך ביי דער גרעניץ פון לבנון. זי שטייט אויף 880 מעטער די הייך. איר סטראַטעגישער ווערט פאַר די ישובים פון חולה־טאָל איז זייער גרויס. די הויפּט־פּראָבלעם פון דער קאָלאָניע, פונקט ווי פון אירע שפּעטערדיקע שכנים: די ישובים משגב־עם (1945) און מרגליות (1951), איז געווען: וואַסער. 12 יאָר האָבן זיי געפירט זייער קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט באַנוגנדיק זיך מיט רעגן־וואַסער. איצט דערגרייכט שוין צו זיי דאָס פליסנדיקע קוואַל־וואַסער!

דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק די אויסערגעוויינלעכע טעכנישע דערגרייכונגען פון אונדזערע אינזשיניערן צו לייגן וואַסער־רערן אויף דער הויך פון 800 מעטער.

די ישובים אין עמק חולה

דער עמק חולה איז געווען באַרימט מיט דעם פיבער וואָס הערשט דאָרט און מיט דיווילדע בעדואינער מיט זייער פּרימיטיוון־אַרט לעבן, קרענק, נויט און ווילדעניש זענען געווען די באַלעבאַטים פון דעם דאָזיקן פּרוכטבאַרן אָרט.

אויך אַהער זענען געקומען אונדזערע העלדישע חלוצים צו גרינדן איינע פון די ערשטע קאָלאָניעס אין לאַנד ביי די ברעגן פון ים חולה.

יסוד המעלה (1883): איז געווען דער ערשטער ייִדישער ישוב אין דער געגנט. אָן אַ שיעור האָבן זיך אָנגעליטן די איינוווינער פון יסוד המעלה אין די ערשטע זיבעציק יאָר פון איר עקזיסטענץ. נאָך ביי היינטיקן טאָג, איז די גרעסטע האָפענונג פון יסוד המעלה דאָס אויסטריקענען די בלאָטעס פון עמק החולה, וואָס האָלט מיט מזל ביים פאַרענדיקט ווערן.

משמר הירדן (1890): ביים ברעג פון דעם ירדן, ניט ווייט פון דער באַרימטער בריק „בנות יעקב״. זי איז געגרינדעט געוואָרן זעקס יאָר נאָך יסוד־המעלה. די געגנט איז געווען פאַרפּעסטעט פון מאַלאַריע און פון ווילדע שונאים. משמר הירדן איז אָבער אַ סטראַטעגישער פּונקט צוליב דער בריק בנות־יעקב. דורך איר גייט דורך דער אַלטער, באַקאַנטער וועג, קיין מזרח. בעת דער באַפרייונגס־מלחמה איז משמר־הירדן אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן דורך די סיריער. איצט זענען אויפגעקומען אויף איר אָרט די ישובים: הגוברים (1949) און בני צפת (1949) נאָך דעם ווי דער קרן־קימת האָט באַקומען די פּאַפּירן וואָס האָבן זי אויטאָריזירט אָנצוגיין מיט דער אויסטריקענונגס־אַרבעט אין חולה־טאָל, האָט זי צוגעקויפט נייע פּלעצער פאַרן געלט וואָס איז געזאַמלט געוואָרן צום 75־יאָריקן יובילייד פון מנחם־מענדל אוסישקין, דער פּרעזידענט פון קק״ל — און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן זעקס נייע ישובים וואָס זאָלן טראָגן דעם נאָמען: „מצודות אוסישקין״ — אוסישקינס פעסטונגען.

צווישן די טייכלעך וואָס בילדן דעם טייך דן, איינער פון דעם ירדנס קוואַלן, איז געגרינדעט געוואָרן דער קבוץ דפנה (1939), — מצודות אוסישקין א׳, אין דער פאָרעם פון „חומה ומגדל״, זיך צו באַשיצן פון די אָנפאַלן: פון אַ פאַרשאָלטענער מאַלאַריע־נעסט איז דפנה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרוכטבאַרער קאָלאָניע, וועמענס פעלדער, סעדער, גערטנער און ווייַנגערטנער פּראָדוצירן פון אַלעם גוטן. דערצו פאַרזאָרגט זיי דער פיש־באַסיין מיט פיש צום עסן און עקספּאָרטירן.

דן (1939) — מצודות אוסישקין ב׳ — געגרינדעט דורכן „השומר הצעיר״, האָט דורכגעמאַכט אָן ענלעכן וועג צו דפנהס. זייענדיק גרענעץ־ישובים האָבן ביידע מצודות געמוזט תמיד קעמפן קעגן די סירישע אַריינדרינגער און זיי ניט דערלאָזט עפּעס צו דערגרייכן.

שאר ישוב (1940) אָדער עלה רש — די מצודת אוסישקין ג׳, געפינט זיך לעבן דעם צווייטן אָרעם פון דעם ירדן: חרמון (בניס); זי איז תחילת געגרינדעט געוואָרן דורך דעם „העובד הציוני״, אין דער צייט פון דער באַפרייונגס־מלחמה איז דאָ געווען דער פראָנט און מען האָט געמוזט פאַרלאָזן די קאָלאָניע. איצט ווערט זי קולטיווירט פון דעם „הנוער הציוני״ פון אונגאַרן, וועלכער רופט זי „עלה רש״. אַרום דעם דריטן אָרעם פונעם ירדן־שניר (חצבני), איז געשאַפן געוואָרן דער מושב בית־הלל — אויפן סטיל פון חומה ומגדל.

שדה־נחמיה (1940): דאָרט וווּ ס׳קומען זיך צונויף די דריי אָרעמס פונעם ירדן: חרמון (בניס), דן און שניר (חצבני), איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער קבוץ שדה נחמיה, אויסער אַגריקולטור, גערטנעריי, עופות־צוכט און פישצוכט ווי די איבעריקע קאָלאָניעס פון חולה, באַשעפטיקן זיך נאָך די איינוווינער פון שדה־נחמיה מיט אויסאַרבעטן קיך־כלים און מעדיצינישע מכשירים פון פּלאַסטיק.

אין דער מיטעלער חולה זענען געגרינדעט געוואָרן די קבוצים עמיר (1939) און כפר־בלום (1943).

נאות־מרדכי (1946): איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער ערד וואָס איז גע־קויפט געוואָרן פאַרן געלט פון דעם אַרגענטינער יידנטום. נאות־מרדכי געפינט זיך ניט ווייט פון די חולהער בלאָטעס.

אין דעם טאָג ווען די חלוצים זענען אָנגעקומען זיך צו באַזעצן אויפן באָדן, האָבן די אַראַבער זיי אַטאַקירט און צוויי פון די נייע קאָלאָניסטן זענען געפאַלן טויט...

אין דער מזרח־טייל פון חולה זענען אויפגעקומען די ישובים: כפר סולד (1942), שמיר (1944), להבות הבשן (1945), און גונן (1951), ביי דער סירישער גרענעץ. שווער קומט דאָ אָן דאָס אויסראַמען די שטיינער און צוגרייטן דעם באָר־גיקן באָדן פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט!

די ישובים אין מערב־גליל

עכו

עכו געהערט צו די עלטסטע שטעט פון דער וועלט און פון ארץ־ישראל. פון גאָר אַלטע צייטן איז איר פּאָרט געווען באַרימט צוליב זיין קאָמערציעלן ווערט. ווען יהושע האָט איינגעטיילט דאָס לאַנד צווישן די שבטים איז עכו אויסגעפאַלן אויף אשרס חלק. אָבער עכו איז ניט איינגענומען געוואָרן, דער כנעני איז דאָרט געבליבן וווינען, אויך אין דודס און אין שלמהס צייטן איז עכו פאַרבליבן א ניט־יידישע שטאָט. עכו איז תמיד געווען דער טויער פון ארץ־ישראל, צוליב איר וויכטיקן פּאָרט.

אין דער צייט פון בית־שני האָבן זיך אין עכו באַזעצט די גריכן און זי



דער מערבדיקער טייל פון גליל

גערופן „פטאלאמעאיס", דורך דעם עכו־פּאָרט האָבן וועספּאַסיאַנוס און טיטוס געבראַכט זייערע סאָלדאַטן צו באַזיגן יהודה.

די טערקישע מושלים האָבן געמאַכט פון עכו דעם צענטער פון זייער פאַרוואַלטונג.

עכו האָט צוויי טיילן: 1) די אַלטע שטאָט וואָס שטייט אויף אַ האַלב־אינדזל אין איז אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, דאָס איז די „פעסטונג עכו", וואָס אונטער דער בריטישער הערשאַפט איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה. און דאָ זענען געווען אַרעסטירט זשאַבאָטינסקי און אַנדערע חברים פון דער הגנה. איצט איז זי אַן אָרט פאַר גייסטיק־קראַנקע.

די אַלטע שטאָט עכו

פון צפון־מזרח זייט פון דער אַלטער שטאָט געפינט זיך ניי־עכו, וועלכע איז אינגאַנצן אַ יידישע.

פון זינט חיפה האָט אויפגעבליט האָט עכו פאַרלוירן איר וויכטיקייט. איצט איז זי אַ שטאָט פון 10.000 נפשות. די יידישע באַפעלקערונג פון עכו האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן, און אַ ייד האָט דאָרט אויסגעבויט די ערשטע שוועבעלעך־פאַבריק פון לאַנד. אַנדערע אינדוסטריעס אַנטוויקלען זיך אין עכו ווי אויך די קאָמערץ. די באַן־ליניע פון חיפה קיין לבנון גייט דורך עכו.

אַרום עכו געפינען זיך די וויכטיקע ישובים: פון דרום־זייט — „עין המפרץ", ביים טייך נעמן; אין דרום־מזרח — „כפר מסריק", אין דעם קבוץ געפינט זיך די

פֿאַבריק פֿון ציגל און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן; פֿון צפֿון־זייט — לעבן נהריה, שוין אין גליל העליון, דאָס דאָרף „שבי ציון", געגרינדעט אין 1938, אין דער צייט פֿון די ווילדסטע אַראַבישע אַטאַקעס.

נהריה: איז דער וויכטיקסטער ייִדישער ישוב אין עבֿור נידערפֿלאַך. זי באַקומט איר נאָמען פֿון דעם טייך געתון, וועלכער פֿליסט לענגאויס איר הויפּט־גאַס. נהריה איז געגרינדעט געוואָרן מיטן ציל צו זײַן אַ ספּעציעלער אַגריקול־טורעלער ישוב, נאָר צום סוף איז זי געוואָרן איינע פֿון די שענסטע קורערטער אין זומער־דאַטשעס פֿון דעם לאַנד.

יחיעם (1946): דרײַצן קילאָמעטער אין מזרח־זייט פֿון נהריה, אויף 400 מע־טער די הייך, געפֿינט זיך דער קבוץ יחיעם. בשעת דער באַפֿרייונגס־מלחמה איז יחיעם געבליבן אָפּגעשניטן פֿון די ייִדישע צענטערן. די גרופּע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם העלדישן חלוץ בן־עמי פֿון חניתה, וואָס האָט געוואָלט ברענגען הילף און שפּייז קיין יחיעם, איז כמעט אינגאַנצן אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די אַראַבישע באַנדעס. דער טויט פֿון די 47 העלדן איז ניט געווען אומזיסט. די „אַקציע בן־עמי" פֿון דעם ייִדישן מיליטער, האָט באַפֿרייט דעם גאַנצן מערבֿדיקן טייל פֿון גליל, און איינגעשריבן איינע פֿון די מוטיקסטע בלעטער אין דעם העל־דישן קאַמף פֿאַר אונדזער זעלבסטשטענדיקייט.

חניתה (1938), אילון (1938), און מצובה (1940) — אומבאַשצט איז געווען די צפֿונדיקע גרענעץ צווישן גליל און לבנון. די ווילדע אָנפֿאַלער האָבן געהאַט אַ פֿרײַ אָרט ווי אַזוי אַרײַנצודרינגען און דורכפֿירן זייערע רויב־אָנפֿאַלן אומבאַ־שטראָפֿט. כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער לאַגע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1938 די קאָלאָניע חניתה, האַרט לעבן דער גרענעץ פֿון לבנון, אויף דער ליניע פֿון ראש הנקרה.

שוין אין דער ערשטער נאַכט פֿון באַטרעטן דעם באָדן פֿון חניתה, האָבן אונדזערע חלוצים געהייליקט מיט זייער בלוט דעם נייעם ישוב. דער קאַמף איז דערנאָך פֿאַרגעזעצט געוואָרן, און יעדער שטיין און פֿעלדז, דערמאָנען אין פֿאַר־שניטענע לעבנס פֿון אונדזערע העלדן. אָט אַזוי איז דער וועג פֿון זיכערקייט באַ־פֿעסטיקט געוואָרן, און ס'זענען דערנאָך דאָ צוגעקומען די צוויי נײַע בערגיקע פּונקטן — אילון און מצובה, וועלכע זענען די וואַכזאַמע היטער פֿון דער צפֿונ־דיקער גרענעץ פֿון מדינת־ישראל.

אַלגעמיינע דערגרייכונגען פון די ערשטע צען יאָר

די אָנשטרענגונגען פון עם ישראל האָבן דערמעגלעכט צו אַנטוויקלען און באַזעצן דאָס לאַנד און אַריינצונעמען אַ גרויסע עליה.

זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה זענען אַריינגעקומען 850 טויזנט עולים.

די באַפעלקערונג פון ישראל איז געשטיגן מיט העכער אַ מיליאָן נפשות און עס זענען צוגעקומען אַרום 320 טויזנט באַשפייזער.

נייע ישובים זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער תקופה אין אַלע געגנטן פון לאַנד און זייער צאָל איז 430. עס זענען אויך אויסגעברייטערט געוואָרן די עקזיסטירנדיקע ישובים אין שטאָט און אין דאָרף.

לאַנדווירטשאַפט

ס'האָבן זיך באַזעצט אויפן באָדן אַרום 45 טויזנט באַשפייזער אין נייע ישובים און אין די אויסברייטערונגען פון עקזיסטירנדיקע ישובים.

דער באַאַרבעטער באָדן־שטח איז געשטיגן מיט 2,2 מיליאָן דונאַם, דערפון 800 טויזנט דונאַם באַוואַסערטער באָדן.

די פלאַנטאַציע־שטחים זענען געשטיגן מיט 250 טויזנט דונאַם לערך, דערפון 120 טויזנט דונאַם ציטרוס־פרוכט און 130 טויזנט וויינגערטנער און אַנדערע פרוכט־בוימער. מען האָט צוריק אויפגעלעבט אַרום 30 טויזנט דונאַם פרדסים.

עס זענען צוגעקומען 58 טויזנט קעפּ רינדער — אַן אויפשטייג פון 170%.

די שאָף־סטאַדע איז געשטיגן מיט 80 טויזנט קעפּ — אַן אויפשטייג אויף 360%.

אין משך פון דער תקופה זענען אויסגעבעסערט געוואָרן און צוגעקומען צום באָדן־אוצר פון דער נאַציאָנאַלער לאַנדווירטשאַפט אַרום 179 טויזנט דונאַם, וועלכע זענען פריער געווען נישט באַאַרבעטס־פעיק.

170 טויזנט דונאַם זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן מיט נייע וועלדער — אַן

אויפשטייג פון 320%. אין דער תקופה זענען פּאַרפּלאַנצט געוואָרן אַרום 20 מיליאָן נייע בוימער.

אין משך פון די יאָרן 1950—1956 זענען אינוועסטירט געוואָרן 810 מיליאָן ל״י אין דער לאַנדווירטשאַפט און אַ דאַנק דעם איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע דערגאַנגען אין יאָר תשט״ז צו 483 מיליאָן ל״י. דאָס איז אַן אויפשטייג פון 190% אין פאַרגלייך מיטן יאָר תש״ט. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּאָרט האָט באַטראָפן אין יאָר 1956 איבער 43 מיליאָן דאָלאַר, וואָס עס מאַכט אויס 42% פונעם אַלגעמיינעם עקספּאָרט.

אין יאָר תשט״ז האָט די אייגענע שפּייז־פּראָדוקציע אין לאַנד באַטראָפן איבער אַ צוויי־דריטל פון דעם אַלגעמיינעם שפּייז־באַדאַרף אין ישראל.

אַ דאַנק דער פאַרשטאַרקטער לאַנדווירטשאַפטלעכער דערציִונג, פאַכמענישער אינסטרויִרונג, אַ דאַנק די עקספּערימענטן, פאָרשונגען און אויסבעסערונג פון די באַאַרבעטונגס־סיסטעמען, זענען געשטיגן די דורכשניטלעכע גערעטענישן אין אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן (די פעלד־קולטורן זענען געשטיגן אויף 50 פּראָצענט).

באַוואַסערונג

דער כמות וואַסער אין די לאַנדישע, רעגיאָנעלע און לאָקאַלע וואַסער־ווערק איז געשטיגן אויף 450 מיליאָן קוביק־מעטער אַ יאָר.

אין די וואַסער־ווערק איז אינוועסטירט געוואָרן איבער אַ פערטל מיליאַרד ל״י.

אין פּלאַנירן די וואַסער־ווערק און אין אויפבויען עקספּערימענטאַלע דאַמבעס כדי אויסצופּרווון די מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן די וואַסער־קוואַלן, זענען אינוועסטירט געוואָרן אין משך פון די יאָרן אַרום 25 מיליאָן ל״י.

1200 וואַסער־גראָבונגען זענען געמאַכט געוואָרן און עס זענען געלייגט געוואָרן 1400 ק״מ וואַסער־רערן. מען דאַרף באַזונדערס באַטאָנען דאָס איבערפירן וואַסער פון ירקון צום נגב דורך רערן פון 66 צאָל די דיק אויף אַ לענג פון 110 קילאָמעטער.

אינדוסטריע, מינעראַלן און עלעקטריע

אין די געביטן זענען אין די יאָרן 1950—1956 אינוועסטירט געוואָרן 870 מיליאָן ל״י. די אינוועסטיציע האָט דערמעגלעכט אַריינצונעמען 46 טויזנט באַשפעפטיקטע. ביז סוף מערץ 1957 האָט דער צענטער פאַר אינוועסטיציעס אַקצעפּטירט 1.250 נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. גרינטלעכע אַנטוויקלונגס־אונטערנעמונגען זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד פאַרן צוועק פון עקספּלאָטירן די נאַטור־אוצרות — ים־המלח, פאָספאַטן, קופּער אד״גל, כדי צו זיכערן די נויטיקע קראַפט אויף באַוועגן די ווירטשאַפט איז די עלעק־

טרישע קראַפט געשטיגן אויף 290 טויזנט קל״וו, אין פאַרגלייך מיט 58 טויזנט בעת דער אַנטשטייונג פון דער מדינה — אַן אויפשטייג פון 400%.

די אינוועסטיציעס האָבן געהויבן דעם ווערט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אויף 1,820 מיליאָן ל״י אין יאָר 1956. דער אינדוסטריעלער עקספּאָרט אין יענעם יאָר האָט באַטראָפן 60 מיליאָן דאָלאַר.

נאַפט־זוכונגען

ביז סעפּטעמבער 1957 זענען דורכגעפירט געוואָרן אין לאַנד 57 נאַפט־גראָבונגען, אין וועלכע מען האָט אינוועסטירט אַרום 60 מיליאָן ל״י. ביז איצט האָט מען אַרויסבאַקומען 65 טויזנט טאָן נאַפט. דער ווערט פונעם ברען־שטאָף רעזערוו אין די פעלדער פון חלץ ווערט געשאַצט אויף 30 מיליאָן דאָלאַר לערך.

קאָמוניקאַציע

זינט דעם מדינה־אויפקום זענען געפלאַסטערט געוואָרן הויפּט־שאָסייען אויף אַ 800 קל״מ און 500 קל״מ זייטיקע צוטריט־שאָסייען. אין די יאָרן 1950—1957 זענען אויסגעגעבן געוואָרן אַרום 40 מיליאָן דאָלאַר אויף אימפּאָרטירן אויטאָבוסן, לאַסט־אויטאָמאָבילן, טאַקסים א״אַנד. די צאָל פּאַרקער־מאַשינען אין ישראל באַטרעפט היינט 60 טויזנט.

מאָדערנע דיזל־לאָקאָמאָטיוון זענען איינגעקויפט געוואָרן פאַר די באַנען און אַ דאַנק זיי האָט מען געקענט אויסברייטערן דעם באַן־דינסט און פאַרביליקערן די פּרייזן. עס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן באַן־ליניעס, אַ נייע באַן־ליניע ביז צו באר־שבע איז אויפגעבויט געוואָרן און זי ווערט פאַרגעזעצט ווייטער אין דרומדיקן נגב.

עס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן די פּאָרטן פונעם לאַנד, און עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מאָדערנע אויסלאָדונגס־אינסטרומענטן צו פאַרשנעלערן די אַרבעט. אין מערץ 1955 איז די אַלגעמיינע אויפנעם־קראַפט פון ישראלדיקן פּלאָט פון 31 שיפן, געווען 190 טויזנט טאָן. אין 1956 האָבן די ישראלדיקע האַנדלס־שיפן טראַנספּאָרטירט אַרום 700 טויזנט טאָן באַגאַזש, 32% פונעם אַלגעמיינעם ישראלדיקן ים־האַנדל, וועלכער האָט באַטראָפן 2 מיליאָן מיט 170 טויזנט טאָן. די ישראלדיקע פּאַסאַזשיר־שיפן האָבן אין יענעם יאָר איבערגעפירט 73% פון דער גאַנצער פּאַסאַזשירן־באַוועגונג קיין און פון ישראל. עס זענען געמאַכט געוואָרן באַשטעלונגען אויף אויסצוברייטערן דעם פּלאָט ביז איבער אַ האַלבן מיליאָן טאָן.

אין די יאָרן איז אויפגעבויט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פלי־געזעלשאַפט „אל־על", וועלכע האַלט אויף אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד. אין לאַנד גופא איז טעטיק די פלי־געזעלשאַפט „ארקיע". אַרום 76 טויזנט נייע טעלעפאָן־אַפּאַראַטן זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, בכדי צו אַנטוויקלען די טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען צווישן אַלע ישובים אין לאַנד.

וווינונגען

אין עפנטלעכע און אין פּריוואַטע הייזער זענען אין דער תּקופה אינוועסטירט געוואָרן בערך 400 מיליאָן ל״י, און דורך דער רעגירונג, ייִדישער אַגענץ און אַנ־דערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס זענען אויפגעבויט געוואָרן 180 טויזנט איינצלנע דירות, ווי אויך 50 טויזנט דירות דורך פּריוואַטע מענטשן. אַרום 70 טויזנט דירות, געשעפטן און עפנטלעכע געביידעס זענען רעפּאַרמירט און צוגעגרייט געוואָרן צו וווין־צוועקן. די בוי־אַרבעט שטעלט צו סטאַבילע באַשעפטיקונג פֿאַר 40 טויזנט באַשפּייזער.

אין די ערשטע יאָרן האָט מען געמוזט אויפשטעלן צייטווייליקע און איבער־גאַנגס־וווינונגען פֿאַר די עולים אין געצעלטן, אין לייוונטענע און אין בלעכענע באַראַקלעך אאַז״וו. ביז סוף מערץ 1954 זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער פֿאָרעם אַרום 70 טויזנט וווין־פּלעצער, וועלכע זענען ביז היינט לרובֿ ליקווידירט געוואָרן, אָבער אין יענע יאָרן האָט מען זיך אָן זיי נישט געקאָנט באַגיין און זיי האָבן געקאָסט דער מדינה צענדליקער מיליאָן ל״י.

דערציִונג, געזונטהייט, סאָציאַלע פֿאַרזאָרגונג

ביז ענדע תּשי״ז זענען אויפגעבויט געוואָרן 8.500 נייע קלאַסן־צימערן, וועלכע האָבן אַריינגענומען נייע 290 טויזנט שילער אין די עלעמענטאַרע שולן.

ס׳זענען אויסגעברייטערט געוואָרן די אַנשטאַלטן פֿאַר הויך־בילדונג און פֿאַר וויסנשאַפֿט. דער אוניווערסיטעט אין ירושלים ווערט אויפגעבויט אין זיין נייער קריה נאָך דעם ווי ער איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון הר־הצופים; אין רמת־גן ווערט אויפגעבויט דער רעליגיעזער בר־אילן־אוניווערסיטעט. עס ווערט אויך אויפגע־בויט און אויסגעברייטערט דער ווייצמאַן־אינסטיטוט פֿאַר וויסנשאַפֿט, די טעכני־קום־שטאָט ביי חיפה. גרויסע געלט־סומעס זענען אויסגעגעבן געוואָרן אויף ווי־סנשאַפֿטלעכע, טעאָרעטישע און פּראַקטישע פֿאָרשונגען, אויף אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען, וועלכע דעקן אויף אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט און אויף איינקויף פֿון אַרכעאָלאָגישע וויכטיקע קעגנשטאַנדן אין אויסלאַנד (ווי למשל: די „מגילות גנוזות״).

די צאָל בעטן פֿאַר קראַנקע אין די רעגירונגס־ און עפנטלעכע שפּיטאָלן איז געשטיגן אויף 7.700, און עס זענען צוגעקומען 260 קליניקעס פֿאַר באַהאַנדלען מוטערס און קינדער.

עקספּאָרט און פּראָדוקציע

אין די יאָרן 1950—1956 איז דער עקספּאָרט געשטיגן פֿון 74 מיליאָן אויף 171 מיליאָן דאָלאַר — אַן אויפשטייג פֿון בערך 100 מיליאָן דאָלאַר און 132%.

דער עקספּאָרט אויף יעדער פּערזאָן איז געשטיגן מיט 60%, און דאָס איז דער צייט, ווען ישׂראל איז צוגעקומען אַ באַפעלקערונג פֿון 700 טויזנט מענטשן.

די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע איז געשטיגן אויף 90% — פון 1.030 מיליאָן ל״י אין יאָר 1950 אויף 2.059 מיליאָן ל״י אין יאָר 1956. די נאַציאָנאַלע רוי־פּראָדוקציע איז געשטיגן מיט 31% אויף יעדע פּערזאָן. דער יערלעכער דעפיציט אין דעם צאָלונגס־באַלאַנס האָט באַטראָפן אין יאָר 1950, 225 דאָלאַר פּער קאָפּ. דאַקעגן אין יאָר 1956 איז ער געפאַלן ביז צו 195 דאָלאַר, אין דער צייט, ווען די צאָל איינוווינער אין דער מדינה איז געשטיגן אויף 56%.

די רשימה איז נאָך נישט קיין פולקאָמע, און מיט אירע טרוקענע ציפערן און לאַקאָנישע שילדערונגען גיט זי ניט קיין פולקאָם בילד, ווייל אויסער דער אָפענער און זעבאַרער ישראל — איז געשאַפן נאָך אַ ישראל, וועלכע איז נאָך נישט זעבאַר. אויף אַלע געביטן פון לעבן און פון דערווירטשאַפט קומט פאַר אַ מעכטיקע אַקומולאַציע פון גייסטיקע און עקאָנאָמישע פאַרמעגנס. די אַקומולאַציע ווערט אַלץ רייפער, און ווען עס וועט קומען דער מאָמענט, וועט זי זיך אַנטפּלעקן מיט פרישע כוחות. בלויז איין ביישפּיל — דער שטח פון 150 טויזנט דונאַם ניי־פאַרפלאַנצטע פּרדסים און צענדליקער טויזנטער דונאַם אַנדערע פרוכט־בוימער, וואָס זייערע פירות וועלן מיר עסן ערשט אין דער צוקונפט.

אינהאַלט:

	זייט
הקדמה	5
ארץ־ישראל	7
די גרענעצן	7
דער שטח פון מדינת ישראל און איר סיטואַציע	9
דער אויסזען פון לאַנד	10
דער ברעג	10
די שפלה, דער פליין, אָדער עמק החוף	12
דער נגב־פליין	12
דער יהודה־פליין, — די שפלה	15
דער שרון	17
דער כרמל־ברעג	18
דער עכו־פליין	19
די בערג	19
די צענטראַלע בערג־קייטן	19
די נגב־בערג	19
דער מערבדיקער וואַסער־אַראָפּפאַל	21
די באַרג־פּלאַטאָפאָרמע	21
דער מזרחדיקער וואַסער־אַראָפּפאַל	22
די אפרים־בערג	23
דער עמק יזרעאל	24
דער גליל	24
דער אונטערשטער גליל (גליל התחתון)	25
דער אויבערשטער גליל (גליל העליון)	26
דער ירדן־איינבראָך	27
דער חולה־טאָל	29
דער ים־חולה	29
דער ים־כנרת	30
דער ירדן־טאָל	30
דער ים־המלח	32
דער עמק הערבה	33

זייט

35 דער עבר־הירדן

(די הויך־פלאַך וואָס אין מזרח זייט ירדן)

36 דער גלעד — — — — — — — — — — — — — — — — — —
36 דאָס לאַנד מואב — — — — — — — — — — — — — — — —
37 דער באַרג שעיר (אדום) — — — — — — — — — — — — —

39 דער קלימאַט פון ארץ־ישראל

42 די געוויקסן פון ארץ־ישראל (פלאָרע) — — — — — — — — — —
43 זאַמד־געוויקסן — — — — — — — — — — — — — — — —
44 די געוויקסן פון דער שפלה און שרון — — — — — — — — —
44 די בערג־געוויקסן — — — — — — — — — — — — — — —
47 די בעלי־חיים אין אונדזער לאַנד — — — — — — — — — —
48 די איינוווינער פון ארץ־ישראל — — — — — — — — — — —
51 די אַראַבער — — — — — — — — — — — — — — — — —
53 די באַשעפטיקונג פון די איינוווינער — — — — — — — — —
55 טיפּן פון יידישע ישובים אין לאַנד — — — — — — — — — —
55 די אַגריקולטור־פּראָדוקציע — — — — — — — — — — — —
56 מלאכות און אינדוסטריעס — — — — — — — — — — — —
57 נאַטירלעכע רייכטימער פאַר דער אינדוסטריע — — — — — — —
58 תוצרת הארץ — — — — — — — — — — — — — — — — —
60 די קאָמערץ — — — — — — — — — — — — — — — — —
60 די וועגן אין ארץ־ישראל — — — — — — — — — — — —

63 די איינטיילונג פון ארץ־ישראל לויט די פּראָווינצן

63 די ישובים אין נגב — — — — — — — — — — — — — — —
67 די קאָלאָניע־סכאַנציעס אין דעם נגב (מצפּ׳ת) — — — — — —
70 די ישובים אין יהודה — ירושלים — — — — — — — — — —
78 אַלטע שטעט אין דרום־זייט פון ירושלים — — — — — — — —
78 נייע ישובים אין די יהודה־בערג — — — — — — — — — —
81 די ישובים אין דער שפלה — — — — — — — — — — — —
82 די פאַרשידענע טיפּן קאָלאָניעס — — — — — — — — — —
84 יידישע ישובים אין דער שפלה פון יהודה — — — — — — — —
88 די שפעטערע ישובים — — — — — — — — — — — — — —
89 די גרויסע יידישע שטעט אין דער שפלה — — — — — — — —
89 תל־אביב — — — — — — — — — — — — — — — — — —
92 יפו — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
93 פּתח תקוה — — — — — — — — — — — — — — — — —
93 די דריי אַראַבישע שטעט פון דער שפלה — — — — — — — —
94 אַלטע שטעט אין שומרון: שכם, שומרון, שילה — — — — — — —
96 די יידישע ישובים אין שרון און כרמל־בערג — — — — — — —
102 פּאַרצייטיקע ישובים — — — — — — — — — — — — — —
104 די ישובים אין עמק־זבולון — חיפה — — — — — — — — —
105 די באַהאַאיער — — — — — — — — — — — — — — — —

זייט

די גרויסע יידישע ישובים אין עמק־יזרעאל — 107
די עפולה־גרופע — 110
די נהלל־גרופע — 111
די עין־חרוד־גרופע — 112
די ישובים אין בית־שאן טאָל — 114
דער יריחו־טאָל — 118
מצדה — 120
די ישובים אין דרום כנרת אָדער: ירדן־טאָל — 120
די שטעט פון גליל התחתון (אונטערשטער גליל) — 123
די אַגריקולטור־ישובים אין גליל התחתון — 125
די אַלטע ישובים פון גליל העליון (אויבערשטער גליל) — 126
צפת — 126
מירון — 127
די נייע יידישע ישובים אין גליל העליון — 128
די ישובים אין עמק חולה — 131
די ישובים אין מערב גליל — 132
עכו — 132
אַלגעמיינע דערגרייכונגען פון די ערשטע צען יאָר (פון אַ אָפּציעלן באַריכט) 136
לאַנדווירטשאַפט — 136
באַוואַסערונג — 137
אינדוסטריע, מינעראַלן און עלעקטריע — 137
נאַפט־זוכונגען, קאָמוניקאַציע — 138
וווינונגען — 139
דערציאונג, געזונטהייט, סאָציאַלע פאַרזאָרגונג — 139
עקספּאָרט און פּראָדוקציע — 139

ABRAHAM TKACH

ERETZ ISRAEL

GEOGRAFIA

para la Escuela y el Hogar

BUENOS AIRES
1958